STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00962

GEKLIBENE VERK

F. Bimko

Permanent preservation of this book was made possible by
Mr. & Mrs. Sherman Greenberg
in memory of
Philip & Sarah Krugman

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

קלעצקין פארלאג
ווילנע

פ. בימקא

געקליבענע ווערק

ערשטער באנד

דראמען

פארלאג מ. צעשינסקי, שיקאגא, 1936

גנבים

דראמע אין דריי אקטן

פארלאג מ. צעשינסקי, שיקאגע, 1936

ס׳איז בפירוש נישט דערלויבט צו שפּילן אין יידיש
אָדער אין אַן אַנדערער שפּראַך — דורך קיין שום
טעאַטער אָדער וועלכער ס׳איז אָרגאַניזאַציע אויף
דער גאַנצער וועלט, — איידער מ׳פאַרשטענדיקט זיך
מיטן מחבר.

די רעכט אויף אַלע פּיעסען זענען געשיצט דורכן אויטאָר.

Copyright by F. Bimko, New York.

אָנפרעגן אין אייראָפּע ביי:

Łazar Kahan, Warszawa, ul. Nowolipki 32, m. 13.

און אין אַמעריקע:

M. Ceshinsky, 2720 W. Division Street, Chicago ILL.

Printed in Poland

F. Bimko. Dramaty.

Druk. A. Rozensztajn, W-wa, Mławska 5, tel. 11-53-62

דאס פארשניטענע לעבן
פון מיין בליענדע טאכטער
מרים
און טראגיש-אומגעקומענע
חיי שרה

עס שפּילן:

שלמהלע שבר אַ שליאַמגייער.

גייט ס׳רוב בײַ גנבענען בײַנאַכט, אין דער שטיל. שליסט אַ טיר, מאַכט־אויף אַ פענסטער, און זוכט בײַם מינדסטן געררויש צו אַנטלויפן.

הירשל מזיק אַ שאַפּענפּעלער

גייט בײַטאָג, שפּרינגט אונטער אין אַ מינוט ווען די דינסט גייט אַרויס פון שטוב, אָדער אין אַ געשעפט, — מיטאָג־צייט; נעמט ס׳רוב צוביסלעך, מ׳זאָל נישט דערקענען.

אברהם לעפּאַק אַ כּוחגייער

גייט בײַנאַכט, פּאַסט צו שליסלען, און אַז מ׳שטערט אים, איז ער גרייט צו שטעכן, דערוואַרגן, אומברענגען.

וועלוול סוויטניק אַ טאַלטלגייער

זוכט אונטערצוהאַקן אַ וואַליזע אויף די באַן. קריכט אַרײַן אין אַ פרעמדן פּעלץ בײַ אַ דאָקטאָר אין קאָרידאָר, אַר־בעט ס׳רוב אין צוקערניעס.

משה סצערב אַ שליאַמגייער.

נחמן כשר אַן אָנגעבער.

גיט־אָן וואו ס׳ליגט עפּעס באַהאַלטן: געלט, טייערע זאַכן, און ווען דער אייגנטימער פאָרט אַוועק... אויף וואָס פאַר אַ שלעסער ס׳איז פאַרמאַכט. „אַ פּאַסער“, — קויפט גלײַכ־צײַטיק אויף די גנבות.

מירקע שלמהלעס ווײַבל.

קיילע מירקעס באָבע.

ערשטער אקט

אַ שטוב ביי שלמה שבר: זייער מלונה, וואָס איז צוגעקליבן לויטן גע־
שמאַק פון די מענטשן, וועלכע פאַרקערן אין איר.

מ י ר ק ע

א שוואַרץ־חנעוודיק ווייבל, אַ שטיפּערקע, אַ ספּריט, — קוועקזילבער, זינגט זיך אונטער

דער טאַטע איז אַ סמאַראָוואָזשניק,
די מאַמע גנבעט פּיש פון מאַרק ;
דער ברודער איז אַ קאַטאָרזשניק, —
די שוועסטער לעבט מיט אַ ק־אָ־זאַ־ק.

ק י י ל ע

אַן אַלטע יידענע : אַ גראָבע, אַ שווער באַשעפּעניש, אַ שוואַרץ גזשעבלע־פּנים, וואָרצלען מיט האָר אויף די גאָמבע, — ציט אָן אַ גאָל־מעסער אויף אַ רימען

זינג דאָרט, מירקע ; האָב פלי־פייגעלעך אין קאָפּ.

מ י ר ק ע

אויפגעלעבט

מיר קלאָגן ס׳פּנים ? אָנטון אַ מאַסקע ?

ק יי ל ע

וואָלסט געפאָרן צו אַ רבין... גענומען סגולה... געפרעגט אַ מין־עצה...

מ י ר ק ע

טשיקאַווע

באָבע, ס׳אי ערגעץ פאַראַן אַ שיינער רבי ?

ק יי ל ע

ווי פריער

טפו... האָסט אַ מויל, זאָלס דיר פון הינטן שטיין.

מ י ר ק ע

אָן חוזק... באָבע, אַלע רבים מוזן זיין אַלט ? נישטאָ קיין יונגער רבי ?

ק יי ל ע

אַ שיינע מעשה, כ׳לעבן... ענדערט אַ רבי, פאַרשטייסטו, ווערט נפטר...

מ י ר ק ע

וואָס טייטש ?

קײלע

ער שטאַרבט... נאָר, מ׳טאָר נישט זאָגן אַזוי; אויף אַ פּראָסטן מענטש זאָגט מע: ער שטאַרבט...

מירקע

אַ־האַ!

קײלע

נו... קאָן זיך נישט העלפן לאָזט ער איבער אַ זון, וואָס איז ווערט צו זײַן רבי, — ווערט ער רבי.

מירקע

נײַגיריק

דאַכט זיך: ס׳אי דאָ ערגעץ־וואו געשטאָרבן אַ רבי... נײַן, באָבע?

קײלע

טפו... נפטר געוואָרן, זאָגט מע.

מירקע

און די באָבע ווייסט נישט: אויב ס׳אי דאָרט געבליבן אַ זון, אַ יונגער רבי, — וואָלט איך געפאָרן צו אים... פּלאַצט אַרויס מיט אַ פולן מויל געלעכטער
כאַ — כאַ — כאַ!

קײלע

קרום

לאַך... לאַך...

שבר

שטעקט אַרײַן דעם קאָפּ

אַז מײַן ווייבל לאַכט, קיצלט מיך צווישן די לאָפּאַטקעס.

מירקע

לאַכנדיק

אים דאַכט זיך אַלץ, ער גייט אַ וואַלקע אין צירק...

שבר

מיט אַ ברוגזל

ב׳וואָס שטעכעלירסטו מיך?

מ י ר ק ע

װי פריער

גאָרנישט... כ׳לאַך...

ש ב ר

אַנגערירט

מירקע, כ׳װעל דיר װײַזן: כ׳װעל די אַלע ריזן לײגן װי די קעלבער; און נישט זײַן קײן פּאָני־בריות בײַ מיר.

מ י ר ק ע

לאַכט

װער האָט דען עפּעס צו דיר?

ש ב ר

שװערט זיך

ס׳איז אויף פּוץ! װי דו זעסט מיך לעבן, — זײ פאַרדינען אונז אַלעמען...

מ י ר ק ע

ציט אים־אָן

אָבער, האָסט געקריגן גוט אָנגעבראָכן די זײַטן?

ש ב ר

אַ װאױלער יונג! איך האָב אים אויסגעדרײט אַ פוס.

מ י ר ק ע

און אויסגעלעגט אַ האַנט פון גליד װעמען האָט מע?

ש ב ר

ער האָט שוין קײן ברירה נישט געהאַט... געזען ר׳ליגט!

מ י ר ק ע

מיטן געלעכטערל

כאַ — כאַ — כאַ! דערצײל אַ מעשה...

ש ב ר

װאָרט, כ׳װעל נאָר געזונט װערן אויף די האַנט, װעסטו זען: דער רוח װעט זײ נעמען פון שטאָט, און אַנטלויפן װאו דער שװאַרצער פעפער װאַקסט.

מ י ר ק ע

בערע דיך מיט זיי... בערע דיך, וועסטו שיין לייט אַרויסקומען... אַצינד: אַ האַנט, שפּעטער: אַ פוס, און נאָכדעם, — דיך אינגאַנצן קאַלט מאַכן...

ש ב ר

בייז

איך רוק זיי אַ מעסער אונטערן האַרץ!

מ י ר ק ע

מיינסט: זיי וועלן דיר שווייגן? ווילסט ביי זיי צונעמען ס'ברויט? כ'בעט דיך: וואָס גייסטו דיך אָננעמען גאָטס עולה? ביסט געזעצט אויף תּיקון-מדינה: זיי זאָלן קיינעם נישט אָנפּרייערן?

ש ב ר

קאָן זיך נישט אַרויסהעלפן

כ'האָב זיי אין דרערד!

מ י ר ק ע

צעלאַכט זיך פּלוצלינג

ביסט אַ פּרייער, שלמהלע!

ש ב ר

בייז

וואָס לאַכסטו? מירקע, דו גלייבסט מיר נישט? ביסט ערגער פאַר זיי... אומבאַהאָלפן לאַך נישט, מירקע! לאַך נישט, כ'ווער בייז...

מ י ר ק ע

כ'דערמאַן מיך: ווי דו האָסט אויסגעזעצן, ביסט אַריינגעקומען אין זייער אַנטוּעכץ... כאַ — כאַ — כאַ... אַ מפּיל-קינד!... מ'האָט דיר ס'פלייש אויפן לייב נישט אָנגעזוצן...

ש ב ר

מיינסט: די גבורה ליגט אין פלייש?

מ י ר ק ע

ווי פריער

מ׳האָט געמיינט: ער וועט דיך ליגן מיט אַ שנעל... איינשלינגען מיט די פּאַרע...

ש ב ר

ס׳אַ ראָדע, פאַרשטייסט?... ווי הייסט עס דאָרט ביי זיי?... די... די... מו-ס-קו-לן.. כ׳האָב זיי אין דרערד, די מו-ס-קו-לן...

ס ו ו י ט נ י ק

זיין קול פון די אַנדערע שטוב

שבר!

ש ב ר

גיט זיך אַ כאַפּ

אַ כאָלערע...

מ י ר ק ע

ס׳ברענט דאָרט! פאַרוואָס גייסטו נישט צו זיי אַריין? פעלסט אַ יענדרינען אויס צום שטאָס!

ס ו ו ט נ י ק

פון די אַנדערע שטוב אַלץ

שבר!

מ י ר ק ע

זינגט

מיין מאַן האָט פאַרזעצט די מאַרנאַרקע,
און איז געגאַנגען שפּילן אין שטאָס;
ער האָט זיך גענומען אַ צווייטע קאָכאַנקע,
און מיך, — אַדורכגעלאָזט...

ש ב ר

צעהיצט זיך

איי, ביסט אַ סחורה! מירקע, כ׳גיב נ׳קאַפּ פאַר דיר!

מירקע
זינגט מיט הײַך

אַלע האָבן פֿאַרשפּילט,
מײַן מאַן האָט צוריק געװאונען;
די קאָכאַנקע אַדורכגעלאָזט.
און מיך צוריקגענומען.

שבר
קאָן נישט מער אָפּװישן פֿון פּנים די פֿרײד, און גיט זי א כאַפּ אין לופֿטן

מירקע, ביסט אַ שטיק גאָלד! אַ ברילּיאַנט! אַן אוצר פֿון גאָר די װעלט!
אַ כּפּרה: ס׳גרעסטע משא־מתּן פֿאַר דיר... מאַכט מיט איר אַ װינט־מיל כ׳װעל דיך אויפֿפֿרעסן מיט די בײנער...

מירקע
גװאַלד, דער קאָפּ פֿאַלט מיר אַרונטער!

סװיטניק
אויף די שװעל

אַ פֿײער זוכט אים! געמאַכט אַ קאַראַזעליע מיטן קליפּט!

שבר
לאָזט איר אַראָפּ, אַנגעכמורעט

סװיטניק, אַ כאָלערע... װאָס קריכסטו מיר נאָך?

סװיטניק
רופֿט אין די אַנדערע שטוב

לעפּאַק! סצערב! אין מיטן שטאָס זיך צעהיליט מיטן װײַבל, אַ פֿײער זוכט אים!

שבר
מער נאָך אַנגעכמורעט

סװיטניק, װאָס קריכסטו מיר נאָך?

סװיטניק
מ׳האָט דיך אין דרערד פֿאַר אַן אוצר! מײנט: מ׳האָט נאָך נישט געזען אַזעלכע קליפּטן, — אַ פֿײער זוכט אים!

פ. בימקא לייענט זיין דראַמע „גנבים" פאַר דער „ווילנער טרופּע" אין יאָר 1919

ש ב ר

צוואָס ביסטו אַרײַנגעקומען אַהער?

ס ו י ט נ י ק

זאָלסט מיטגיין צום שטאָס!

ש ב ר

גיי, ווער פאַרברענט.

ס ו י ט נ י ק

איך בין אַ פאַרשפּילטער.

ש ב ר

איך האָב דיך נישט געבעטן שפּילן.

ס ו י ט נ י ק

ביסט אַ שטאַרקער?

ש ב ר

כ׳גיי נישט אויף כּח.

ס ו י ט נ י ק

גיב אַ פינף־און־צוואַנציקער, כ׳בין שוין דריי מאָל אַדורך אויף גאָל...

ש ב ר

גיי, טו אויס די הויזן.

ס ו י ט נ י ק

נ׳סיגנעט פאַרבראָקט!

ש ב ר

פאַרזעץ נ׳קאָפּ.

ס ו י ט נ י ק

מיט אַ פינגער

געדענק: ס׳וועט אַ רוח אין דײַן מוטער, די...

ש ב ר

וואַרפט אים אַרײַן אַ מתנת־יד אין פּרעסער

די מאַמע זאָלסטו נישט טשעפּען...

ס ו י ט נ י ק

אַראָפּגעבויגן צו די ערד, הײַלט ווי אַ געשלאָגענער הונט

וואָס שלאָגסטו דיך כאַפּט אויף אים אַ בענקל דו געמיינער שלאַם-גייער, איך שפּאַלט דיר אויף דעם מוח!

ש ב ר

צווישן די צײַן

מיאוסער יאַט!

ס ו י ט נ י ק

הויך

לעפּאַק! סצערב!

ש ב ר

ווי כריער

מאַר-ווי-כער...

ל ע פּ אַ ק, ס צ ע ר ב

קומען בײדע אַרײַן

ס ו י ט נ י ק

ער אַרבעט שוין מיט די ידים, אַרבעטן זאָל ער מיט די מיתה, — אַ פײַער אויף זײַנע געהירן!

ש ב ר

פאַרשטיינערט

די מאַמע זאָלסטו נישט טשעפּען...

ל ע פּ אַ ק

מיט אַ געלעכטער

טאַקע אַ צדקת געווען.

ס ו י ט נ י ק

געאַרבעט ווי אַ מכשפה אויפן מאַרק.

ס צ ע ר ב

זיבן מאָל געזעסן אין קיטש.

ש ב ר

ווילד

גייטס מיר אַוועק פון הינטער די אויגן, כ׳וועל אייך אַלע דאָ צעררייבן...

מ י ר ק ע

קריגט מורא

שלמהלע, האָסט אַ דרערד פאַר זיי...

ס ו י ט נ י ק

דאָס פּיעשטשעט זיך פאַר אים, אַ פייער...

ל ע פּ אַ ק

גיט אים אַ יאָג

אַ סוף, זיי נישט קיין וואוטשאַק, און קום אַריין צום שטאָס.

ס ו י ט נ י ק

ס׳ציט אים מיט אַ מאַגנעט צו די שאַכטע...

ש ב ר

גייענדיק

געדענק, כ׳וועל דיר אַרויסלאָזן די געדערים, סויטניק גנב.

ס ו י ט נ י ק

מ׳האָט אים טיף אין דרערד, ס׳אַ געמיינער נורקע!

ל ע פּ אַ ק

אַז שבר האָט זיך ווידער געשטעלט

גיי... ווידער געמאַכט אַ סטאַציע? שטופּטן אַרויס.

ק יי ל ע

כ׳בין דיך, אסור, נישט מקנא מיט אים; ס׳צעקאָכט זיך אינם ס׳טרפהגע דם.

מ י ר ק ע

פאַר מיר גייט ער אין ד׳רערד אַוויין.

ק יי ל ע

אַ מאַן איז אַ סך צו גלייבן... אַ מאַן טאָר מען נישט מער ווייזן ווי

אַ האַלבן פוס, ווייל, — מ׳ווייסט קיינמאָל נישט, ווי מ׳קאָן אויסשפּילן מיט אים...

מירקע

וועל איך מיר קויפן אַ זאָרג־בענקעלע!

קיילע

כ׳האָב אויכעט אַמאָל אַזוי געטענהט... מיין מאַן, מיר צו לענגערע יאָר, ענדערט וואָס טויג מיר ס׳רעדן?... כ׳וועל זען: ווי ער וועט האַלטן פון דיר, — דו וועסט אָפּלעבן מיט אים נאָך עטלעכע יאָר, און נישט האָבן קיין קינד...

מירקע

באָבע, וואָס בין איך שולדיק? כ׳ווייס: שלמהלע ווייל, כ׳זאָל האָבן אַ קינד... ער וואָלט משוגע געוואָרן פאַר פרייד... איך וואָלט אויכעט אַן אַנדער לעבן בײַ אים געהאַט... די שטוב זיך אויסגעלייטערט... אַ ביסל היימלעכער געוואָרן... און ס׳בייזקייט אים אַראָפּ פונם פּנים...

קיילע

מיט אַ קרעכץ

איי, ווען ס׳מאַכט זיך אַזוי...

מירקע

בייגט זיך אַריבער צו איר, אויפן אויער

באָבע, ס׳ווענדט זיך, אסור, נישט אין מיר...

קיילע

גיי, רעדסט ווי אַ חצופה... כ׳וועל דיך שוין מער נישט פרעגן... מיינסט: כ׳בין אויסן דיין רעה?...

מירקע

און די באָבע מיינט: כ׳מאַך מיר אַ געלעכטער?

קיילע

יונגע קו, וואָס דו ביסט!... האָסט געברויכט אויסזיין בײַ אַ האַלבע וועלט דאָקטוירים... בײַ רביים... בײַ כּישוף־מאַכערס...

מ י ר ק ע

כ׳ברויך זיי אויף כפרות! כ׳וועל אָפּלעבן מיט אים נאָך אַ יאָר, נאָך אַ יאָר... ווייס איך, הירשל מזיק קריגט די נכפּה פאַר מיר...

ק יי ל ע

גוט... גוט... ער זעט: אַ יונג טוט צו דיר אַ לאַך, תּמעלט ער דערנאָך אַ האַלבן טאָג; דו ברויכסט נאָר אָנצינדן ס׳בלוט אין אים, — בין איך דיך שוין נישט מקנא...

מ י ר ק ע

כ׳ווייס נישט: באַלד ווי כ׳האָב מיטן חתונה געהאַט, האָבן שוין די איי־גענע יונגען געלאַכט צו מיר... און ס׳האָט אים גאָרנישט געאַרט... דאָס לעצטע יאָר איז ער אַזוי געוואָרן... וואָס מער ער דערשפּירט זיין שוואַכקייט, — שלעכטער ווערט ער צו מיר... מזיק קומט אַריין, — ער האָט מיך ליב... איך האָב מיך תּמיד אויסגעדרייט פון אים... אַז ער גיט מיך אַ נעם אַריין אין זיינע הענט, — גייט מיר אַדורך אַ ציטער איבערן לייב... ס׳בלוט הייבט־אָן זידן, אין קאָפּ, — זיך מישן... באָבע!

עס הערט זיך אַ פייף פון דרויסן, זי גיט זיך אַ כאַפּ מזיק!

מ ז י ק

קומט אַריין: אַ פלינקער, מיט פלינקע אייגעלעך, אַ כפריט צו נקבות, אַ היטל מיט אַ גלאַנציקן דאַשיק, — ער טוט גלייך אַ קיצל די אַלטע הינטערן אָרעם.

קכ־י!

מ י ר ק ע

ציטערט אויף פאַר פרייד

כאַ־כאַ־כאַ!

ק יי ל ע

אָנגעכמורעט

גיי, שאַף דיר עפּעס ייִנגערס...

מ י ר ק ע

ווי פריער

זי קען נאָך מפלען, מזיק.

מזיק

מיט א פײַף

מ׳ברויך האָבן צו נ׳איר אַ קופּערנעם יצר־הרע...

מירקע

קאָנוואולסירט

כאַ־כאַ־כאַ!

מזיק

טוט איר דעם אייגענעם קיצל

קכי...

מירקע

כאַפּט זיך צוריק

גיי, האָסט דיך נאָך אַלץ נישט געסטאַטקעוועט? בריקעסט אַרום ווי א פערד.

קיילע

די וועלט גיט אײַנעם אַ נאָמען: מזיק.

מזיק

נישט בחנם, קיילע, אַ? א קיצל קכי...

מירקע

דערוואַרימט

כאַ־כאַ־כאַ! ווי מיטן וואונק וואָס דיך צו נ׳איר, מזיק.

מזיק

מיט א מינע

קיילע, איר קענט מאַכן מר־מקום?

קיילע

אַז מײַן שלמהלע וואַרפט מיך נישט אַרויס, ווילסטו מיך הייסן גיין?

מזיק

דרײַ פּויערן וואַרטן אין דרויסן אויף אײַך, – מיט אַזוינע בערד; גייט אַרויס, נעמט אײַך צו די אַרבעט.

ק י י ל ע

פאַרוואָר זאָלסטו לעבן, ווי דו זאָגסט אמת.

מ ז י ק

איר מיינט טאַקע? ס׳גייט מיר אין די לינקע פאה... האָבן מיך געפרעגט: וואו ס׳וואוינט קיילע די גאָלערקע, זאָג איך אייך... פאַר מיינעטוועגן?...

ק י י ל ע

שטייט אויף

זאָלסט מיך נאָר האָבן גענאַרט.

מ ז י ק

געקומען אויף אַ חתולירע, צו, — אַ באַגרעבעניש, דער שוואַרץ יאָר ווייסט זיי, און קאָנען זיך נישט ווייזן מיט איינגעריסטע פנימער אין קאָשציאָל...

מ י ר ק ע

כאַ-כאַ-כאַ!

מ ז י ק

זעצט-זיך צו, און גיט איר אַ וואונק זיך צו זעצן

נו?

מ י ר ק ע

נ׳וואָס וועט זיין?

מ ז י ק

קום אַהער, וועל איך דיר זאָגן.

מ י ר ק ע

זעצט זיך נישט דרייסט

דו זיץ פונדערווייטנס... שלמהלע קומט אַריין, מאַכט ער פון אונז בייזע קאַשע...

מ ז י ק

שבר איז דרינען?

מ י ר ק ע

שפּילט אין שטאָס.

מ ז י ק

אַ כאָלערע אין זיינע ביינער, ער האָט מיך פיינט ווי אַ שפּין...

מ י ר ק ע

ער ווייסט: דו האָסט געוואָרפן אַן אויג אויף מיר...

מ ז י ק

ער איז אַן אייזערנער יונג.

מ י ר ק ע

האָט זיך באַרימט פאַר מ'ר: ר'האָט אַמאָל, בחורווייז, אָפּגעשטעלט אַ וואָגן מיט אַ פּאָר צעבריקעטע פערד, — ביי די ספּריכעס פון אַ ראָד.

מ ז י ק

מיט אַ פייף

אַ גברן!

מ י ר ק ע

מיטן זעלביקן אָטעם

די פערד האָבן זיך אַרויסגעריסן, דער גאַנצער וואָגן אויפגעשטעלט אין לופטן, צעפלויגן געוואָרן אויף שטיקלעך, און ער האָט אים געהאַלטן...

מ ז י ק

דערפאַר ביסטו געלאָפן אויף אים; זיין גבורה האָט דיך פאַרשיכורט.

מ י ר ק ע

אומעטיק

כ'בין געווען פאַרבלענדט...

מ ז י ק

האָסט שמואל חיימען געלאָזט זיצן; ער קאָן דיר נאָך ביזן היינטיק טאָג נישט מוחל־זיין...

מ י ר ק ע

קאפריזנע

כ׳האָב אים נישט ליב געהאַט.

מ ז י ק

וועסט מיר איינרעדן... קליידלעך האָסטו געטראָגן פון אים? צוקערלעך גענאַשט פון זיין האַנט?

מ י ר ק ע

ער האָט מיר איינגעניית.

מ ז י ק

ס׳אי מיר נישט קיין חילוק... הער, מירקע: ס׳אי מיר דיינס אַ רחמנות... איך האָב דיך דענטסמאָל אויכעט ליב געהאַט... כ׳האָב דיר נישט געוואָלט זאָגן, – כ׳בין נאָך גאָר אַ יאַט געווען... און דו אַ שיין מיידל... אַלע יונגעץ זענען געלאָפן אויף דיר: ביינישׂ, שמואל־חיים, אברהם־בער... מילא: היינט ביסטו אַ ווייבל... כ׳ווייס?... וואָס אי מיר דער חילוק?... ווילסט דיך לאָזן אָפּרעדן פון מיר?... גיט איר א כאַפּ אַרום לאָמיר ביידע אַוועק!

מ י ר ק ע

מאַכט זיך אַרויס

גיי... כ׳האָב מורא...

מ ז י ק

וואָס וועסטו דיר פאַרשוואַרצן דיינע יאָרן מיט אים? ס׳וועט דיר זיין באַנג? וואָס לאָזטו איבער דאָ אין שטוב: זיין זויער פנים?

מ י ר ק ע

ווי פריער

גיי... דו ווילסט מיר עפּעס אָפּטון...

מ ז י ק

זאָל איך אַזוי לעבן: ווי כ׳האָב דיך ליב... כ׳דריי מיך אַרום ווי אַ געשלאָגענער הונט... ס׳אי מיר מיאוס פאַרן לעבן... און דו ביסט אַזאַ וואוילע... מירקע... וויל איר אַרומנעמען.

מ י ר ק ע

כ׳וועל מיך נישט לאָזן...

מ ז י ק

יאָגט זיך נאָך איר ארומען טיש

זיי נישט קיין שלעכטע... וואָס ביסטו איינגעשפּאַרט ?...

מ י ר ק ע

אנטלויפט פאַר אים

אַז דו וועסט נישט אָפּשטיין, וועל איך מאַכן אַ גוואַלד...

מ ז י ק

פּאַקט איר

אַצינד וועסטו נישט אַרויס קיין לעבעדיקע פון מיינע הענט.

מ י ר ק ע

קוויטשעט

גוו-אַ-אַ-אַ-ל-ט !

ש ב ר

גיט אַ פאַל אריין, — צעטומעלט, ווילד ווי אַ חיה, און לייגט איפ אוועק מיט איין כמאַל צו די ערד

ס׳וועט אַ פייער אין דיינע אויגן, מזיק !

מ ז י ק

שטייט אויף

אַ כאָלערע... לאָזט נישט לייגן קיין פינגער אויף איר...

ש ב ר

מירקע, זיך וועל איך אָפּהאַקן די לעבער.

מ י ר ק ע

קריכט פאַר אים אויף די גלייכע ווענט

וואָס ווי-ל-ס-טו פון מ-י-ר ?

ל ע פּ אַ ק, ס צ ע ר ב, ס ו י ט נ י ק

קומען אַלע אריינצוגיין

ס ו י ט נ י ק

אַ רגע ס׳זאָל אַראָפּגיין גלאַטיק.

ש ב ר

ווי פריער, מירקען

דו גיי מיר אַוועק פון הינטער די אויגן...

מ י ר ק ע

שטאַמעלט

של־מה־לע...

ס ו י ט נ י ק

האָט צופיל ס׳קדחת פּאַר איר.

ש ב ר

מירקען

מירקע, היט דיך... היט דיר די ביינער...

מ י ר ק ע

רוקט זיך הינטערוויילעכס אַרויס.

ס צ ע ר ב

דערביייזערט

ווען ס׳קומט צו אַ משא־מתן, — האָט ער צו טון מיטן קליפּט; נאָך אַ פּאָר טעג איבערצוקומען די שיין, — אויף די אַנדערע וואָך האָבן מיר שוין די שוואַרץ...

ס ו י ט נ י ק

שבר האָט דאָך אַ קליפּט, אַ פייער זוכט אים!

ל ע פּ אַ ק

פאַרויכערט, קאַלטבלוטיק

יאָ... יאָ... האָט זיך אָנגעהאָנגען אַ שטיין אויפן האַלז, וואָס וועט אים סוף־כל־סוף אַראָפּשלעפּן אין דרערד אַריין...

ש ב ר

ס׳זידט אינם

לעפּאַק, טשעפּע נישט...

ס ו י ט נ י ק

ער האָט שוין אַ מישונג אויף די געהירן...

ש ב ר

פאַרמעסט זיך

כ׳וועל דיר געבן אַ לאַפּ, וועסטו זיך איבערדרייען.

ס ו י ט נ י ק

שטעלט זיך אַקעגן

און איך וועל דיר אַריינוואַרפן אַ מ׳שברך אין פּרעסער, אַז די רויטע יוך וועט דיך באַגיסן.

ש ב ר

קערט זיך אָפּ

מיאוסער יאַט.

ס ו י ט נ י ק

אין גרויסן

אַ שטאַרקער! זינט ר׳איז געגאַנגען אַ וואַלקע אין צירק!

ש ב ר

פּלוצלינג

וואָס ווילט איר פון מיר? כ׳וועל אייך אַלע דערהרגענען... גייטס מיר אַוועק פון הינטער די אויגן... נעמט שאַרן מיט די הענט.

מ י ר ק ע

פליט אַריין פון די אַנדערע שטוב, קלעפּט זיך צו צו־אים, און לעקט אים ווי אַ קאַץ

וואָס רייצט איר אים? סוויטניק גנב, ס׳זאָל דיר אַזוי קאָכן אויפן האַרץ, — ווי ס׳קאָכט אים...

ש ב ר

קען זיך נישט שטילן

דערהרגענען... די בעביכעס... די געדערים אַרויסלאָזן...

מ י ר ק ע

שלמהלע, זיי אַ מענטש...

ס ו י ט נ י ק

אַ כאָלערע... ווי זי מאַכט דאָס די אָנשטעלן...

ש ב ר

גיט זיך אַ ריס

לאָז מיך, מירקע, — מ׳וועט דאָ באַלד צונויפקלויבן זיינע ביינער אַ׳ן אַ זעקל...

ל ע פ אַ ק

גיט אַ וואָרף סויטניקן

הולך! זעט: ער ליגט שוין באַלד אין די שווערע קרענק, און רייצט זיך מיט אים...

ס צ ע ר ב

מיט אַ שפּײַ

ס׳אַ יאָלד געוואָרן.

מ י ר ק ע

קום, שלמהלע! וועסט עפּעס נעמען אין מויל אַריין, — זיך דער קאָפּ דיר אויסלייטערן...

ש ב ר

לאָזט זיך פירן

די בעביכעס... די געדערים... אָפּ מיט איר.

ס צ ע ר ב

באַדויערט

אַמאָל געוועזן אַ קינצלער אויף אַ שלאָס.

ל ע פ אַ ק

פאַרויכערט

ס׳פעלט אים אַ יאַטל, כאַ-כאַ-כאַ...

מ ז י ק

זאָל איך פאַרשפּילן די פריי, אויב כ׳וועל עס אים נישט צודינען...

כ ש ר

צאַן אַלט יידל, שלעפּט אַ פוס, — טויבלעך; אַ הויכע פּלייצע, צוליב וואָס דער קאָפּ קומט ביי אים אויס אויסגעבויגן, ווי ביי אַ פערד פון שפּאַן אַרויס, קושט די מזוזה ביים אַריינגיין.

ס צ ע ר ב

דערפרייט

ר׳ נחמן כשר האָט שוין אוודאי עפּעס פאַרגעריכט אַ שטיקל אַרבעט.

כ ש ר

טויבלעך

אַ ?

ס צ ע ר ב

איר האָט עפּעס אַ משא-ומתן ?

כ ש ר

שאָקלט מיטן קאָפּ

מילא-אוודאי.

ס ו י ט נ י ק

ר׳ נחמן, אַ רינג קויפט איר ?

כ ש ר

שטעלט אויף ס׳אויער

אַ ?

מ ז י ק

שיסט צו-נ׳אים; ער דערהערט נישט.

ס צ ע ר ב

געמאַכט אים פאַר אַ לייט, די תפיסה.

ל ע פ אַ ק

לאַנג געזעסן ?

ס צ ע ר ב

דריטהאַלבן שאנות, — אַ וויראָק.

ס ו י ט נ י ק

אויפן אויער

איר וועט זיין אַ סוחר אויף אַ רינג?

כ ש ר

מיט א קנייטש

מילא-אוודאי.

ס ו י ט נ י ק

צו לעפאקן

ווייז נאָר אַהער ג׳סיגנעט.

ל ע פּ אַ ק

קאַלטבלוטיק

אין די ציין אַריין!

ס ו י ט נ י ק

און פּאַרקויף אים דו, אַ רוח אין דיין פּאָר אין מיטן מאַרק אַריין! ווי-פיל שטייסטו אויף אים?

ל ע פּ אַ ק

באַווייזט אים נחמנען

נאַט אייך ס׳כלי.

כ ש ר

קוקט אויף אים מיט א גלאָז

דאָס אינגאַנצן?

ס ו י ט נ י ק

וואָס גיט איר פאַר אים?

כ ש ר

וואָס ווילסטו?

ס ו י ט נ י ק

באַווייזט א האַנט פינגער

פינף מאות...

כשר

ווייזט אים

צוויי?

סוויטניק

אויף די האַנט

האָר! ווייל אים נעמען.

לעפּאַק

אין די ציין אַריין! נעמט אים, לייגט אין בייטעלע פּרווּוּ נישט קאָסטן קיין מלוגה-געלט...

סוויטניק

איר קאָנט גיין עפּעס העכער?

כשר

שוין אַזוי אויכעט צו שטאַרק באַטרעטן; כ'וועל נישט מאַכן קיין געשעפט ביי אים...

סוויטניק

אוודאי... איר האָט תמיד ליב ג'קאָפּ צו פאַרבינדן. ציט אויס די האַנט

אַ מאה דערלייגט איר?

כשר

גיט אים די האַנט

אַ פיפציקער.

סוויטניק

מזל טוב!

לעפּאַק

גיט אַוועק דעם רינג

איך שטיי אויף אים מיט אַ הונדערטער.

כשר

צאָלט זיך אויס מיט זיי



מאָריס שוואַרץ אין דער ראָל פון „שבר" אין יאָר 1920

ס צ ע ר ב

מזיק, עפּעס געמאַכט דאָרטן אויפן שפּרונג?

מ ז י ק

מיט אַ פּייף

מאָגער!

ס צ ע ר ב

געווען שלעכט אָנגעגעבן?

מ ז י ק

די כאָלערע ווייסט... געבּרויכט פּתוחהן אַ קאַמוד, איז מיר דער שטומפּ געקומען אויפן פּנים, — און געמוזט גיין פּלטה.

ס צ ע ר ב

האָסט מיין מזל.

מ ז י ק

ס'גייט נישט, אַזוי ווי מ'וואָלט אָפּגעשניטן.

ס צ ע ר ב

דו ביסט כאָטש אַ גליקלעכער מענטש, ברויכסט נישט וואַרטן אויף די שוואַרץ.

ש ב ר

קומט אריין

אַ... ר' נחמן איז דאָ; עפּעס אַ רעכטן שלאָם?...

מ ז י ק

אפשר גאָר אויף אַ שבּרונג?

ש ב ר

אַזאַ יאָר אויף דיר, ס'אַר שאָפּענפּעלער דו ביסט.

כ ש ר

ציט אויס

אַ וואַזש-נע משא-מתן...

ס צ ע ר ב

טאַקע?

באַוועגונג

כ ש ר

זעצט זיך אַוועק, שניפּט דעם טאַבאַק, אַלע אַרום אים אַרומגעזעצט און אַרומגעשטעלט

אַ געלט־מלונה.

מ ז י ק

מיט אַ פּייף

אַ פּעטער ביסן!

ס צ ע ר ב

דערנערווירט

די ווער ראָד געבראָכן.

כ ש ר

זינט מ'איז אָנגעגאַנגען אויפס כוח ביים ביק, און געטראָפן די עטלעכע טויזנט קערבלעך, — אַזוי האָט ער מורא צו האַלטן ס'געלט ביי זיך אין שטוב, און דאָס אָפּגעגעבן צום אַלטן פּאָטער זיינעם, שמואל ביק, אויף מלונה.

מ ז י ק

טוט אַ פּייף

כ ש ר

שמואל ביק מיינט: ס'וועט קיינער נישט פּאַלן אויפן שכל; אַזאַ עובר ובטל, — ס'זאָל ביי אים דאָרט ליגן אַזאַ פאַרמעגן!

ס צ ע ר ב

שוין אויסגעקוקט ס'באַוואוינונג?

כ ש ר

אַ שטוב מיט אַ קיכל.

ס צ ע ר ב

און ס'פאַרמאַכעכטס?

כ ש ר

נישט באַוואָרנט ; ס׳געלט ליגט אויפן וואָוטש...

ל ע פּ אַ ק

אַ גרינג משא־ומתן ; ס׳איז אויפן גאַנצן זיכער.

ס צ ע ר ב

מ׳קאָן אַ סך אָנגיין ?

כ ש ר

ס׳האָט קיין שיעור נישט.

ס ווי ט נ י ק

איר ווייסט וואו צוצוגיין ?

כ ש ר

אין די אַנדערע שטוב, פון באַלקן אַראָפּ, העננט צו די וואַנט־צו, — אַ שענקל מיט ספרים ; צווישן די ספרים ליגט פּאַפּיר.

מ ז י ק

מיט אַ פייף

זיי וועלן זיך שוין איינמאָל איינרייבן נ׳ביילייק.

כ ש ר

אין שופלאָד פונם שענקל ברויך ליגן צירונג.

מ ז י ק

טוט אַ פייף

כ ש ר

אין לאָמפּ איז די גרויסע קנויל אויסגעליידיקט פון שרויט, און אָנגעפילט מיט גאָלד.

מ ז י ק

מיטאַמאָל

איך וואָלט עס געמאַכט אויפן שפרונג, — אין אַ שבתדיקן פרימאָרגן, ווען זיי גייען ביידע אַוועק צום דאַוונען.

ס ווי ט נ י ק

יאָ, סיי אום יום־כּפּור.

שבר

פסקנט אָפּ

ס'אַ שלאָם!

לעפּאַק

מ'קאָן אויףביידע נישט זעצן; ס'גלייכסטע: נעמען בערד, און צווישן טאָג און נאַכט אַריינפּאַלן מיט שפּייערס אויף כּוח. — ס'וואָלט קיין האָן נישט געקריייעט.

סצערב

מ'וואָלט געברויכט אַראָפּברענגען אָלעק „ריזיקאַנט", ער זאָל עס אַרומאַרבעטן; אַ שאָד, אַזאַ משא-מתן זאָל גיין פאַרשיט.

לעפּאַק

ס'פעלן אים מענטשן, — אַלע דרייען זיך אַרום ווי די וועלף.

סוויטניק

חנדעלט שלמהלען

שבר וועט עס אויכעט מאַכן, אַ פייער זוכט אים!

סצערב

מ'קאָן אים אָבער נישט געטרויען; אין מיטנדרינען קאָן אים אונטערפליען אַ שמע קולינו, — און ער לויפט אַהיים צום קליפּט.

סוויטניק

ס'אי אמת, אַ פייער זוכט אים!

לעפּאַק

פאַרויכערט

ווייס איך, ס'וועט שוין פונם קיין לייט נישט ווערן; אַ יאַט נעמט און פאַרדרייט זיך אַ קאָפּ מיט אַ ווייב, — ס'האָט אים צוגעפּעלט ווי אַ פינפטער ראָד צום וואָגן.

כּשר

וואָס האָט זיך אָנגעשטופּט אַ פולע נאָז מיט טאַבאַק

עולם, אַ גלייכער שותּף.

סצערב

גוט, גוט... זעט אייך אַרום וועגן נאָך אַזעלכע געשעפטלעך, — נאָך אַ פּאָר טאָג בלייז צו די שוואַרץ.

כשר

מיט אַ קנייטש

מילא־אוודאי. פאַרנעמט זיך גיין אַ גלייכער שותּף.

לעפּאַק

רופט אים צוריק

ר׳ נחמן, זייט מוחל! איך וואָלט נישט געקאָנט זיין ביי אייך אַ פּאָר טאָג אויף מלונה?

כשר

קערט זיך אום פון די שוועל אַראָפּ

אַ?

לעפּאַק

אויף אַ לינקע כתובה?

כשר

פאַרהערט

כאַ׳ליבע?

מזיק

מיט אַ פייף

מ׳קאָן מיט אים וועלטן פירן; איבער וואָס מ׳ברויך רעדן אין די שטיל, — מוז מע צו אים פויקן אויפן באַ־אַבאַן.

לעפּאַק

אויפן אויער

אויף מלונה!?

כשר

וואָס האָט־זיך געכאַפּט, באַשטייט

מילא־אוודאי.

מ ז י ק

לעפּאַק, דער אַלטער איז אויסגעשחורט, — קאָנסט פון אים אַריינפּליען אין קיטש.

ל ע פּ אַ ק

אַ מיאוסע מעשה... זיך גיין אַראָפּווייזן אין שטאָט, איז אַ ביטערניש...

ס ו י ט נ י ק

קאָנסט בלייבן נאַכט בייס שבר.

ס צ ע ר ב

דאָ האָב איך מלונה.

כּ ש ר

כאַפּט זיך ביי דעם וואָרט

אַ?

ל ע פּ אַ ק

אויפן אויער

מ׳קאָן צו אייך קומען אויף אַ הופש?

כּ ש ר

מילא=אוודאי. אָפּ

ל ע פּ אַ ק

מיין כפּרה! ס׳איז פון אים גרינג צו=ציען פּלטה. פאַרנעמט זיך צו גיין.

ס ו י ט נ י ק

וואַרט, כ׳גיי אויכעט.

ל ע פּ אַ ק

אין טיר

נו, קום!

ס ו י ט נ י ק

כ׳וועל נאָר קריגן אַ שלעפּ צו טון. כאַפּט דעם פּאַפּיראָס ביי סצערבן, און נעמט אי־ציען אָן אויפהער.

ס צ ע ר ב

סוויטניק, אַ רוח, — האָסט דאָך אים שוין באַלד אויסגעזויגן. קריגט אים צוריק גאָרנישט געלאָזט פון אים.

מ ז י ק

שאַרט מיט די הענט דעם רויך

טפו, אָנגעמאַכט אַ גאַנצן קאַלך-אויוון אין שטוב.

ל ע פ אַ ק, ס ו ו י ט נ י ק

ביידע אָפּ

ש ב ר

נאָך אַ ווײַלע

מזיק, וואַרף דיך אַרויס!

מ ז י ק

צעזינגט זיך

אַ קרענק דיר אין קאָפּ.

ש ב ר

הייב די לעפל.

מ ז י ק

האָט שוין ס׳קדחת פאַרן קליפּט.

ש ב ר

כאַפּסט אַ קלונג אין די ציין!

ס צ ע ר ב

מישט זיך אַריין

אין דרערד אַריין מיטן קאָפּ, מ׳וועט מאַכן נאַכט.

מ ז י ק

ס׳וועט אים אַ סך העלפן, יאָ, — אַ כאָלערע. אָפּ.

ש ב ר

גיט זיך אַ וואָרף נאָך אים אויף די טיר, ווי אַ ווילדער אָקס

אַ פייער! פאַרוואָס האָב איך אים נישט צעריבן צווישן די הענט? דעם

שאַרבן פון קאָפּ צעפּלעט? כ'וואָלט קיין גאַנצן ביין אין אים נישט גע־לאָזט. מיט אַ פויסט אין דרויסן אַרויס מזיק!

ס צ ע ר ב

ס'אי פון דיר געוואָרן אַ נישט־גוטס! מ'מעג דיך אַוועקפּירן אין אַ מע־נאַזשעריע, אַריינזעצן אין אַ שטייג הינטער קראַטן, אַ נישט, — אָנבינדן אויף אַ קייט.

ש ב ר

צעמישט

וואָס קריכט ער? סצערב, וואָס וויל ער פון איר? ס'וועט זיי אַלע אַ פייער אין זייערע געהירן, — זיי וועלן נישט אויפהערן קריכן.

ס צ ע ר ב

וויל אים איינגעמען

שטיק אָקס! ער מיינט דאָך דיר דאָס אומישנע.

ש ב ר

ווי פריער

כ'וועל מיך דערהרגענען... כ'וועל נישט לעבן... שלאָגט זיך מיט די פויסטן איבערן קאָפּ וואָס קריכט ער צו איר?...

מ י ר ק ע, ק יי ל ע

פאַלן אַריין פון די אַנדערע שטוב

מ י ר ק ע

ווי איז מיר, ער האָט דאָך נישט קיין צורה פון אַ מענטש. וויל אים איינגעמען.

ק יי ל ע

שפּייט אויס

אַ בייזער חלום, אַ בייז באַגעגעניש, — האָט אָפּיר מיט יענע לייט. אַפּ.

מ י ר ק ע

שלמהלע, וואָס האָסטו פון דיר געמאַכט? ס'איז דיך באַלד נישט צו דערקענען...

סצערב

ברענען זיי ביידע אויפן פייער ; איך וועל דאָ שטיין און צוהערן זייערע מעשיות, — דאָס וועט זיין מיין פרנסה ? מ׳ברויך זיך ערגיץ לאָזן אויף בלינד, — מ׳איז אָן אַ גראָשן ביי די נשמה. אָפּ אין גאַס.

שבר

קלאַפּט זיך אין האַרץ אריין

מירקע, פאַרוואָר זאָלסטו מיך באַגראָבן הינטער אַ פּלויט... זאָל איך פוילן ביים לעבן... הערסט, די פריי זאָל מיר אַזוי דינען, — ווי דו מוזט מיר זאָגן דעם אמת : וואָס האָט ער דיך געיאָגט, דער מזיק ?

מירקע

שטייף

ביסט משוגע.

שבר

ווי פריער

מירקע, וואָס האָט ער פון דיר געוואָלט ?

מירקע

כ׳זאָל אַזוי וויסן פון שלעכטס.

שבר

פאַרברענט זאָל ער ווערן גיט זיך אַ וואָרף צו די טיר די ביינער וועל איך אים קרייזלען !

מירקע

כעס דיך נישט, שלמהלע ; האָסט אַ דרערד פאַר אים.

שבר

ווי דו זעסט מיך אַ לעבעדיקן : כ׳וועל דיר גאָרנישט טון. נעמט זיך צונויף מירקע, פאַרוואָר זאָל איך פאַרברענט ווערן, ווי דו מוזט מיר זאָגן דעם אמת : ער איז געקראָכן צו דיר ?..

מירקע

טרעט אים אָפּ מיט שרעק

שלמהלע.

שבר

ווייכער

קרוינעלע, האַרצעלע מיינס, דו ביסט דאָך צו מיר גאָר אַן אַנדערע געוואָרן... כ׳קוק אין דיינע אויגן, זע איך עפּעס אַ פרעמד פייער... ווער האָט דאָס פייער דאָרט אָנגעצונדן?

מירקע

ס׳דאַכט זיך דיר בלויז..

שבר

נעמט איר אַרום

קוק אויף מיר, מירקע... נעם מיך אַרום מיט דיינע הענט... דריק מיך... וואָרג מיך... דערוואָרג מיך, און כ׳וועל דיר גאָרנישט טון...

מירקע

קעציש

שלמהלע, דו ביסט אַזוי שלעכט צו מיר...

שבר

ניין, דיך האָב איך ליב... כ׳וואָלט דיך גערן אויפגעפרעסן... שלעכט בין איך נאָר צו זיך אַליין... זעסט: אַז דו גייסט אַמאָל אַוועק, כ׳בלייב אַליין איבער אין שטוב, פאַלט אויף מיר אָן אַזאַ מרה-שחורה, אַז כ׳נעם מיך אַליין שלאָגן .. וועסט מיר גלייבן?... באַווייזט אויף די הענט. זעסט: דעם פלעק האָב איך מיר אַליין געמאַכט... אין מיטן שלאָף האָט מיך אָנגעכאַפּט אַזאַ שלעכטקייט, אַז כ׳האָב מיר אַ שטיק פלייש אָט-אָ-דאָ געוואָלט אויסרייסן...

מירקע

ווי איז מיר, ס׳אַר בלאָער צייכן... און פאַר מיר זאָגסטו גאָרנישט?

שבר

כ׳קנייפּ מיר אויס שטיקער פלייש, ס׳בלוט צעקאָכט זיך אין מיר... דער קאָפּ הייבט אָן צו זעצן...

מירקע

דערשראָקן

שלמהלע! שלמהלע! כ׳קריג מורא פאַר דיר... דו ביסט עפּעס אַזוי...

ש ב ר

געפאלן

כ'האָב מיר פאָרגענומען: נאָך די חתונה, כ'וועל האָבן אַ קינד, וועט צוזאַמען מיטן קינד ביי מיר אויך אַן אַנדערע שטוב ווערן... אַן אַנדער הויז... זיין ליכטיקער אין די ווינקעלעך... דאָס קינד וועט רייניקן דאָס, וואָס מיינע הענט האָבן פאַראומרייניקט... און אַז ס'וועט אונטער־וואַקסן, מיט דעם אַוועק אין די וועלט אַריין, — ס'זאָל קיינמאָל נישט וויסן וואָס דעם טאַטנס פרנסה איז געווען...

מ י ר ק ע

לאַכט

גאָרנישט געוואוסט: אַז דו שעמסט דיך אַזוי מיט דיין פרנסה... כאַ־כאַ־כאַ... בייזע גערדאַנקען פליען דיר אַרום אין קאָפּ... שלמהלע, גיי, לייג דיך שלאָפן, — דו ביסט מיר עפּעס נישט מיט אַלעמען...

ש ב ר

מירקע, דו ווילסט מיר נישט גלייבן?... ניין?... גיט איר אַ וואָרף דו ביסט אַ שלאַנג... נישט מער די אייגענע מירקע... אַ פרעמדע ביסטו מיר, אַ פרעמדע...

מ י ר ק ע

לאַכט פאַרצווייפלט

כי־כי־כי...

ש ב ר

ווילד

דעם מזיקס געלעכטער זע איך אויף דיינע ליפּן, זיין געלעכטער...

מ י ר ק ע

מזיק האָט מער שכל אין נאָגל, ווי דו אין קאָפּ...

ש ב ר

דערצינדן

ווער?... מזיק?... דער יאַט?... איך צעטרעט אים ווי אַ וואָרים...

מ י ר ק ע

לאַכט ביטער

ש ב ר

לאַך נישט... כ'ווער ווילד... דער קאָפּ הייבט מיר אָן צו זעצן... מירקע..

מ י ר ק ע

קוקט זיך אַרום, פול מיט שרעק, פאַרמעלט פאַרלוירן

באָבע... באָבע...

ש ב ר

בייגט איר אַראָפּ צו די ערד

צעטרעטן וועל איך דיך... דערוואַרגן... דער-שטי-קן..

מ י ר ק ע

טוט אַ אַריסטערלישן קוויטש

ק יי ל ע

אין די טיר, דערשראָקן

מ י ר ק ע

וואַרפט זיך צו איר אויפן האַלז

באָבע, ער איז משוגע געוואָרן; כ'וועל נישט לעבן מיט אים.

פ אָ ר ה אַ נ ג

צווייטער אקט

שט לאַנג דערנאָך.
ינאינדי זעלביקע שטוב.

ש ב ר

שטייט, באַטראַכט אַ פּעקל כּלים: שליסלען, וויטרעס, דראָטן, אייזנס, און אַנדערע מכשירים

מירקע, ס׳פּעלט מיר אַ שטיקל. נאָך אַ ווײַלע מירקע, ס׳פּעלט מיר אַ שטיקל.

ס צ ע ר ב

נו, מ׳ווייסט דאָך שוין: אַז ס׳פּעלט.

מ י ר ק ע

בייז

ס׳האָט דיר קיינער נישט געריר ט.

ש ב ר

סצערב, דו האָסט דיך נישט צוגעכאַפּט?

ס צ ע ר ב

אַ וואַזשנע אַנטיק, ס׳לוינט.

ש ב ר

כ׳האָב עס אַוועקגעקויפט ביי איינעם, וואָס האָט געמאַכט עוקר קיין אַמעריקע.

ס צ ע ר ב

אומגעדולדיק

שפּעטער דערציילן מעשיות... ווי לאַנג, זאָג מיר, — קלערסטו צו פּטרן צייט? אַ שיינעם שוואַרץ האָב איך דאָס, זינט כ׳האָב מיך צוזאַמענגעפּאָרט מיט דיר.

ש ב ר

אַ כאָלערע, זיי האָבן מיך שוין באַלד געמאַכט פאַר אויס בעל־מלאכה.

ס צ ע ר ב

ווייז נאָר אַהער וואָס דו נעמסט מיט!

ש ב ר

גיט אים

לאָז נישט עפּעס אַראָפּ; מ׳ברויך דיר קוקן אויף די פינגער?

ס צ ע ר ב
באַקוקט זיי
בעסערע שטיקלעך וואַלגערן זיך ביי מיר אונטערן בעט.

ש ב ר
אַלץ האָט ער, און אַז ס׳קומט צו אַ שטיקל אַרבעט, — קוקט ער יענע אין די האַנט אַריין.

ס צ ע ר ב
אָנגעריירט
שבר, כ׳וואָלט דיר געוויזן, — ווען כ׳בין נישט קיין האָז פון די היים.

ש ב ר
מיטאַמאָל
סצערב, דו ווילסט דורכויס היינט גיין אויפן משא-ומתן?

ס צ ע ר ב
דו שטייסט ערשט אויף פון שלאָף?

ש ב ר
נישט דרייסט
מירקע, וואָס זאָגסטו?

מ י ר ק ע
כ׳זאָג: גאָרנישט

ש ב ר
טרויעריק
געמאַכט זיך אַ ברוגז; רעדט נישט.

ס צ ע ר ב
האָסט איר פאַריאָגט נ׳מזיק.

ש ב ר
צעקאָכט
ער קומט אַריין, מאַך איך אים אַ טויט אויפן אָרט.

מ י ר ק ע

פלוצלינג

ביסט נישט ווערט זיין אָפּפאַל, זאָלסט טרינקען דעם ברוד פון זיינע פיס.

ש ב ר

גיט זיך איינגאַנצן א טרייסל

מיר-קע ! בייז הייב נישט אָן מיט מיר די אַלטע שטיק... בנאנות, איך פיל שוין : ווי דיינע ביינער קנאַקן מיר אונטער די פינגער...

מ י ר ק ע

פּלאַצט אַרויס מיט א געוויין

כ׳וויל נישט זיין ביי דיר ! גיי, דו פייניקסט מיך... כ׳האָב ביי דיר נישט קיין פרייען בליק... האָסט מיר אַרויפגעלייגט אַ פענט אויף די פיס... ביסט אַ חיה...

ש ב ר

צעטומעלט

און דו ביסט אַ קליפּה.

מ י ר ק ע

וואָס וויס איך פון אַ מאַן, זינט כ׳האָב מיט דיר געצומען הופּה-וקידושין ?

ס צ ע ר ב

שטיקט זיך פאַר געלעכטער

כאַ-כאַ-כאַ...

ש ב ר

שטייט איינגעטונקען אין בלוט

פאַרברענט האָט זי געמעגט ווערן ; די געלע חנא רעדט פון איר אַרויס... כ׳וויס : מזיק וויל דיך נעמען אויפן קאַנט, און דיך שפּעטער שיקן אין גאַס אַריין ..

מ י ר ק ע

מיך געקויפט פאַר אַ פּאָר טשוכעס, אַ ביסל שמוק, און מיינט : ר׳וועט אייביק רייטן אויף מיר ?...

שבר

האַלט ס'פּיסק, מירקע; כ'זאָל אַזוי לעבן, ווי כ'דריי דיר אַראָפּ ס'קעפּל ווי ביי אַ טכויערזש.

מירקע

נעמט רייסן פון זיך שטיקער

דריי, שלאָג, הרגע, וואַרף מיך אַרויס פאַר די הינט... ס'אי מיר אַלץ איינס... כ'וויל נישט לעבן מיט דיר...

קיילע

קומט אַריין מיטן גאַנצן פּעקל שטיינער, אַזיר־מעסער.

מירקע

באַפאַלט איר

באָבע, די פורן וועלן מאָרגן קומען אויפן יריד, וועסטו מיר גיין אַהיים־שיקן אַ בריוול צום טאַטן, — ער זאָל מיך אַרויסנעמען פון זיינע הענט.

קיילע

האָב פלי־פייגעלעך אין קאָפּ, מירקע; דער טאַטע, אויף זיינע יאָרן, האָט טאַקע כוח צו דיר; שפּייט אויס די נשמה דריי מאָל אין טאָג פאַר אַ שטיקל רעטעך. זעצט זיך שלייפן ס'מעסער.

סצערב

כ'האָב גוט חתונה געהאַט. שבר, דו קלערסט נאָך היינט אַמאָל אַוועק־צוגיין?

שבר

לייגט זיך אַראָפּ, אָנגעכמורעט

גיי אין דרערד אַריין אָן מיר.

סצערב

דו וועסט דיך אויסגראַבלען, ווען מ'וועט שוין מער נישט קאָנען אָנקומען.

שבר

שווייגט.

ס צ ע ר ב

אַז מ'זאָל נישט פּאַקן אויפן ערשטן שלאָף, — איזס ווערט אין דרערד אַריין.

ש ב ר

ואָל קומען דערויף אַ טויט.

ס צ ע ר ב

פֿאַדלע דרייט זיך דאָרט פֿון אַ גאַנצן אויף די־נאַכט; ער האָט שוין גוט אָנלעווירט, — בלייבט אויכעט שטיין אויף צונג.

ש ב ר

שווייגט.

ס, צ ע ר ב

אַלטע לייט, — זיי שלאָפֿן דאָך נישט: וועלן זיך איבערשלאָפֿן די ערשטע שעה, און פלאַפּלען דערנאָך אַ גאַנצע נאַכט.

ש ב ר

שטייט־אויף אָן חשק

אַ כאָלערע, נעמט מיך אויף כּוח...

ס צ ע ר ב

גיי, זיי נישט קיין פוילער הונט. שטופּטן צו די טיר.

ש ב ר

אין טיר

מירקע. שטיל מירקע! נאָך אַ ווײַלע פאַרברענט זאָל זי ווערן... פאַרהאַקט איר הינטער זיך.

ק יי ל ע

וועלכע ציט־אָן ס'ראַזיר־מעסער

מירקע, וואָס האָב איך דיר געזאָגט?

מ י ר ק ע

כ'וועל נישט לעבן מיט אים.

קײלע

ס׳שטײט דיר שוין אַן אַנדערער צוקאָפּנס פֿון בעט, וואָס כאַפּט דיך אויס?

מירקע

הירשל מזיק וועט מיך אויכעט נעמען.

קײלע

און שלמהלע גיט דיר שוין אַ גט?

מירקע

כ׳האָבן אין דרערד מיטן גט.

קײלע

ס׳אַ גוט שטיקל סחורה פֿון דיר געוואָרן, מירקע.

מירקע

מזיק איז אויכעט אַ פֿאַרדינער; ער זאָגט מיר צו זײַדענע קלײדער; האָט פֿאַר מיר אָנגעגרײט אַ בריליאַנטענעם רינג.

קײלע

נו, הײב אָן מיט אים.

מירקע

וואָס ברויך איך אים דען?

קײלע

פֿאָלג מיך: פֿאָר בעסער צו אַ רבין... פֿרעג אַ מין עצה... נעם סגולה און האָב אַ קינד, וועסטו זען: ער וועט גאָר אַן אַנדערער ווערן צו דיר...

מירקע

כ׳ברויך נישט פֿאָרן אין ערגיץ; ס׳וועט אַראָפּלויפֿן אַ האַלב יאָר, וועל איך אַזוי אויכעט זײַן אַ מאַמע...

קײלע

הלוואי... מײנסט: די גדולה וואָלט בײַ מיר געוועזן קלײן? מ׳שטײנס גע־זאָגט: בײַ דײַן מאַמען האָב איך ווײניק טרערן געלאָזט, אַזאַ ליב

מענטש, און יונגערהייט געשטאָרבן; דיין טאַטע האָט אַ צווייטע אַריינ־געגומען אין שטוב, און איך האָב געמוזט אַוועקגיין; כ׳בין אַ פרעמדע אים געוואָרן, נישט מער קיין שוויגער.

מ י ר ק ע

נייגיריק

באָבע, ס׳אי וואָר: איך בין געראָטן אין מיין מאַמען?

ק יי ל ע

אַ גוט מענטש געווען; נאָך ביזן היינטיקן טאָג נישטאָ איר נאָמען... ברויך זיך לויפן מיען...

מ י ר ק ע

ווייס איך? אונזערס אַ מענטש האָט דאָרט אויף יענע וועלט עפּעס אַ חשיבות? ער מוז אוודאי דאָרטן אויכעט שטיין ביים טירל, ווי שמואל „וויעפּש" דאָ אין בית־המדרש...

ק יי ל ע

צעטומלט

זאָלסט דאָס נישט זאָגן...

מ י ר ק ע

און וואָס וועט זיין, באָבע, — אַז כ׳וועל האָבן אַ יונגל?

ק יי ל ע

אַ גרויסע שמחה! מאַ, האָב נאָר... ס׳זאָל האַלטן דערביי: וואָס גאָט וועט געבן, דאָס וועט זיין... וואָרן מ׳קאָן זיך אויסביטן: אַ יונגל? אַ מיידל? דיין מאַמע איז געשטאָרבן, האָט מיך דיין טאַטע אַרויסגעטריבן; אַצינד, אַז דו וועסט נישט האָבן קיין קינד, — וועט מיך דיין מאַן אַרויסטרייבן...

מ י ר ק ע

די באָבע וועט מיר גלייבן?

ק יי ל ע

כ׳ווייס: וואָס כ׳זאָל דיר גלייבן?

מ י ר ק ע

כ׳וועל דיר איינרוימען אַ סוד... בייגט זיך אריבער, זאָגט עפּעס שטיל אויפן אויער.

ק יי ל ע

צעטומעלט

הע?

מ י ר ק ע

יאָ... כ׳זאָל אַזוי לעבן... וואָרן, דו גלייבסט מיר נישט?...

ק יי ל ע

תמעלט

ווי אַזוי איז דאָס געווען?...

מ י ר ק ע

כאַ-כאַ-כאַ...

ק יי ל ע

וואָס שווייגסטו?

מ י ר ק ע

וואָס האָב איך צו שרייען?

ק יי ל ע

מ׳זעט דאָך גאָרנישט-אָן אויף דיר?

מ י ר ק ע

ס׳וועט שוין דערנאָך אַ קאַפּויר קומען...

ק יי ל ע

ווי?... און שלמהלע ווייסט גאָרנישט?...

מ י ר ק ע

כ׳האָב אים מורא צו זאָגן..

ק יי ל ע

ביסט אַ קעלבל... וואָס האָסטו מורא?...

מ י ר ק ע

פאַרלעגן

כ׳ווייס ?

ק יי ל ע

מירקע־לעב, דו געפעלסט מיר עפּעס נישט... קום נאָר אַהער... דערציי׳ל מיר... שוין לאַנג ?...

מ י ר ק ע

אוודאי... אויפן אויער.

ק יי ל ע

דערשטוינט

אַזאַ צייט ווי דו טראָגסט עס אַרום אין זיך ?... אָ־וואַ! איין שעה, דו האָסט דיך אַזוי געשפּירט, — האָט זיך אַלץ אין דיר געברויכט אָפּרייסן פאַר פרייד... אַזאַ זאַך ?...

מ י ר ק ע

אומעטיק

האָב גאָרנישט געקלערט... באַדענקט זיך... באָבע, כ׳בין אַלעמאָל אַנטלאָפן פון אים; ווען ער איז געקומען, — האָב איך מיך געשטאַרקט, אָנגעטון אַ כוח; זיך געביסן אין לייב... און, כ׳בין שטאַרקער געווען... יאָ... אַלע מאָל שטאַרקער געווען...

ק יי ל ע

כ׳פאַרשטיי דיך גאָרנישט... כ׳ווייס: ס׳גאַנצע לעבן קוקסטו אויס אַ קינד... ווייסט: ס׳וואָלט דיר אַן אַנדער לעבן אַריינגעברענגט... און דו, דו האָסט דיך אויסגעהיטן ?... די שולדיקע געווען ?... און תמיד געהאַט אַ טענה צו אים ?...

מ י ר ק ע

ניין, באָבע... שלמהלע איז דענסטמאָל געווען אויף אַן אַרבעט... דו האָסט געגאָלט פויערן פאַר די טמאה... איך בין אַליין געבליבן אין שטוב... ער איז אַריינגעקומען... מיך געקושט... געהאַלזט... צוגעדריקט צו זיך... באָבע, כ׳ווייס נישט: וואָס ס׳אי מיט מיר געווען...

ק יי ל ע

ווי איז מיר... ווער איז צו דיר אַריינגעקומען?... ווען?... ווער האָט דיך געקושט?... האָסט עפּעס אָנגענומען אַ פּול מויל!... פון וועמען רעדסטו?..

מ י ר ק ע

באַהאַלט ס׳פּנים אין ביידע הענט

מזיק.

ק יי ל ע

אַ בראָך האָט מיך געטראָפן!... האָסט אים צוגעלאָזט צו זיך?... אַ פרעמדן יונג?...

מ י ר ק ע

צעשפּילט

אַן... ס׳בלוט האָט זיך צעקאָכט... ס׳האָט מיר ווי געטון ביים האַרץ... כ׳האָב גאָרנישט געפילט.. געהאַט די אויגן פאַרמאַכט... און אַליין נישט געוועזן ביי זיך.. אַליין נישט געוועזן ביי זיך...

ק יי ל ע

פאַרבראָכט די הענט

כ׳האַלטס נישט אויס! כ׳וועל מיר אַ מעשה אָנטון...

מ י ר ק ע

ער האָט מיך ליב, מזיק. אַזוי ליב... באָבע, צוגעזאָגט: מיט מיר אַ חופה צו שטעלן..

ק יי ל ע

דערצאָרנט

גיי.. כ׳וויל דיין פּנים נישט אָנקוקן מער..

מ י ר ק ע

מיר איז עס אַזוי ליב... באָבע, שלמהלע איז ווי אַ הונט, וואָס קאָן זיך רייסן פון די קייט... וואַרפן זיך.. שלאָגן מיך...

ק יי ל ע

ווי פריער

ביסט אַ קו... אַ יונגע בהמה.. אַ יאַלצווקע... ווי... ווי... אַן אשת איש.. ערגער נאָך פאַר אַ משומדת...

מ י ר ק ע

ביין

זי באָבע פילט מיך נישט...

ק יי ל ע

ווייסט: ווען אַן אשה טרעפט ווערמען אין מיטן פעלד, איינע אַלײן, - ברויך זי זיך לאָזן אומבערענגען, דערהרגענען, און נישט צולאָזן צו זיך.

מ י ר ק ע

פּלאַצט אַרויס מיט אַ געלעכטער

כאַ-כאַ-כאַ...

ק יי ל ע

שאָקלט טרויעריק מיטן קאָפּ

גלייכער, כ׳וואָלט עס נישט געווען דערלעבט...

מ ז י ק

קומט-אָן מיט אַ פייף

מירקע, פאָר-צו... גיט איר אַ ריס מיט זיך.

מ י ר ק ע

קאַפּריזנע

זי איז דאָך שיער נישט געבליבן ב״י דיר, די האַנט.

מ ז י ק

דער שבר איז נישטאָ?

מ י ר ק ע

אַנטציקט

וואָלסט דיך בערען מיט אים?

מ ז י ק

גיט די אַלטע אַ קיצל אונטערן אָרעם

קכי...

מ י ר ק ע

לאַכט היציק

כאַ-כאַ-כאַ...

מ ז י ק

קײלע, איר װילט מאַכן גולה־עמוקות?

ק יי ל ע

נישט דערלעבן װעסטו, מזיק, — כ׳זאָל דיך אַלײן לאָזן מיט איר...

מ ז י ק

קײלע, שבר באַצאָלט אײַך: איר זאָלט מירקען אָפּהיטן?

ק יי ל ע

גײ, טשעפּע זיך אָפּ... זי איז אַ יידיש װײבל... היט אָפּ יידישקײט... און לעבט מיט אַ מאַן װי די תּורה האָט געבאָטן... און װי אַלע גוטע און פרומע לײט הײסן...

מ ז י ק

מיט אַ געלעכטערל

קײלע, איר קאָנט שװערן דאַרויף?

מ י ר ק ע

כאַ־כאַ־כאַ...

ק יי ל ע

ענטפערט נישט.

מ ז י ק

מ׳לאַכט פון אײַך; מ׳לאַכט פון אײער באָבען; איר זענט, קײן עין־הרע, אַזאַ אַלטע, און נאָך אַזאַ יאָלדעװוקע?...

מ י ר ק ע

כאַ־כאַ־כאַ..

ק יי ל ע

ציט־אָן ס׳מעסער, מאַכט זיך נישט הערן.

מ ז י ק

פראָבירט זיך

קײלע, פֿױערן האָבן זיך אין דרױסן געפרעגט אױף אײַך...

ק יי ל ע

שװײַגט.

מ י ר ק ע

כאַ-כאַ-כאַ...

מ ז י ק

מ׳זאָל אַזוי לעבן: דריי פויערן ווי די ריזן, מיט בערד, — גאַנצע בעזימער.

ק יי ל ע

ס׳וואַקסן היינט נישט קיין נאַראָנים; מיינט, ס׳וועט אים נאָך אַמאָל אָנגיין.

מ י ר ק ע

כאַ-כאַ-כאַ...

מ ז י ק

זי איז געביפט, די אַלטע קלעמפּע.

ס ו י ט נ י ק

קומט-אָן פון גאַס: אויסגעפילט גראָב, קוקט זיך אַרום

כשר איז נישטאָ געווען?

מ ז י ק

מיט אַ פייף

ליידיק דיך אויס; ביסט דאָך אַ גאַנצער בערנטרייבער.

ס ו י ט נ י ק

נעמט אַראָפּ דאָס רעקל, און הייבט-אָן אַראָפּצוּוויקלען אַ מאַנגע שטיקער זייד, וואָל-שטאָפן.

מ ז י ק

מיט אַ פייף

וואו האָסטו דאָס פאַרדינט?

ס ו י ט נ י ק

ס׳אי פון אַ שעפּ... פאַרשטייסט, אַרויסטראָגן קאָן מע נישט; דער בעזים קוקט נאָך יעדן אייַנציקן, וואָס גייט אַרויס. נאָך אַ ווײַלע כשר איז נישט געווען? אויבעט אַ סוחר!

מ ז י ק

כשר ווייסט: ס׳אי פאַראַן פרנסה, — לאָזט ער זיך נישט בעטן.

ס ו י ט נ י ק

וואָס האָט זיך אויסגעליידיקט

מירקע, פאַרטרייב ז'אַס, — ס'זאָל נישט ליגן פון אויבן. מזיק, גיב אַ שלעפּ צו־טון. נעמט צו פאַרויכערן.

מ י ר ק ע

פאַרוימט די סחורה.

ס ו י ט נ י ק

ראַפּטום

לעפּאַק איז נישט געווען?

מ ז י ק

האָסט דאָך שוין אָנגערופן אַלע אבות!

מ י ר ק ע

געקומען נאָכן אַ מענטש: ער זאָל אַראָפּפאָרן אין אַ הויף אַריין צו אַ שטיקל אַרבעט.

ס ו י ט נ י ק

כ'בין היינט אָנגעגאַנגען אויף אַ שעפּ; פאַרשטייסט, איידער מ'זאָל נאָך אַמאָל ריזיקירן, — איז גלייכער אַרומאַרבעטן אויף אַ קלאַפּ.

מ ז י ק

נעם מיך צו פאַר אַ שותף.

ס ו י ט נ י ק

וועסט העלפן טראָגן?

מ ז י ק

מסכים

טאָק ס'פינפטל! גיט אים די האַנט איך גיי־מיט אויפן משא־ומתן.

ס ו י ט נ י ק

שלעפּט אַרויס אַ פּלעשל פון קעשענע

מאַכסט אַ ברענדל? מירקע, גיב אַ גלעזל!

מ ז י ק

האָסט שוין מיטגעבּרענגט אַ פלאַכע?

ס ווי ט נ י ק

געטראָפן אין שופלעדל פון קאַסע-טיש אַ ביסל דראָבנע געלט, — האָב איך אָנגעטרעטן ביים דרייקאָפּ אין שענק, און אויף דערוויייל דאָס מיט-גענומען. טרינקט.

מ ז י ק

ווער האָט דאָס אָנגעגעבּן?

ס ווי ט נ י ק

גיסט-אָן

עפּעס אַ יאָלד, אַ וואָוטשטאָק!

מ ז י ק

מיט אַ פייף

ס'גייט אויף וואָוטיש.

ס ווי ט נ י ק

גיט אים ס'גלעזל

לאָז אַראָפּ!

מ ז י ק

גיסט אַריין, מאַכט אַ זויער פּנים

ער פּאַקט שוין אָבער זיינע יאָלדן, סוויטניק גנב...

ס ווי ט נ י ק

מירקע, וועסט נעמען אַ טראָפּן?

מ י ר ק ע

דער קאָפּ וועט זיך מיר פאַרדרייען.

ס ווי ט נ י ק

אַ דאגה האָסטו מיטן קאָפּ; מיט די פיס ביסטו זיכער, — אַז זיי וועלן בלייבן שטיין?

מ י ר ק ע

טרינקט מיט אַ ג עלעכטער.

קיילע

זי איז שוין באַלד איינגאַנצן אַ פּאַרטיקע.

סוויטניק

אָ-האָ! כ'האָב גאָר פאַרזען... קיילע, איר ווילט נישט איינעצן די ליפּן?

קיילע

באַהאַלט עס פאַר דיינע חברים.

סוויטניק

אויפגערוימט

נ'וואָס, איר לאָזט אייך בעטן?

מזיק

מיט א פייף

ר' נחמן כשר וועט איר איינבעטן.

מירקע

לאַכט

כאַ-כאַ-כאַ...

סוויטניק

אַ, כ'האָב גאָר פאַרגעסן... קיילע, איר לעבט פון כשרן גראָשן, און ווילט נישט טרינקען, ווייל, — ס'איז געלקחנט...

מזיק

די מוטערס מילך, וואָס זי האָט אין זיך איינגעזויגן, איז שוין געווען טרפה; מ'קען נישט איר משפחה...

סוויטניק

אויפגערוימט

ס'אי עפּעס אַ גערעטעניש אויף בערד, קיילע?

מזיק

זיי וואַקסן ווי אויף הייוון.

סוויטניק

אַ יידענע שטעלט זיך אונטער צו גאָלן אַ גאַנץ דאָרף פויערן די בערד, כאַ-כאַ...

מ י ר ק ע

כאַ-כאַ-כאַ...

מ ז י ק

ווי זי שאַבט, קראַצט די מאָרדעס, — ס׳גייט אַ רויך; ס׳מעסער גליטשט זיך נאָר ווי ביי אַ ריכטיקן גאָלער.

ס ו ו י ט נ י ק

זעצט אַוועק אין אַ זונטיק אין מיטן העלן טאָג, פאַר די „סומע“, — אַ שטיק דרייסיק פויערן אויפן טראָטואַר, די פיס אַראָפּגעלאָזט אין רינ-שטאָק; זייפט אַלע איין און פוצט זיי אָפּ די בערד, — כאַ-כאַ-כאַ... כאַ-כאַ-כאַ... כאַ-כאַ-כאַ...

מ ז י ק

כע-כע-כע... כע-כע-כע...

מ י ר ק ע

כי-כי-כי...

ל ע פּ אַ ק

פאַלט אַריין

אַ בראָך האָט אייך געטראָפן!

מ ז י ק

כ׳האָב געמיינט: ער האָט שוין בודק חמץ געווען דעם הויף, דערוויילע איז ער נאָך גאָר דאָ...

ס ו ו י ט נ י ק

ראַפּטום

לעפּאַק, ביסט גרייט צו גיין אויף אַ קלאַפּ?

ל ע פּ אַ ק

צוריקגעהאַלטן

מ׳שפּירט פון דיר.

ס ו ו י ט נ י ק

אַ פייער זוכט אים! מאַכסט אַ ברענדל?

ל ע פ אַ ק

האָסט עפּעס צו פאַרבייסן?

ס ו י ט נ י ק

מירקע, מ׳קאָן אַריבערשיקן נאָך אַ פונט קישקע?

ל ע פ אַ ק

סוויטניק, האָסט געמוזט גוט אָנגיין, אַ?

ס ו י ט נ י ק

אַ פייער זוכט אים! וויל מיר קומען אויפס קאָפּ? לעפאַק, ווי לאַנג דו נעמסט נישט קיין טראָפּן, — ביסטו נישט מיין מענטש; האָב איך נישט מיט דיר וואָס צו רעדן...

מ ז י ק

מיט אַ פייף

ער וועט שוין אַצינד טרינקען מיט די גאַנצע פלאַש.

ל ע פ אַ ק

נעמט אַ כוסה

ער מאַכט מיך טשיקאַווע. טרינקט נו? גיב שוין...

ס ו י ט נ י ק

ער איז גוט?

מ ז י ק

נ׳נעם אים נישט אַרויס די נשמה.

ס ו י ט נ י ק

מאַכסט נאָך אַ כוסה?

ל ע פ אַ ק

בייז

כ׳וואַרף דיר ס׳פלעשל אין קאָפּ אַריין!

ס ו י ט נ י ק

וואַרף דיך נישט... גיסט אים אָן נאָך אַ גלעזל מיין נשמה איז אויכעט נישט קיין ראָזשינקע...

לעפּאַק

דערווידער

ב'קאָן מיר פאָרשטעלן ס'משא־מתּן, אַז ס'איז אָנגעקומען צו אים אין האַנט אַריין...

סויטניק

אויפגערוימט

מזיק, האָסט אַ תּהילימל?

מזיק

שלעפּט אַרויס אַ טאַליע קאָרטן

אַ שאלה?

סויטניק

נישט געשטאָכן?

מזיק

כ'האָב עס ערשט געשאָפט אין אַ טאַבאַק־געוועלבל, וואו כ'האָב געקויפט פּאַפּיראָסן.

לעפּאַק

יאַטן! ס'לאַקאָמעט זיך צו לקחן...

סויטניק

פאַרקנאַקט

אַז ס'קומט די ליכטיקע שוואַרץ, —
ווערט פרייליך אויפן האַרץ;
אַז ס'קומט די ליכטיקע שיין, —
לייגט מע די פּלים אין טאַש אַריין.

מזיק

מיט אַ פייף

מירקע, כ'בין מיטן אויף אַ וועג.

סויטניק

אַ פייער...

מזיק

ווי פריער

ווען כ'האָב אים אָציגד אויף אַ משא־מתן, פאַרדינט ער אונז ביידע.

סוויטניק

פלוצלינג

לעפאַק, קענסט די „קאַטשקעס"?

לעפאַק

קלערט

זיי זענען דאָך עטלעכע אין שטאָט.

סוויטניק

די עלטערע... זענען צוויי ברידער... ליגן אין די קנייפּע אונטן צו גאַנצע נעכט...

לעפאַק

אָ־האָ! איינער איז אַ ביסל געשטופּלט, מיט אַ גראָבע נאָז...

סוויטניק

אָט... אָט...

לעפאַק

אָ־האָ! ס'אַ חברה־מאַן...

סוויטניק

האָסט מורא?

לעפאַק

געקרענקט

האָסט געזען: אַ נורקע זאָל מורא האָבן? דאַכט זיך: קויפט אַליין משא־מתנס...

סוויטניק

ס'אַ מצווה אויף אים.

מזיק

מיט אַ פייף

ווען פרייט זיך גאָט, אַז איין גנב פאַרדינט דעם אַנדערן גנב.

ל ע פּ אַ ק

וואו האָבן זיי ס׳געשעפט?

ס ו י ט נ י ק

אויפן מאַרק, אונטער די פּולאַרן; באַלד אַזוי ווי מ׳קומט פון טויער, –
אַ טיר אין די רעכטע האַנט.

ל ע פּ אַ ק

אין די נידער?

ס ו י ט נ י ק

אין די נידער.

ל ע פּ אַ ק

ס׳אי נישטאָ קיין שכן אַקעגנאיבער?

ס ו י ט נ י ק

ניין.

ל ע פּ אַ ק

און ס׳אי פאַראַן וואו צו־ציען פּלטה?

ס ו י ט נ י ק

ס׳אַ הויף, אַדורכצוגיין; פון הינטן, – אַ טויער.

ל ע פּ אַ ק

מ׳ברויך בלאַטירן דעס בעזים?

ס ו י ט נ י ק

ס׳אי געשייטער.

ל ע פּ אַ ק

וואָס קאָן מע טרעפן?

ס ו י ט נ י ק

אַ ים סחורה.

ל ע פּ אַ ק

און, כסף?

ס ו י ט נ י ק

אַן אייזערנע קאַסע.

ל ע פ אַ ק

מיטאַמאָל

ניין; כ'גיי נישט; קאָנסט דיר נעמען הירשל מזיק פאַר אַ שותּף.

ס ו י ט נ י ק

האָב איך ערשט געבראַכט פאַר אים אַוועקלייגן אַזאַ טענה?
אַ פייער זוכט אים!

ל ע פ אַ ק

מיט אַ קנייטש

ס'משא-מתּן געפעלט מיר נישט.

ס ו י ט נ י ק

שווערט זיך

איך בין היינט געווען אין דרינגען.

ל ע פ אַ ק

אויף אַ שעפּ קען עס גוט זיין, און אויף אַ קלאַפּ, — נישט.

ס ו י ט נ י ק

ביסט אַ פרייער!

מ ז י ק

לעפּאַק זאָגט, מעגסטו אים גלייבן; מ'מעג עסן פון זיין שחיטה.

ל ע פ אַ ק

צווייפלט

אין מיטן מאַרק... מ'ברויך צו-פאָרן מיט וועגן... און מענטשן דרייען זיך... גיי, שטעל דיך אַוועק שליסן..

ס ו י ט נ י ק

כ'האָב דיך אין דרערד; כ'וואָלט נאָר איבערגעחזרט פאַרן סצערב.

ל ע פ אַ ק

יאָ, טויג זיך טאַקע אויף אַ קלאַפּ; אויף אַ רעכטן שלאָם איז ער אַ בריה.

ס ו י ט נ י ק

דו האָסט תּמיד פולע הויזן און, אַ פייג אין קעשענע.

ל ע פּ אַ ק

מזיק, גיב אַ העלצל! פאַרוויכערט ווייס איך... גיי, טראָג דיך אַרום איבער די הייזער מיט שאַריע... אַז נעמען, ברודער, — זאָלסטו צוגיין צו עפּעס רעכטס; ס׳וועט דיר ווער קומען אין די וועג אַריין, — זאָלסטו אַראָפּ-דרייען נ׳קאָפּ, און בינדן; פאַרשטופּן ס׳מויל מיט אַ האַנטוך.. נאָר, די אַרבעט זאָל לווינען... זיין באַצאָלט...

ס ו י ט נ י ק

דער כּוח האָט זיך אין אים צעשפּילט..

ל ע פּ אַ ק

ריזיקירן אויף אַ לאָבזע? ניין, ברודער. פאַרוויכערט אַן אַנדער שטיקל אַרבעט, אַז דו וועסט האָבן, — קאָנסטו קומען צו מיר.

מ ז י ק

זינגט אונטער

אַז מ׳קומט פאַרן שלעדעוואַטעלס טיר,
שטייט אַ פרייער, און ווייזט-אָן אויף דיר.

ס ו י ט נ י ק

ס׳זאָל זיין גוט געמאַכט, קאָנען זיי מיר אָנפייפן, — אַ פייער זוכט זיי...

ל ע פּ אַ ק

זעצסט דיך צום טיש? נעמט טאַלירן די קאָרטן.

מ ז י ק

מירקע, קום-צו, — וועסט קריגן טאַצגעלט. זעצן זיך אַרום טיש.

ל ע פּ אַ ק

אויף וויפיל ווערט איינגעשטעלט?

מ ז י ק

אפילו אויף די גאַנצע וועלט.

ל ע פ אַ ק

ריבי, — פיש, געלט אויפן טיש. שפּילן.

ס ו י ט נ י ק

צעזינגט זיך

אַז כ׳בין געווען אַ קליינער יאַט,
האָב איך נישט געוואָלט האָרכן נ׳טאַטן;
היינט זיץ איך אין פּאַוויאַק, —
און קוק אַרויס דורך די קראַטן.

אַ ל ע

ביים טיש אויפגעריימט

איך וועל נישט מער גנבענען,
נאָר נעמען בגראַנדע.
איך וועל נישט מער גנבענען,
נאָר נעמען בגראַנדע.

כּ שׁ ר

קומט אריין, קושט די מזוזה.

ס ו י ט נ י ק

צום טיש

וואַרט-צו, ס׳וועלן באַלד זיין די קלינגערס... ר׳ נחמן, איך ברויך טאַקע נייטיק האָבן אַ סוחר; איר זענט מיר אַראָפּגעשיקט געוואָרן ווי פון הימל-אַראָפּ.

כּ שׁ ר

מילא-אוודאי; האָסט עפּעס צו פאַרהאַנדלען?

ס ו י ט נ י ק

אַ קרעמל! שלעפּט אַרויס דאָס זיידוואַרג גיט אַ טאַפּ...

כּ שׁ ר

הייבט אויף ס׳ביסל סחורה, לייגט עס צוריק אַראָפּ

אָטאָ דאָס איז עס?

ס ו י ט נ י ק

נו, קוקט עס נאָר איבער?

כ ש ר

שטופּט געלאַסן דעם טאַבאַק אין נאָז אַריין

מ ז י ק

פון טיש אַוועק

ער האָט עס שוין געהאַט אין די האַנט... נישקשה: ר׳נחמן איז אַ סוחר, — האָסט דיך צו פאַרלאָזן אויף אים.

ס ו י ט נ י ק

אומגעדולדיק

איר האָט שוין געזען?

כ ש ר

מילא-אוודאי.

ס ו י ט נ י ק

נו?

כ ש ר

טוט אַ ניס

מה יקר? וויפיל זינגסטו?

ס ו י ט נ י ק

ווי אַזוי ווילט איר עס קויפן? אויף די ארשין, צו אויפן ראַמש?

כ ש ר

אַזוי ווי ס׳ליגט, נו? אויף די קופּע.

ס ו י ט נ י ק

פאַרנעמט זיך

איר גיט... אַ טויזנטער?

כ ש ר

פאַרנעמט זיך צו קיילען

קריגט מע דאָך ביי אַ ייד.

ס ו י ט נ י ק

וואַרט נאָר, — איר מעגט דאָך עפּעס צוזאָגן...

כ ש ר

זעצט זיך לעבן קיילען

כ'האָב גאָרנישט וואָס צוצוזאָגן...

מ ז י ק

פון טיש אַוועק

ער האָט אים נישקשהדיק אויפגעזוונגען פאַרן ביסל שאָריע.

כ ש ר

פאַר דעס געלט קאָן דער פגר בלייבן ביי דיר.

ס ו י ט נ י ק

איר האָט גאָרנישט וואָס צו באַטרעטן?

כ ש ר

קנייטשט

אַ דרייערל.

ס ו י ט נ י ק

אָנגעבריט

סאָק פון אַלטן בעל־דרשר? נעמט צונויפלייגן די סחורה.

כ ש ר

תמעוואַטע

כ'קאָן דיר עפּעס דערלייגן.

ס ו י ט נ י ק

איר זענט אַ צושמיידיקער קונה.

כ ש ר

מיר ברויך דאָך אויך עפּעס פאַרבלייבן.

ס ו י ט נ י ק

ס'אי נישט פון קיין קלאַפּ; ס'אי פון אַ שעפּ; און איר קאָנט עס אַריינ-
טראָגן וואו ס'אי געוואָרן פאַרדינט..

כ ש ר

מילא־אוודאי...

ס ו י ט נ י ק

און דאָס פאַרקויפן אויף כּשר. נאָך אַ רגע איר גיט אַ פינפערל, — איז עס אייער.

כּ ש ר

גייט ערשט צו באַטראַכטן ס׳ביסל סחורה

און אויף פיר קאָן עס גוט זיין?

ס ו י ט נ י ק

ניין.

כּ ש ר

און, פיר מיט אַ האַלבן?

ס ו י ט נ י ק

מעות!

כּ ש ר

צאָלט זיך אויס

פע, ביסט אַ ציין־רייסער.

ס ו י ט נ י ק

כ׳גיי צום בלינדן קורניק, — גיט ער מיר טאָפּעלט. באַהאַלט ס׳געלט עסט איר אייך אָן דערמיט, און לאָז אייך וואויל באַקומען. זעצט זיך צום טיש וו׳ האַלט עס דאָ?

ל ע פּ אַ ק

דריי מאָל איבערגעגאַנגען

ס ו י ט נ י ק

איך קויף די באַנק.

מ ז י ק

זי קאָסט מער, וויפיל דו האָסט גענומען פאַרן גאַנצן משא־מתן.

ס ו י ט נ י ק

אַ פייער זוכט דיך!

אַלע שפּילן צוזאַמען.

כ ש ר

וואָס האָט זיך צונויפגעלייגט ס׳קרעמל, — זעצט זיך אוועק לעבן קיילען

טייער באַצאָלט...

ק יי ל ע

לאָזן זיך נישט אַריינשפּייען אין די קאַשע.

כ ש ר

מילא־אוודאי.

ק יי ל ע

ווילן ס׳געלט מיטן בייטל.

כ ש ר

נאָך אַ ווײַלע

לאַנג אַוועקגעגאַנגען?

ק יי ל ע

שפּאָר.

מ ז י ק

ר׳ נחמן וואַרט שוין אויף די חלוקה.

ל ע פּ אַ ק

טשיקאַווע: וואָס זיי וועלן טרעפן?

כ ש ר

איר האָט עפּעס היינט געהאַט צו טון?

ק יי ל ע

אַזוי... ס׳אי נישט קיין זונטיק.

כ ש ר

מילא; וויפיל ס׳פאַלט אַריין, איז דאָך ווי געפינען.

ק יי ל ע

באַצאָלן דאָך נישט.

כ ש ר

פאַרהערט

אַ ?

ק יי ל ע

ווילן נאָר וואָלוול.

כ ש ר

מאַכט מע זיי וואָלוול; וואָס ליגט איר דאָ אַריין?

ק יי ל ע

אַ זעקסער, — אַ באָרד.

כ ש ר

אַ זעקסער, — אַ באָרד.

ק יי ל ע

ס׳מעסער קאָסט; זייף קאָסט...

כ ש ר

ווערט אַ שישקע.

ס ו י ט נ י ק

ביים טיש

איין־און־צוואַנציק׳! מיר קומט די באַנק! נעמט איבער די קאָרטן שוין באַלד פאַרבראָכט דעם טאַטן מיט די מאַמען.

ל ע פ אַ ק

וועסט אַצינד צוריק אָנציען אַ פּאָר גוטע לעזן.

מ ז י ק

שטייט־אויף

דער אַלטער פּוצט זיך צו קיילען... בנאמנות: ס׳אַ גלייך פּאַרפּאָלק...
כאַ־כאַ־כאַ...

כ ש ר

פאַרדראָסיק

פּע... אַזוי רעדט נישט קיין לייטישער מענטש...

מ ז י ק

גיט איר אַ קיצל

קכי...

אַ געלעכטער ביים טיש.

כ ש ר

שטייט־אויף

בדעה געהאַט צוצוואַרטן ביז זיי וועלן צוריקקומען, — לאָזט ער מיך ב׳קיין אופן נישט; טרייבט מיך אַרויס.

ס ו י ט נ י ק

וואָס האָט ער זיך גענומען צו ר׳ נחמנען, אַ פייער זוכט אים!

מ ז י ק

פאָלגט מיך, ר׳ נחמן, לייגט אַוועק די אַלע יאָלדישע שטיק, און שטעלט אַ חופה מיט קיילען; זי איז אַ פאַרדינערין, וועט אייך קאָכן אַ לעפל וואַרעמס, און זיין זיכער ביי איר נישט אַריינצופליען אין קיטש.

ל ע פ א ק

ער מעג באַלד גיין פאַר אַ דיין... כאַ־כאַ־כאַ... כאַ־כאַ־כאַ... כאַ־כאַ־כאַ...

ס ו י ט נ י ק

כע־כע־כע... כע־כע־כע..

מ י ר ק ע

כי־כי־כי...

מ ז י ק

כאַפּט אַרום מירקען

קיילע, מאַכט איר אַן אָנהייב, נעם איך מירקען, — און מאַך מיט איר אויכעט אַ ויברח. הייבט איר אין לויפן.

מ י ר ק ע

פליט ביי אים

גוו־אַ־ל־ט, כ׳פאַר־ליר ס׳ק־ל־יי־ד...

ל ע פ אַ ק

כאַ-כאַ-כאַ... כאַ-כאַ-כאַ... כאַ-כאַ-כאַ...

ס ו י ט נ י ק

כע-כע-כע... כע-כע-כע...

ש ב ר

גיט אַ פאַל אַריין, גרויסע, אַרויסגעזעצטע אויגן, — שטייט ווי אַ באַזיגטער ריז, ציט שווער אָפּ דעם אָטעם

וואָס איז דאָ?... אַ כאָלערע...

אַ ל ע

ווערן מיט איין מינוט איינגעשטילט.

ל ע פ אַ ק

די מיתה ליגט אים אויפן פּנים.

ש ב ר

פאַרבייסט די ליפּן

מזיק, וואָס קריכסטו?

מ ז י ק

קאָן זיך קיין אָרט נישט געפינען

דער שוואַרץ יאָר גראָד אים געברויכט אָנטראָגן.

ש ב ר

מירקע, וואָס האָט ער דיר געטון?

מ ז י ק

אָנגעביסן אַ שטיק נאָז.

ל ע פ אַ ק

גיי אַוועק, מזיק, ער וועט דיך צערייבן.

מ ז י ק

דרייסט

וואָס צאַפּלט ער פאַר איר? אַ פולע שטוב מיט מענטשן, און די אויגן קריכן אים פון קאָפּ, — וואָס כ'האָב איר געטון?

ש ב ר

געפֿאַלן בײַ זיך

אַ בראַנד אין זײַנע געדערים... לייגט זיך אַוועק אויף די קאַנאַפּע אַזוי ווי געפּגרט.

ס ו ו י ט נ י ק

אַ פֿייער...

ל ע פּ אַ ק

שבר, גראָב אָנגעגאַנגען? איך האָב שוין נישט קיין כּוח צו וואַרטן..

ש ב ר

שטימט

מ ז י ק

גוט אַ פֿײַף

ס ו ו י ט נ י ק

ס'אי נישט גלאַטיק...

ל ע פּ אַ ק

שבר, ס'משא־מתן איז פֿאַרדינט? נאָך אַ ווײַלע ר' נחמן וויל אָנגעבבער־געלט.

כּ ש ר

מילא־אוודאי.

ש ב ר

אַ טויטע בראָך.

ס ו ו י ט נ י ק

מ'קאָן נישט דערגײן, אַ פֿײַער זוכט אים!

מ ז י ק

דער רוח ווייסט: ס'לשון אים אָפּגענומען.

ל ע פּ אַ ק

נאָך אַמאָל

שבר, ס'משא־מתן איז פֿאַרדינט?

ש ב ר

ס'קדחת!

ל ע פּ אַ ק

בּישט געקאָנט אָנקומען ?

ש ב ר

געכאַפּט אַ שחור.

מ ז י ק

מיט אַ פּייף

ר׳ נרמן האָט זיך צוגעזעגנט נעמען חלוקה...

ל ע פּ אַ ק

וואו איז דער סצערבּ ?

ש ב ר

געבּינדן.

אַ ל ע

צעטומעלט

אַריינגעפאַלן ?

ש ב ר

שטימט

ל ע פּ אַ ק

נאָך אַ ווײַלע

ס׳אי געווען אַ חי ?

ש ב ר

די גאַנצע שטאָט איז אויף.

מ ז י ק

מיט אַ פּייף

ס׳גייט אים מלעריש, דעם יונג

ש ב ר

פאַרבּרענט זאָל ער ווערן.

ס ו י ט נ י ק

וויל אים פאַרענטפערן

אַ קלוגער פאַלט אַמאָל אויכעט אַריבּער.

ל ע פ אַ ק

און דו ביסט נעלם געוואָרן?

ש ב ר

קוים מיטן לעבן.

ס ו י ט נ י ק

אַ פייער זוכט זיי!

כּ ש ר

צעטומעלט

איך מוז שוין עוקר זיין; ביי מיר אין שטוב איז נישט אַלץ גלאַט כּשר.

ס ו י ט נ י ק

שטופּט אינם אַריין ס׳ביסל סחורה

גייט אַהיים, און רוימט אויף ס׳ביסל זייד, — מ׳וועט דאָ כּסדר גיין אויף אַ חפּוש...

כּ ש ר

פאַרזאָרגט

מנע... שבר, מ׳איז דיר געקומען אויפן פּנים?

ש ב ר

אַ טויטע בראָך!

כּ ש ר

ווי פריער

דער יונג זאָל אים נאָר נישט צופּוצן.

ס ו י ט נ י ק

אַ יאָלד איז ער?

כּ ש ר

מילא־אוודאי. אָפּגייענדיק, — קושט די מזוזה אַ גוטע נאַכט.

ל ע פ אַ ק

איך מוז מיר אויכעט באַצייטנס גיין אָפּזוכן אַ פרישע מלונה; כ׳בין דאָ אויף אַ לינקן שמו. אָפּ.

מ ז י ק

מיט אַ פּייף

ער האָט גוט אָנגעמאַכט.

ס ווי ט נ י ק

נאָך אַ ווײַלע

וואָס איז געשען? שלעכט געווען אָנגעגעבן?

ש ב ר

פּאַדלע, אַ טויטע בראָך! געלאָזט דעם שטומפּ אַרויסקומען אויפן פּנים.

ס ווי ט נ י ק

נישט געגעבן קיין צונג?

ש ב ר

די כאָלערע ווייסט אים... איינגעשלאָפן, פאַרברענט זאָל ער ווערן... אַ שטיק פּאַדלע...

ס ווי ט נ י ק

אַ פייער זוכט אים!

ש ב ר

ס'משא־מתן איז שוין געווען פאַרדינט, האָט דער שוואַרץ יאָר גראָד געבראַכט אָנטראָגן שמואל ביק; ער גייט אַריין, זעט: די טיר שטייט אָפן, מאַכט ער אַ יעלה, — און דער גאַנצער הויף שטייט אויף די פיס.

ס ווי ט נ י ק

און וואו האָט מע אים געפונדן?

ש ב ר

דער סצערב איז פאַרשיט געגאַנגען אויף די שטיגן; אָפּגענומען ביי אים ס'געלט, די כלים..

מ ז י ק

מיט אַ פּייף

דריטהאַלבן שאנות אויף די האַנט.

ס ווי ט נ י ק

ס'וועלן אים אַצינד אַרויפשווימען נאָך אַ פּאָר פּעקלעך פון די היים.

ש ב ר

אים שוין אָנגעטון דאָרטן ס׳בראַנזלעטל אויף די הענט.

ס ו י ט נ י ק

אַ פייער זוכט זיי...

ש ב ר

איך האָב אָנגעצויגן דורך אַ פענסטער פון ערשטן שטאָק; געמאַכט דריי גאַסן; אַלץ געמוזט אָפוואַרפן פון זיך.

מ ז י ק

מיט אַ פייף

וועלכער וואוטשטאָק ס׳ועט דאָס אויפהייבן...

ס ו י ט נ י ק

אַריינפליען אַ געבראָטענע טויב אין מויל, אַ פייער זוכט זיי?

ש ב ר

אויף די פיס, קוקט זיך אַרום

קיילע!

ק יי ל ע

קומט אַריין פון די אַנדערע שטוב.

ש ב ר

בעט מיר ס׳בעט. דרייט אַרונטער דעם לאָמפ.

ס ו י ט נ י ק

מזיק, הולך!ביידע אָפּ.

ש ב ר

מירקע... נאָ, אַ ווילע מירקע... קוקט איר אָן מיט אַ טראַגישן קוק.

ק יי ל ע

אין טיר

ס׳בעט איז געבעט.

ש ב ר

שטייט שווער, אומגעלומפערט, גייט־צו צו די טיר, — פון די שוועל אראפ

מירקע... מירקע... שטיל אַ כאָלערע זאָלס נעמען... פארמאַכט די טיר הינטער זיך.

ק יי ל ע

פאַרביטערט

פאַרוואָס גייסטו נישט שלאָפן? יונגע בהמה, ווילסט אויפסניי אָנמאַכן אַ חתונה? ברענג אים אין כעס אַריין, יאָ, — ווען דיינע ביינדעלעך באַלד קנאַקן אונטער זיינע הענט...

מ י ר ק ע

שווייגט

ק יי ל ע

ווי פריער

ס׳פעלט דיר נישט מער, אַ?

מ י ר ק ע

לאָזט אַרויס אַ געוויין, און וויינט שטיל, איינגעהאַלטן.

ש ב ר

קומט אַריין: בלויזע הויזן, שטעק־שיך, צעשויבערטן קאָפ האָר, אַ ווייס העמד אויף שעלקעס, — באַטראַכט איר לאַנג און מגושימדיק

בהמה...

ק יי ל ע

מיט אַ פינגער ביי די ליפן

פאַרוואָס גייסטו נישט אין בעט אַריין?

ש ב ר

צווישן די ציין

פאַרברענט זאָל זי ווערן.

מ י ר ק ע

פלאַצט אַרויס מיט אַ הויך געוויין

כ׳וועל מיך שע־כ־טן...

ש ב ר

פאַרביטערט

קיילע, וואָס איז דאָ געווען?

ק יי ל ע

מיט אַ שמייכעלע

זי איז אַ מיוחסת; שטייט אין גרויסן.

ש ב ר

ברומט

פאַרברענט זאָל זי ווערן...

ק יי ל ע

מיט חנופה

זי טראָגט.

ש ב ר

גיט זיך אַ כאַפּ מיט אַ בליק אין די אויגן

אַ?... ס'האָט זיך אייך געחלומט?...

ק יי ל ע

זאָגט אים עפּעס שטיל אויפן אויער

יאָ... יאָ...

ש ב ר

מירקע, און דו שווייגסט?... ביסט נאָך אַלץ ברוגז? מירקע, נעם מיר נישט אַרויס די נשמה... מירקע, דו נאַרסט מיך נישט?.. *נעמט טאַנצן, משוגע* מירקע, זאָל מען מיר צאַפּן ס'בלוט פונם האַרץ, שלאָגן פלעקער אויפן קאָפּ, — ווי דו מוזט מיר זאָגן! ס'איז אמת?...

מ י ר ק ע

פּיעשטשעט זיך ביי אים

אוי, שטיק מיך נישט.

ק יי ל ע

האַלט אונטער

ס'אי וואָר, שלמהלע.. ס'אי וואָר.

ש ב ר

פלאַטערט

קיילע, מאַכט ליכטיק... כ׳גיי נישט מער שלאָפן היינט... כאַ־כאַ. פאַרברענט זאָלס ווערן... קיילע, ס׳אי מיר נאָך קיינמאָל נישט אַזוי וואויל געווען... כע־כע־כע... מירקע, וואָס שלאָפסטו?.. גיב אַ זונג... גיב אַ שפרונג.. אַ הייב ס׳פיסל... טאַנצט מיט איר אוי, גוואַלט.. מירקע, ווען איז דאָס געווען?

מ י ר ק ע

קאָן אים נישט קוקן אין די אויגן

געדענקסט נישט, שלמהלע?... ביסט געקומען אַהיים...

ש ב ר

יאָ אַהיים...

מ י ר ק ע

מיט אַ פאָר חדשים צוריק...

ש ב ר

מיט אַ פאָר חדשים צוריק.

מ י ר ק ע

ביסט געווען שיכור...

ש ב ר

שיכור...

מ י ר ק ע

און... און...

ש ב ר

כאַ־כאַ־כאַ... כאַ־כאַ־כאַ... פאַרברענט זאָלן זיי ווערן... האָבן אויף מיר אויסגעטראַכט: „שבר!“... כ׳בין אַ „שבר!“... נו?.. קיילע, וואָס זאָגט איר, אַ?... קיילע!...

ק יי ל ע

פאַמעלעך, שלמהלע... מ׳טאָר איר נישט דריקן.. זי מוז זיך היטן מיט אַן איבעריקן שפרונג...

ש ב ר

ש-ש-ש-ש... זי איז מיד... שלאָפט.. טראָגט איר אַרויס אויף די הענט, נישט אָנ-רירנדיק מיט די שפּיץ-פינגער פון די פיס, — די ערד.

ק יי ל ע

קוקט זיי נאָך מיט מאַטע אויגן, לייגט צו אַ פינגער צום מויל, און שאָקלט טרויעריק מיטן קאָפּ

ס'זאָל נאָר זיין אויף לאַנגע יאָרן, די גדולה.

פ אָ ר ה אַ נ ג

דריטער אקט

נישט לאַנג דערנאָך.
אין די זעלביקע שטוב.

ש ב ר

פּײַ זיך אין שטוב, שטײט אַריבערגעבױגן איבערן װיגל, קוקט אַרײַן פֿאַרגלײ-

װערט אינם קינד.

ק ײ ל ע

קומט אַרײַן, שפּײַט אױס

טפֿו... טפֿו... מ'טאָר דען אַזױ אַרײַנקוקן אין אַ קינד? ס'קען קאָן אים

װײ טון...

ש ב ר

גײט זיך נישט קײן ריר.

ק ײ ל ע

אַ מענטש האָט נישט קײן נאמנות... כאָטש שעכט... הרגע... נעם, שנײַד

דיר אױף ס'האַרץ... פֿאַרהענגט ס'פּנים פֿונם קינד מיטן פֿױערהענגל.

ש ב ר

גײט אַװעק, זעצט זיך אין אַ װינקל, — אַרײַנבאַהאַלטן דעם קאָפּ צװישן די

הענט, קוקט מטושטש.

ק ײ ל ע

װיגט אונטער ס'קינד, זינגט

אַז די לאַפּאַצעס זענען אַרײַנגעקומען אין שטוב,

און געפֿונען די שאַריע אױפֿן הױף אין אַ גרוב.

רופֿט

מירקע! מירקע!

מ י ר ק ע

קומט אַרײַן, בלאַס, ס'פּנים, — געענדערט.

ק ײ ל ע

װוּ האָסטו געזײגט ס'קינד? זעצט זיך איבער פֿון פֿאַרנט, שלײַפֿן ס'גאָלמעסער

אַלץ גײט אַרום אַראָפּגעלאָזט די נאָז.

מ י ר ק ע

שטײט װי אַ שאָטן אין מיטן שטוב.

קיילע

דאָס האָט באַדאָרפֿן אַ קינד, ווי איך אַ מאַן... נאָך אַ ווײַלע מירקע, וועסט דיך פֿאַרזינדיקן... ס'אַ פֿייגעלע... פֿאַרוואָס גיסטו אים נישט די ברוסט אינם פּיסקל? ס'האָט נאָך פֿון האַלבן טאָג-אָן נישט געזויגן... ס'אי דאָך אַן עופֿהלע.

מירקע

לאָזט זיך שווייגנדיק אַראָפּ איבערן וויגל, — גיט עס צו זייגן.

לעפּאַק

קומט אַריין פֿון די אַנדערע שטוב

ס'אַ טוב שביאָלד... אַ נאָז, פֿון דריי איילן...

שבר

גיי, ווער פֿאַרבריענט.

לעפּאַק

אַזוי נעמסטו דיך איבער פֿונם יאַטל? וואָס ס'נעזל איז פּאָדאָבנע צום מזיק?

שבר

גיי, ווער פֿאַרבריענט.

לעפּאַק

האָסט אַ גרויסע זאָרג דערמיט, אַ? קרענקלעך אַזאַ שטיק שבר! ס'וועט סיי-ווי-סיי נישט לאַנג אָנהאַלטן; ביי אונזערס אַ מענטש כאַוועט זיך נישט קיין יאַטן.

שבר

גיי צו די געלע הנא, גיי...

לעפּאַק

אונזערס אַ מענטש טאָר זיך נישט נעמען אין זין אַריין: ס'ווייב זאָל אויף אייביק געהערן בלויז צו אים, פֿאַרשטייסט?

שבר

ווער האָט דאָס געזאָגט?

ל ע פּ אַ ק

דער רבי ר׳ צאָץ! ענדערט ווילסט אַ ווייב אויף סטאַלע, — מוזטו באַסטירן

ש ב ר

אַוועקוואַרפן די מלאכה? וואָס בין איך ערגער פאַר אַ סטאָלאַר, אַ בלע־כער? כ׳גיי אַרבעטן פאַר פאַרגעניגן? און, כ׳ריזיקיר נישט דערביי ס׳לעבן?...

ל ע פּ אַ ק

אַ!... ווייל דו ברויכסט ריזיקירן... מוזטו אַלעמאָל באַקלערן, אַז דו ריזיקירסט נישט בלויז זיך אַליין ביי אַ משא־ומתן, — נאָר אויכעט דיין ווייב; דו גייסט פאַרשיט, רייסט אַ וויראָק פון עטלעכע יאָר, און דיין ווייב?...

ש ב ר

כ׳האָב עס שוין נישט איינמאָל פון דיר געהערט.

ל ע פּ אַ ק

און זי מוז נאָך דערנאָך גיין פאַרדינען, דיר אַריינשיקן פאַרן אייגענעם געלט צו פרעסן, — דו זאָלסט נישט קראַפּירן ווי אַ הונט אינעווייניק, אויסציען די קאָפּיטעס פאַר הונגער...

ש ב ר

אָבער, אַ קינד?

ל ע פּ אַ ק

אַ נייעס ביי דיר?... ענדערט ער קומט דערנאָך אַהיים, און טרעפט אַ יאַטל, וואָס זי האָט אים פאַראיבריקט, נו? קומט זיך שוין דערפאַר אָנצוטון אַ מיתה־משונה? בעסער: דו ווילסט אַריינגיין צו זיך אין שטוב, — שפּרינגט אַרויס דער צווייטער, דער קאָכאַנעק פון דיין ווייב, וואָס האָט איר אויסגעהאַלטן, און פּעצט דיר נ׳בויך מיט אַ מעסער׳..

ש ב ר

כ׳האָב עס נישט געהערט.

ל ע פּ אַ ק

אַ? און חיים קייסער, וואָס האָט געריסן אַכט יאָר פאַר אַ כוח?

ש ב ר

שווייגט

ל ע פ אַ ק

און דוד פינק? בערל גראַדעק? משה וואַמפּ? יואל ניגוס? כ'וועל דיר אויפמישן נ'צעטל פון די גאנצע משפחה...

ש ב ר

גיי, ווער פאַרברענט.

ל ע פ אַ ק

קרענקלעך

אַ גנב מיט אַ היים! וואו האָט אַ גנב אַ היים? פון וואַנעט איז ער נישט פּלטה? וואו קאָן אַ גנב אַריינשלאָגן אַ פלאָקן אין דרערד, און זאַגן: „כ'וועל דאָ בלייבן וואוינען?" דו זיצסט אָפּ אַ יאָר אויף אַן אָרט, אַמאָל, — צוויי יאָר, ווערסט אויסגעשחורט, — וואַרפט עס דיך אַרויס אין אַן אַנדערע שטאָט.

ש ב ר

שטימט

ל ע פ אַ ק

ווי פריער

און אַזוי כסדר: אַ שטאָט נאָך אַ שטאָט; דאָ, — אַן אַנדערער שמו; דאָרט, אַן אַנדערע כתובה...

ש ב ר

שטימט

ל ע פ אַ ק

רויכערט קאַלטבלוטיק

דו לייגסט דיך שלאָפן, און ס'אי געגנוג אַ האָרך, אַ קלאַפּ, — און שפּרינגסט אַרויס פון בעט, אַנטלויפסט איבער דעכער, ווייל דער קאָפּ ווערט דיר שוין צעשפּאָלטן, — אויב מ'קומט דיך נישט בינדן? און פאַרוואָס מ'וועט דיך משפטן? אויף דיינע עטלעכע דרייסיק יאָר, האָסטו דאָך נישט אַזוי פיל האָר אין קאָפּ, און וויפיל משא-מתנס דו ביסט פאַרמישט... פויזע

אַ גנב איז ווי אַ בלעטל אויפן ווינט... אַ הפקר-זאַך... זיין היים איז די תּפיסה...

ש ב ר

שטימט

ל ע פּ אַ ק

גיט אַ שפּיי

פֿאָלג מיך, שבר, — ווער אַ האָז פֿון די היים; וועסט קומען אין אַ האַלב יאָר אַרום, וועט זיך שוין דאָס מענטשעלע פֿון לאַנג האָבן אויסגעלאַכט.

מ י ר ק ע

הייבט שטיל אָן וויינען.

ק יי ל ע

מ׳האָט אים באַדאָרפֿן פֿאַר אַ מליץ-יושר; איבערלאָזן אַ לעבעדיקע עגונה.

ש ב ר

בייז

קיילע, שווייגט, — איר רופֿט אייך נישט אָן.

ק יי ל ע

גיב איר אַ גט!

ש ב ר

אָנגעצונדן

כ׳וועל איר אָפּגעבן מזיקן מיט מיינע הענט? פֿוילן זאָל זי!

ק יי ל ע

שטייט אויף

מאַכסט איר א צו רייכן דאָס... זי איז מיין קינד... מיינסט: איר מאַמע האָט זי געפֿונען הינטער אַ פּאַרקן? אַצינד, זעסטו, — וועל איך שוין יאָ שרייבן נאָך איר טאַטן...

ש ב ר

זאָלן אים ברענען די אָדערן, דעם טאַטן אירן.

ק ײ ל ע

ציטערט

איך װעל איר נישט לאָזן אַזױ פאַרשװאַרצן ס׳פּנים...

ש ב ר

בלײבט שטײן װי אַ שלעגער

אַלטע קלעמפּע, װער פרעגט בײ אײך?

ק ײ ל ע

קלאַפּט זיך אין האַרץ אַרײן

זי איז מײן קינד!

ש ב ר

כ׳גיב אײך אַ נעם מאַרן פּוקל, פליט איר בײ מיר אַרױס דורכן פענסטער..

ק ײ ל ע

שטרענגט־אָן דאָס ראַזיר־מעסער

כ׳װעל דיר איבערשנײדן דײן טרפהנעם גאָרגל...

מ י ר ק ע

שטײט דאַן אױף, און נעמט אַרױס דאָס קישן מיטן קינד פונם װיגל

קום, באָבע; איך װעל אים אָפּטרעטן..

ש ב ר

בלײך װי אַ קרײד, ציטערט

מירקע, װאו גײסטו? מיר־קע!

ק ײ ל ע

לײג אַרײן ס׳קינד.... אין דרױסן איז אַ רעגן, און װעסט עס נאָך דער־קילן; ס׳ברױך נישט מער זען װי אַ לופּטל...

מ י ר ק ע

זעצט זיך צוריק, נעמט אײן ס׳קינד

װײן נישט, קרוציקל; װײן נישט, קרוציקל...

ש ב ר

פאַלט צוריק אַוועק אויפן פריערדיקן אָרט

פאַרברענט זאָלס ווערן.

ק יי ל ע

זעצט זיך אָנציען ס׳מעסער

קוקט אַריין אין דעם, ס׳אי דאָך אַן עופּהלע; גאָרנישט קיין מענטשל, — און וויל שוין זען: צו וועמען ס׳אי פּאַדאָבנע! וואַרט, ס׳וועט אונטערוואַקסן...

ס ו י ט נ י ק

קומט אַריין פון גאַס

אַ פּייער זוכט אים! סצערב האָט דיך געמעגט אָפּפּוצן, — אַ גאַנצן טאָג זיך אַפילו פאַר אים נישט געוויזן אין סאָנד.

ל ע פּ אַ ק

מיט עקל

האָט פון וועמען צו רעדן.

ס ו י ט נ י ק

מ׳לאָזט זיצן אַ מענטש אַ גאַנצן גייענדיקן טאָג, אויפן ניכטערן.

ל ע פּ אַ ק

רויכערט, אויפן שבר

ס׳וואָלט אים ווילער געווען: ער וואָלט אויסגעשפּיגן די לונגען אין תּפיסה, איידער אַזאַ לעבן... כאַ... כ׳האָב שוין אַליין געקלערט אַרויס־צוגיין געוואָר ווערן, און כ׳קאָן נישט אויסקומען מיטן...

ס ו י ט נ י ק

ס׳אי בחנם... ער וועט אוודאי אַליין באַלד אַריבערקומען.

ל ע פּ אַ ק

לויז געגאַנגען?

ס ו י ט נ י ק

מיט דריי שאַנות, אַ חוץ דריי ספּראַוועס אויפגעמישט, — וואָס זענען אין גאַנג...

ק אַ פּ ע ל

אַ בעל־פּלטה?

ק י נ ט י ו ס

אַ יאָלד איז ער, ר׳זאָל גיין זיצן?

ק אַ פּ ע ל

פֿון סאָנד?

ק י נ ט י ו ס

פֿאַרוואָס נישט פֿון גאַס אַראָפּ? אָפּגעשיקט מיט אַ שמירער אין תּפֿיסה, — אויפֿן וועג דרייט ער זיך אום, דערלאַנגט אים אַ פּאַרפּאָר מיטן פֿרענטל צווישן די אויגן, און איז שוין אַ האָז...

ק אַ פּ ע ל

אַ כאָלערע, דאָס איז אַ מענטש... כע־כע־כע... ר׳קאָן גיין נ׳טויט אין די אויגן ...

ק י נ ט י ו ס

דער שמירער האָט זיך איבערגעקערט, ס׳טייטל אַרויסגעפֿלויגן פֿון די האַנט, און ביז ר׳האָט זיך צוריקגעשטעלט אויף די פֿיס, — איז דער סצערב נעלם געוואָרן אָן אַ פּיפּעץ...

ק אַ פּ ע ל

קיין איין שאָס נישט געפֿאַלן?

ק י נ ט י ו ס

שיס אויף די ווענט? ס׳האָט אינגאַנצן געדויערט אַ רגע! מיטן אויג!

ק אַ פּ ע ל

אַ הצלחה, כע־כע...

ק י נ ט י ו ס

האָט נישט קיין מזל צו קיין משא־ומתן, פֿאַלט תּמיד אַדורך, און זיצט קיינמאָל נישט...

ק אַ פּ ע ל

ס׳דריטע מאָל פּלטה, כע־כע...

ס ו י ט נ י ק

פיר ספּראָוועס אויף זיך... אַצינד, — דעם דריטן ווירעק... ציילט אויף די פינגער צוויי מיט אַ האַלב יאָר, — איינמאָל; דריי יאָר; ערשט, — נאָך דריי יאָר; צוזאַמען: אַכט מיט אַ האַלב יאָר, — אַ מענטש האָט אויף זיך?

ל ע פּ א ק

נו... שוין מעגן אַצינד צוקר זיין איבערן ים; אַריינפאַלן, וועט ער בלייבן קוועטשן אויפן גאַנצן לעבן.

ס ו י ט נ י ק

מאַכט זיך אַ סך, אַ פייער זוכט אים! קען נישט נ'סצערב? פּלטה, — ווייטער גיין פאַרדינען; אַריינפאַלן, — ווייטער גיין פּלטה; נישטאָ קיין תפיסה פאַר אים.

מ ז י ק

קומט אַריין מיט אַ פייף

גוט אָנגעפּיפן?

ש ב ר

שטייט אויף, קוקט אים אָן מיט ביסטרע אויגן

קומט נאָך אַהער, — אַ כּוח דאָס האָט... אָפּ, פאַרמאַכנדיק הינטער זיך די טיר.

מ ז י ק

קוקט אים נאָך

ס'אַ געפּגרטער יאָלד! מירקע, וואָס מאַכט ס'יאַטל? אַ בליק אין קישן רויט ווי אַ צוויק. פּיסטעוועט פּ-ס-ס-ס...

ק יי ל ע

שאָקלט טרויעריק מיטן קאָפּ

ס'אַ בראָך צום בינטל יאָר.

מ י ר ק ע

וויינט

אַריינגעפאַלן אין זיינע הענט.

מ ז י ק

שווערט זיך

האָסט אַ דרערד פּאַר אים! וואַרט, ס׳וועט זיך נאָר מאַכן, עפּעס מאַכן אַ רעכטער שלאַם, ביסטו נישט מער קיין היגע.

ק יי ל ע

ס׳קומט: ר׳זאָלט איר ביידע געבן אַ גט.

מ ז י ק

אַ גרויסע זאַך! האָט מע צוריק חתונה... מירקע, פאָרסט מיט מיר קיין „בוינע״, מאַכן אַ לעבן?

מ י ר ק ע

וואו, זאָגסטו? קיין „בוינע״? כ׳האָב געוואוסט... ווײנט אַזוי האָסטו מיך ליב? ווילסט מיך פירן אין שוואַרצן לאַנד אַריין? אַרויסשטעלן אויפן מאַרק?

ק יי ל ע

כ׳האָב געזאָגט... דיך געוואָרנט: זאָלסט דיר דערנאָך נישט באַקלאָגן ס׳פּנים..

מ י ר ק ע

די באָבע איז געווען גערעכט; כ׳האָב איר נישט געוואָלט הערכן.

מ ז י ק

צעטומעלט

ביסט אַ נאַרעלע... מיינט טאַקע? טפו... מ׳ברויך זיך היטן מיט אַן איבעריק וואָרט... די צונג אָנבייסן... מאַכסט אַ וועזן, אַ? מירקע! מירקע!

מ י ר ק ע

פאַרווייַנט, לאָזט זיך נישט איינגעמען.

ל ע פּ אַ ק

שפּייט אויס מיט פאַראַכטונג

טפו... מ׳קאָן ברעכן מיט די גרינע גאַל... יאַטן, ס׳האָט איבערגעפירט די מלונה... ס׳גרילצט אין די אויערן אַ גאַנצן טאָג פון די קאַצן-מוזיק...

כאַ ! מ׳וועט זיך ברויכן באַזעצן ערגיץ אין אַ מיל אויף לינק.. צום מזיק
יאַט, ס׳אַ חי אין שטאָט ?

מזיק

מ׳חופשט כסדר אין אַלע בלאַטע הייזער... אויף אַלע מלונות.. ביי ר׳ נחמן כשר אויסגעשאָקלט די בעבּיכעס... מיט שפּיר-הינט... ביים בלינדן קורניק צוגענומען דריי חנאס. .

סוויטניק

וואָס האָט מע געהאָט צו זיי ?

מזיק

מ׳גייט זוכן בראָנפן, — געכינט מע פאַלש געלט; נישט געהאָט די ביכלעך געשטעמפּלט פונם דאָקטאָר.

סוויטניק

אַ פייער זוכט זיי !

מזיק

דער בלינדער קורניק האָט אים שוין פאַרשאָלטן די ביינער.

לעפּאַק

לאַכט עקלהאַפט

כי-כי-כי. . וואו קאָן ער ערגיץ ליגן אויפגערוימט, דער סצערב ?

סוויטניק

כ׳וואָלט געשוואוירן : אַז אויף אַ בוידעם, אַ פייער זוכט אים !

מזיק

אַ יאָלד איז ער, — ר׳זאָל אַצינד ציען פלטה ?

שבר

שטעקט אריין דעם קאָפּ, קוקט לאַנג ארום מיט אַ פאַרגליווערטן בליק.

מזיק

ס׳איז אים שוין עפּיס אונטערגעפלויגן.

שבר

גייט נענטער אריין

מזיק, צו וואָס קומסטו אַהער ?

מזיק

שטייף

כ'קאָן נישט לעבן אָן דיר, שבר!

שבר

צוגעדריקט

לאַך נישט, כ'וועל דיר די אָדערן אויפטרענען.

מזיק

ליגסט אויף מיר אַ האַנט, וועסטו ביי מיר פאַרפוילט ווערן אין תפיסה.

שבר

גיט אַ לאַך אַרויס

צדיק! צדיק אין פעלץ! ער איז שוין ווייניק אָנגעגאַנגען...

סויטניק

בייז

מזיק, וועסט ווערן אַ סליחהנער?

לעפּאַק

שטייף

אַ גרעב-צער?

מזיק

פעסט

אַז ער וועט גיין מיט די הענט, בין איך אים גרייט איינצווייקן ביים ערשטן בעסטן משא-ומתן.

שבר

ביטערט מיט אַ געלעכטערל

כאַ-כאַ-כאַ... מיאוסער יאַט, אַ ביין וועל איך דיר איבערברעכן...

מזיק

טויט

וועסט אַ ברירה האָבן מיט מיר נישט צו גיין פאַרדינען.

שבר

ווי פריער

געמיינער שאָפּענפעלער!

מ ז י ק

פאַרבייסט

וועסט דיר נעמען נ׳סצערב פאַר אַ שתוף.

ש ב ר

צוגעדריקט

מזיק, כ׳וועל דיר גאָרנישט טון. זאָג דעם אמת: האָסט מיט איר אָפּירגעהאַט?

מ ז י ק

לאַכט פאַרלעגן

כאַ-כאַ-כאַ...

ש ב ר

ווי פריער

זאָג, — זאָל איך אַזוי לעבן: ווי כ׳וועל דיך נישט טשעפּען... פינף יאָר נאָך אַ חתונה, די כאַלערע נעמט איר, — קיין שום ווייב וואָלט אפשר נישט בעסער געווען... וואָס האָט זי זיך צו מוטשען? און פאַרוואָס זאָל זי זיך מוטשען?...

מ י ר ק ע

טרערט שטיל.

ק יי ל ע

שאָקלט טרויעריק מיטן קאָפּ.

ש ב ר

ווי פריער

מזיק, איך גיב איר אַ גט... נעם זי דיר צו, און האָב מיט איר חתונה... נאָר געדענק: מיר אונטער די אויגן זאָלסטו נישט קומען מיט איר... איך זאָל אייך נישט זען... איך... די כאַלערע וועט מיך נישט נעמען.. איך בין אַ קאַליקע.. און כ׳וועל שוין אַזוי אָפּלעבן ערגיץ אויף אַ בוידעם, אין אַ לאָך, צווישן מלובות, פגרן הינטער אַ פּלויט, און פוילן דריי טעג ביז כ׳וועל קומען צו קבר-ישראל...

מ ז י ק

שטימט

מירקע

טרערט שטיל.

קיילע

שאָקלט טרויעריק מיטן קאָפּ.

שבר

ווי פריער

זעסט: כ'גיי אַרום, – דער טאָג איז מיר קיין טאָג נישט; די נאַכט, – קיין נאַכט נישט; ס'לעבן, – קיין לעבן נישט.. אָ, ווען כ'זאָל וויסן, – איך בין דער טאַטע פון דעם קינד? כאַ!... רייסט זיך די האָר פון קאָפּ כ'וואָלט משוגע געוואָרן פאַר פרייד... אַ גאַנץ יאָר געשיכּורט אין די גאַסן.. אויסגעריסן אַ גאַנצן גאָרטןביימער... אונטערגעצינדן הייזער, גאַנצע גאַסן, און געטאַנצט מיט דעם פּיצעלע אין פייער, צווישן די פלאַמען, און קיין האָר וואָלט מיר נישט געשאַדט...

מזיק

שטימט.

מירקע

טרערט שטיל.

קיילע

שאָקלט טרויעריק מיטן קאָפּ.

שבר

ווי פריער

מזיק, זאָג מיר דעם אמת... קלאַפּט זיך אין האַרץ אַריין בין איך דער טאַטע פון דעם קינד? האָט מיר מיין ווייב אַ ממזר אין שטוב אַריינגעבראַכט? וואָס שווייגסטו? וואָס נעמסטו מיר די לעבער צו? זאָג: ביסט געקראָכן צו איר? האָסט איר אָנגערירט? זי האָט זיך געלאָזט אָפּרעדן פון דיר? קוקט אַזוי ווילד אין זיינע אויגן, ביז ער גיט זיך אַ וואָרף און לייגט אים־צו מיט זיין שווערן קערפּער צו די ערד אַ מיתה וועל איך דיר אָנטון...

מירקע

קוויטשעט הויך, אויפן קול.

קיילע

נעמט ביי איר אָפּ ס׳קינד.

לעפּאַק, סצערב

האַרפּן זיך ביידע אויף שברן, אים אָפּרייסן פון מזיקן.

כשר

אויף די שוועל, שטייט אַ ווײַלע צעטומעלט, ביז ס׳שטילט זיך איין

כ׳שטיי שוין פון אַ שפּאָרע ווײַלע אין דרויסן, כ׳האָב געמיינט: מ׳שעכט דאָ מענטשן לעבעדיקערהייט.

קיילע

וויגט דאָס קישן מיטן קינד אויף אירע הענט

שיער אַן עופהלע אומגעקומען.

שבר

אונטערגעהאַלטן, — באַקומט ביסלעכווייז אַ צורה פון אַ מענטש, מורמלט

אַ כאָלערע... סוויטניק... לעפּאַק... גיט זיך אַ ריס לאָזט מיך צו אים!... באַרויקט איך בין נאָך נישט געפּגרט... באַפרייט זיך, אָפּגייענדיק ער איז נאָך נישט מיינע פּטור... אָפּ.

כשר

שניפּט דעם טאַבאַק

גאָר קיין מענטש נישט.

קיילע

לייגט ס׳קינד אין וויגל

ס׳קינד האָט באַדאַרפט אויסגערינען צו ווערן אין די מאַמעס בויך, — איידער ס׳איז נאָך אויף די לעבעדיקע וועלט געקומען. וויגט עס איין שלאָף, קרוציקל! שלאָף קרוציקל!

מזיק

נעמט מירקען פאַר די האַנט

מירקע, מירקע, אַזוי זאָל מיר די פּריי דינען, האָסטו פון מיר אַ שבועה, — ווי איך נעם דיך אַרויס פון זיין האַנט.

מ י ר ק ע

לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ צו אים אויפן האַרץ, וויינט

וואָס האָסטו מיר געטון? מזיק, וואָס האָסטו צו מיר געהאַט?...

ק יי ל ע

אַצינד האָט זי חרטה.

מ ז י ק

זאָל איך איינגעזינקען ווערן אויפן אָרט... מירקע, כ׳האָב פיינט: מע וויינט מיר אַריין אין קאָפּ.. נעם, פּאַק דיר צוזאַמען די זאַכן... כ׳קאָן באַשטיין נישט אַוועקצוגיין מער פון דאַנעט, ביז כ׳וועל דיך נישט מיטנעמען...

מ י ר ק ע

יאָ... מיך אַריינגעבן צום בלינדן קורניק... ביי מיר אָפּנעמען ס׳קינד... דאָס אונטערוואַרפן ביי ווּעמען אויף די שטיגן, און מיך הייסן זיין אַ בלאַטע...

מ ז י ק

שווערט זיך

זאָל מיר די פריי דינען, ווי כ׳גיי מאָרגן דינגען אַ לייטישע שטוב... איך וועל גיין פאַרדינען, און דיך אויסהאַלטן... וועסט זיינע פטור ווערן, דעם שברס, — נעם איך אַריין דריי אָרנטלעכע יידן, און שטעל מיט דיר אַ חופה אונטערן באַלקן.

מ י ר ק ע

האַלט איר קאָפּ אויף זיין האַדץ, ביטערט.

ק יי ל ע

וואָס האָט זיך פאַר דער צייט געסודלט מיט כשרן, — לייגט-צו אַ פינגער צום מויל, און שאָקלט פאַרוואונדערט איר אַלטן קאָפּ

ס׳אי זייער ביידענס אַ רחמנות.

כ ש ר

שניפּט דעם טאַבאַק, הידושט זיך

פּ-ש-ש-ש... אַ מעשה פלא... אַ מעשה פלא...

קיילע

די האָר אויפן קאָפּ שטעלן זיך קאַפּויר.

כשר

ווי פריער

אַ מעשה פּלא...

קיילע

פאַרלויפט זיך נישט אין אַ האַלבע וועלט רעדן שטיל

סוויטניק

פאַנגט־אָן

לעפּאַק! ווייסט, כ׳וועל דיר זאָגן: ס׳אי נישטאָ מער באַלד קיין אָרט וואו זיך צונויפצוקומען... אַ פייער זוכט...

לעפּאַק

מ׳ברויך איבערטראָגן די גניאַזדע.

מזיק

וואַרט, נאָך אויף די אַנדערע וואָך וועט איר שוין קאָנען זיין ביי מיר.

סוויטניק

ער וויל גאָר ווערן דער רוכב־בערבות איבער אונז, אַ פייער זוכט אים...

מירקע

נעמט זיך אויפקלויבן אירע מלבושים.

לעפּאַק

אומגעדולדיק

ר׳ נחמן! איר זענט אַהערגעקומען צו קיילען, צי, — ר׳האָט עפּעס אַ שטיקל געשעפטל?

כשר

אונטערגעריסן פון קיילען

אַ?

סוויטניק

ס׳אַ טויבער, אַ פייער זוכט אים! אַ שטיק חוש...

מ ז י ק

ער פוצט איר דעם הויקער.

ס ו י ט נ י ק

אַ פייער זוכט זיי ביידע...

ל ע פ אַ ק

אויפן אויער

ר'האָט עפעס אַ משא־מתן?

כ ש ר

מילא־אוודאי.

מ ז י ק

צו קיילען

קיילע, איר האָט עפעס אַ פּאָר דימענטענע אויערינג? אַ שנירל פּערל, אַ בייטשל קרעל, — ס'וועט זיך אַרויסגליטשן פון אייך...

ק יי ל ע

מיינט: איטלעכער האָט זיין טבע..

מ ז י ק

מיט אַ פייף

ז' איז אָנגעצויגן, די אַלטע. אַ קיצל אין זייט קכי...

ק יי ל ע

וועצט זיך איבער צום וויגל, וויגט.

כ ש ר

הייבט די פּלייצעס, שניפּט דעם טאַבאַק

כ'זע; ס'אי נישט מיט אַלעמען, וואָס וועל איך רעדן?

ל ע פּ אַ ק

גיט לשון.

כ ש ר

ס'איז אַ... לאָמבאַרד!

ל ע פּ אַ ק

טוב!

כּ ש ר

ס׳משרת וויל אַרויסגעבן וואו די משכּנות ליגן.

ס ו י ט נ י ק

ווער האָט זי בלאַטירט?

כּ ש ר

אַליין געקומען. זאָגט עפּעס שטיל לעפּאַקן אויפן אויער.

מ ז י ק

מיט אַ פּייף

וויל פאַרדינען.

ס ו י ט נ י ק

יאָלדן נעמען זיך צו געשעפטן, אַ פייער זוכט זיי...

ל ע פּ אַ ק

אויף נחמן כּשרס סוד

ס׳אַ גאַנץ אָרנטלעך משא־מתן; ס׳זענען אָבער נישטאָ קיין מענטשן, וואָס זאָלן עס מאַכן.

ס ו י ט נ י ק

סצערב!

ל ע פּ אַ ק

אים נאָך אַפילו פאַר די אויגן נישט געזען.

כּ ש ר

מיט אַ קנייטש

האָט נישט קיין מזל.

ס ו י ט נ י ק

נ׳שבר?

כּ ש ר

מ׳קאָן נישט געטרויען.

ל ע פ אַ ק

אָלעק ריזיקאַנט וואָלט זיך געטויגט.

מ ז י ק

מיט אַ פייף

פייער!

ס ו י ט נ י ק

ברויך מע אים אַראָפּברענגען.

מ ז י ק

אַנטציקט

כ'בין אַמאָל געווען מיט אים אויף אַ משא־מתּן...

ס ו י ט נ י ק

אָלעק ריזיקאַנט האָט אים מיטגענומען אויף אַ משא־מתּן, אַ פייער זוכט אים!

מ ז י ק

אויף צונג!

ל ע פ אַ ק

לאַכט

כאַ־כאַ־כאַ...

מ ז י ק

באַגייסטערט

שטיי איך ביים פענסטער און קוק אַריין אין שטוב: ס'איז פרייטיק־צו־נאַכטס.. ביי אַ יונג פּאָר־פאָלק... כ'זע: לייכטער פינקלען אַראָפּ פון טיש, זילבערנע שטייערס, — בעטן זיך מ'זאָל זיי אַראָפּנעמען...

ל ע פ אַ ק

די מעשה האָט שוין אַ באָרד; כ'האָב איר נאָך געהערט דערציילן פון דוד פינק.

מ ז י ק

דער לאָמפּ ברענט, — ס'ליכטיקייט שטעכט אויס די אויגן! גייט ער פּאַ־מעלעך אונטער, גיט אַ דריי ס'לעמפּל, אַ מינוט דערנאָך, — ווידער אַ

דריי דאָס לעמפּל, און אַזוי ווערט צוביסלעך פינסטערער אין שטוב, עס לעשט זיך, אַזוי ווי ס'וואָלט אויסגעפּעלט אינעווייניק נאַפט; אַז ס'קאַפּעט נאָך, — וועקט זיך שוין איבער ס'ווייבל אין בעט: „אוי־ווי, דער לאָמפּ גייט אויס, זי בלייבט מיטן קינד אויף בייננאַכט אין די פינסטער“...

ס ו י ט נ י ק

אַ פייער זוכט אים!

מ ז י ק

ער זעצט זיך דערנאָך וויגן ס'קינד, שוין גוט איינגעשלעפט, — נעמט ער זיך ערשט צו די אַרבעט; טאַפּט אַדורך אַלע אָנגעגעבענע סקריטקעס, און טרעפט נישט; כע? בעט ער זיך איבער מיט די שטייערס... פּאַקט צוזאַמען אַ ביסל שמוק... ציט אַראָפּ אַ גאָלדענעם זייגער פון די וועסט... און איך מיין: ער געזעגנט זיך... גיט אויף ס'איבעריקע... וואָרן ס'גילט, בלייבט, — ברויך אוודאי ליגן אונטערן קישן... וואָס טוט מע?.. אַוועקגיין ליידיק?...

ל ע פּ אַ ק

אַלטע ווייבער וואָלטן דיר גיכער געגלייבט, כאַ־כאַ...

ס ו י ט נ י ק

מעגסט גיין צו אים אין חדר זיך לערנען, אַ פייער זוכט אים...

מ ז י ק

ער שטייט אַ רגע... קלערט, קלערט, און לייגט מיטאַמאָל אַרויף אַ פוס אויפן שטומפּ, — יענער וועקט זיך איבער, רעדט עפּעס פון שלאָף, תמעלט, ציט אויס אַ פּאָר לאַנגע, דאַרע הענט, און... כ'האָב איבער אַ רגע נישט געקאָנט וויסן: וואָס ט'געשיט? צי יענער כאַפּט אים גליין אָן ביים גאָרגל: „ביסט אין דרערד מיט די ביינער“! אָדער: ער דערקענט אינם שטומפּ עפּעס אַן אַלטן גוטן ברודער, כ'ווייס? און גאָר הרטה געקריגן פונם גאַנצן עסק... גייט זיך אַריינלייגן מיט אים אין בעט... אַרומכאַפּן, צעקושן זיך מיטן...

ס ו י ט נ י ק

און אים אַזויערנאָך פאַרדינט?

מ ז י ק

אַ שאלה?

ס ו י ט נ י ק

אַ פּייער זוכט אים, כאַ-כאַ-כאַ...

לּ ע פּ אַ ק

לאַכט פאַרלעגן

כאַ-כאַ-כאַ...

כּ ש ר

מיט התפעלות

דאָס איז אַ בעל-מלאכה...

ס צ ע ר ב

גיט אַ שטעק אַרײַן דעם קאָפּ, אַ בליץ מיט די אויגן, און זיך אַ וואָרף אַרײַ-
בער אין שטוב, אָנגעטון אין די אַרעסטאַנטסקע קליידער.

אַ לּ ע

צעטומעלט

סצערב?

מ ז י ק

שטעקט אויס די האַנט מיט אַ פּייף

רייב-איין!

כּ ש ר

שלום עליכם! גיט אים די האַנט ברוך מתיר אסורים... זאָגט עפּעס שטיל קיילען אויפן אויער, — און טראָגט זיך אָפּ.

ס צ ע ר ב

צוריקגעהאַלטן

מאַכט נישט קיין יעלה; מ׳איז דאָ געווען אויף אַ חופש?

לּ ע פּ אַ ק

האָסט אַ דרערד פּאַר זיי; אַז ס׳אי דיר אָנגעגאַנגען, — ביסטו צוריק אונזערס אַ מענטש.

ס צ ע ר ב

ב׳שטאַרב פאַר אַ ביסל רויך. *פאַרויכערט מיטן גאַנצן האַרץ.*

ל ע פ אַ ק

וואו ביסטו געווען אויפגערוימט ?

ס צ ע ר ב

אונטער די בריק! אָפּגעלעגן אַ האַלבן טאָג אין קאַנאַל... אין אַ פינסטער-ניש... אין וואַסער... אומריייניקייט... ב-ר-ר... אַלע מינוט הערט זיך נאָר דאָס כלאַפּען פון די לעכער: כלאַפּ... כלאַפּ... ס׳קומט דאָרטן אָן פון אַלע הייזער, דורך די קאַנאַלן, דורך די לעכער...

מ ז י ק

מיט אַ פייף

אַ גאָלדענע מלונה!

ס ו י ט נ י ק

אַ פייער...

ס צ ע ר ב

און ראַטן טאַנצן אַרום, שפּרינגען, — אַזוינע בחורים!

ל ע פ אַ ק

ס׳אַ חידוש, זיי האָבן זיך נישט געוואַשן צו דיר ?

ס צ ע ר ב

איך האָב טאַקע געהאַט אַ גוט שטיקל אַרבעט, זיך אָפּצוויאָגן מיט זיי *וואַרפט אַוועק דעם מונדשטוק, פאַרויכערט אַ צווייטן* וואו איז שבר ?

ל ע פ אַ ק

אין דרערד איז ער.

ס ו י ט נ י ק

מיט אַ געשריי

שבר!

ש ב ר

קומט אַריין אָנגעכמורעט

אַ... סצערב, אַ ניכפּה אויף אים! *גיט אים די האַנט* נאָך אין די בגדי-מלוכה.

סצערב

טוט אַ שפּיי

טפו . ביסטו אפשר געזעסן אין תּפיסה? ס׳אַר פּנים האָסטו אויף זיך אַרויפגענומען?

שבר

גיט זיך אַ וויש מיט די האַנט איבערן פּנים.

סוויטניק

דאָס ווייבל, אים אַזוי אויסגעשטעלט... אַ פייער!...

סצערב

בייזלעך

ברענען זאָלן דיינע אָדערן, — אַזוי האָסטו מיך אינעווייניק אויסגע-האַלטן מיט עסן, און מיט רויך?

שבר

איך האָב דיר נישט אַריינגעשיקט?

סצערב

כ׳האָב דיר אַרויסגעשריבן אַן אגרתל מיט אַ מענטע, — זאָלסט אים געבן פאַר מיינעטוועגן צוויי הונדערט פייגל...

שבר

איך האָב אים פאַר די אויגן נישט אָנגעזען.

סוויטניק

מישט זיך אריין

סצערב, וואָס קלערסטו צו טון?

סצערב

מאַכן גולה-עמוקות!

סוויטניק

די יעלה איז נאָך אָבער צו גרויס... זיי אַקערן איבער די ערד... האָבן צעשטעלט שמירערס אויף אַלע וועגן... נאָך בייטאָג צוגענומען אַלע דראָזשקעס אין מאַגיסטראַט...

ס צ ע ר ב
כ׳קלער מיך איבערצוטון... אריבערכאַפּן אויף די לאַנקע, און פון דאָרטן אינם וועלדל, — וואו כ׳האָב שוין צוצוגיין דריי מייל וואַלד.

ס ו י ט נ י ק
וואָס טויג דיר זיך צו לייגן מיט אַ געזונטן קאָפּ אין אַ קראַנק בעט? וועסט איבערנעכטיקן דאָ אויף מלונה עטלעכע נעכט, ביז ס׳וועט זיך אַ ביסל אָפּלעשן... ס׳אי דאָך אַ מורא אַרויסצוגיין!

ל ע פ א ק
מורא? ווער האָט מורא? ער וועט גיין מיט מיר! אַ שפּייער אין קע־שענע היצט... דו וועסט נעמען אַ מעסער... כע־כע... כ׳וועל דיך אויס־לערנען געבן אַ שטאָך, אַז מ׳וועט ברויכן... שוין צייט: דו זאָלסט נישט ציטערן ווי אַ טכויערזש, און אַנטלויפן ווי אַ האָז, ווען יענער גיט אַ פּאָך מיט די נאָז, נאָר, — אַקעגנשטעלן זיך דעם מלאך־המות אין די אויגן... שטעך... שנייד... און קוים איז יענער שטאַרקער פאַר דיר, — מאַך זיך אַליין ב׳טויט...

ס צ ע ר ב
כ׳האָב אַ דרערד פאַר אַלעמען; שבר, האָסט עפּעס פאַר מיר איבערצוטון?

ש ב ר
קיילע, גייט אַריין, און מאַכט פאַר אים דאָרט אויף די שאַנק; זאָל ער זיך אויסקלויבן.

מ י ר ק ע
איך האָב אַוועקגעלייגט די שליסלען. גייט אַריין, נאָך איר, — סצערב, לעפּאַק, סויטניק, און ווען ס׳קומט צו מזיקן, אַזוי גיט אים

ש ב ר
אַ נעם פאַר די האַנט, און ציט אַרויס אַ מעסער פון כאַלעוועס

דאָ, בלייב!

מ ז י ק
נעמט צאַפּלען ביי אים, אימת־מות

ש־ב־ר!

ש ב ר

האַלט אים ווי מיט צוואַנגען

דאָ, בלײַב!

מ ז י ק

ציטעריק

לייג אַוועק ס׳מעסער!

ק יי ל ע

פאַרברעכט די הענט

של-מה-לע!

ש ב ר

האַלט מלחמה מיט זיך, און גיט ענדלעך אַ שלײַדער אַוועק ס׳מעסער

אַצינד, קום מיט. פירט איס צום וויגל דאָ שטיי...

מ ז י ק

שטייט טויט ווי די וואַנט.

ש ב ר

לאָזט זיך אַראָפּ אויף די קני פאַרן וויגל, און קוקט-זיך איין אַמאָל אין קינד און אַמאָל אין אים.

ק יי ל ע

שאָקלט טרויעריק מיטן קאָפּ.

אַ שווערע, פײַנלעכע מינוט.

ס ו י ט נ י ק

אין טיר

שבר! האָסט דאָך נישט קיין רעכטן ראָק אין דרינען!

ש ב ר

גיט זיך נישט קיין ריר, נאָר קוקט אַזוי ווי ער וואָלט געוואָלט עפּעס אַרויס-קריגן אַן ענלעכקייט צווישן אים און דעם קינד.

ס ו י ט נ י ק

נישט דערוואַרטנדיק זיך קיין תשובה

אַ פײַער זוכט אים! פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר.

ק יי ל ע

טרויעריק

שלמהלע, דעם קינד וועט ס׳קעפעלע וויי טון.

ש ב ר

לאָזט ענדלעך אַראָפּ דעם קאָפּ אין וויגל.

פּויזע

עס קומען אַריין: לעפּאַק, סצערב, סוויטניק. סצערב איז איבערגעטון אין פּרי־
וואַטע קליידער, שפּעטער קומט אויך מירקע מיט איר פּעקל מלבושים.

ס צ ע ר ב

אומרויִק

מ׳וואָלט געבראַכט אַ קוק טון אין דרויסן, אויב די לופט איז ריין?

ל ע פּ אַ ק

מיטן קוק

סוויטניק!

ס ו ו י ט נ י ק

בייזן

אַ פייער... אָפּ.

ס צ ע ר ב

אומגעדולדיק

מיין כלה האָט זיך דאָ גאָרנישט געוויזן?

ל ע פּ אַ ק

מיט אַ גיפטיק שמייכעלע

זיך געדרייט אויפן וויאַטראַק.

ס צ ע ר ב

גיט אַ ציטער, פאַרבייסט די ליפּן

אַ כאָלערע...

ס ו ו י ט נ י ק

ווייזט זיך צוריק אַריין פון דרויסן

מ׳זעט קיין הונט נישט.

ס צ ע ר ב

שבר, אַ גוטע נאַכט.

ש ב ר

גיט איִם די האַנט

אַ גוטע נאַכט.

ס צ ע ר ב

פאַרגעס נישט: כ'האָב דיר געלאָזט אין דרינען די בגדים פון תּפיסה, — זאָלסט זיי געדענקען צו פאַרברענען.

ס צ ע ר ב, מ ז י ק, ס ו ו י ט נ י ק, ל ע פ אַ ק

אַלע איינעם פּאַקן זיך אַרויס.

אין שטוב הערשט אַ שווערע, געדריקטע שטימונג; קיינער קאָן זיך נישט געפינען.

ש ב ר

געפאַלן

מירקע, פאַקסט דיך אין וועג אַריין?

מ י ר ק ע

שווייגט

ש ב ר

גייסט אַוועק?

מ י ר ק ע

שווייגט

ש ב ר

נעמסט מיט ס'קינד?

מ י ר ק ע

שווייגט

ש ב ר

מירקע, פאַרוואָר זאָלן מיר די אויגן פון קאָפּ אַרויס; אַ ראָד אַריבער

איבערן לייב; אַ פערד צעטרעטן מיט די פיס, — ווי דו מוזט מיר זאָגן:
ס׳קינד איז פון אים?

מירקע
שווייגט

שבר
מירקע, פאַרוואָר זאָל מיר אַ בליץ אָנצינדן די אויגן; אַ דונער צעשפּאַלטן
דעם קאָפּ, — ווי דו מוזט מיר זאָגן: ס׳קינד איז פון אים?

מירקע
אַנטשלאָסן

יאָ, ס׳איז פון אים; נ׳וואָס ווילסטו?

שבר
בלייבט פאַר אַ ווײַלע צעטומעלט, די אויגן קריכן אים פון קאָפּ, ס׳דאַכט זיך:
ווי ער וואַרפט זיך מיט זײַנע אויסגעדרייטע הענט אויף איר, ביז ער
פאַלט צוזאַמען.

מירקע
וואָס האָט צוזאַמענגעפּאַקט די זאַכן, נעמט דערנאָך אַרויס ס׳קישן מיטן קינד.

שבר
גיט זיך אַ צאַפּל

וואו גייסטו?

קיילע
פאַרברעכט די הענט

מירקע.

שבר
מיט אַ געשריי

שלאָפן גיין!

קיילע
לייג אַריין ס׳קינד... נעמט בײַ איר אָפּ ס׳קינד, לייגט דאָס אין וויגל, דרייט אַראָפּ דעם
לאָמפּ, און מאַכט־אויף ביידע טירן צו די אַנדערע שטוב, — וואו זי נעמט זיך דאָס אַריבער־
טראָגן מיט מירקען.

שבר

גיט זיך אַ וואָרף

אַ? דאָס וויגל בלייבט דאָ איבער...

קיילע

צוזאַמענגעבראָכן

דאָס עופּהלע וועט אויסגיין, — ס׳מוז האָבן די ברוסט...

שבר

מיט אַן אומענטשלעכן געשריי

מאַכט נאַכט!

מירקע, קיילע

שאַרן זיך ביידע אַרויס.

שבר

גייט אין די אַנדערע שטוב, ברענגט צו טראָגן דאָס פּעקל אַרעסטאַנטסקע קליי-
דער, נעמט זיך פּאָרען ביים אויוון, מאַכט צורעכט אַ פייער, און נעמט זיי
פאַרברענען; דער פלאַם ווערט העלער, ליכטיקער, שלאָגט אָפּ מיט אַ מאָד-
נעם אָפּשיין אויף זיין פּנים, וואָס ווערט מיט יעדער רגע מער נערוועזער, ווילדער

מירקע

שפּאַרט דאַן אָוועק די טיר. שטעקט אַריין דעם קאָפּ. די אייגלעך פינקלען
ווי ביי אַ קאַץ; זי שלייכט זיך אַריין אויף די שפּיץ-פינגער, בגנבה, האַלב-
נאַקעט פון בעט אַרויס, און נעמט מיט זיך ס׳קישן מיטן קינד אין די אַנדע-
רע שטוב אַריין.

שבר

וועלכן ס׳האָט עפּעס, קענטיק, אַ בליץ געטון איבער די געהירן, — גיט
זיך אַ וואָרף צום וויגל, דערזעט: עס איז ליידיק, — קורטשעט ער זיך
אינגאַנצן איין פאַר שרעק; איין אויגנבליק, — און ער פאַלט אַריין אין די אַנ-
דערע שטוב, וואו ס׳ברעכט אויס אַ שטילער שטורעם, אַ כאָרכלען, ראַנגלען
זיך, אַן איבערגעריסן געשריי, און ער קומט צוריק אַ בלאַסער, מיט אַ צע-
שויבערטן קאָפּ האָר.

ק יי ל ע

ווייזט זיך אויף די שוועל, מאַכט מיטן מויל ווי אַ זשאַבע, וואָס שעלט, און געפינט נישט קיין אויסדרוק פאַרן אומגליק, וואָט האָט געקאָנט פאָרקומען אין די אַנדערע שטוב.

ש ב ר

זיצט אין מיטן שטוב ביים טיש, אַראָפּגעלייגט דעם קאָפּ אויפן טיש.

די פלאַמען שפרייטן זיך אויס. נעמען אַדום די שטוב, הילן־איין דאָס גאַנצע הויז.

פ אָ ר ה אַ נ ג

דעמבעס

דראמע אין דריי אקטן

עס שפּילן :

ישראל.	
ראובעלע,	זיין זון.
שמחהלע,	זיין יינגל.
אָריש,	אַ ייד, אַ קרעמער.
פרומעט,	זיין ווייב.
ראַשל,	זייער טאָכטער.
ר׳ משה,	אַ מלמד.
טעוול,	אַ יונג.

ערשטער אקט

אויף אַ דאָרף אין פּוילן.

נאָך פּסח.

אין שטוּב בּיי ישׂראלן

אין הינטערגרוּנט: אַ ברייט פּענסטער.

ס'זעען זיך כאַלוּפּעס, פּעלדער, אַ שפּיץ פוּן אַ הילצערנע קאַפּליצע, דאָס ראָד פוּן אַ ווינטמיל.

פוּן די אַנדערע שטוּב הערט זיך ס'דאַווענען פוּן יידן.

פ ר ו מ ע ט

אַ גראָבע יידענע, מיט אַ שוואַרץ געשטופּלט פּנים, געשפּאָלטענע ליפּ, האַלט אַ סדור אין די האַנט, שאָקלט זיך אַריין אין אים.

ר אַ ש ל

פאָרעט זיך ביים אויוון, מאַכט צורעכט אַן עסן.

ט ע ו ו ל

זיצט אויף די ערד, די פיס אונטער זיך, אַ פּאָר בלויזע הויזן מיטן העמד אויפן לייב, באָרוועס, די האָר צעשויבערט, ס'פּנים מיט לישייען, האָט פולע בוזעמס אָנגעשטאָפּט מיט שטיקער ברויט, פון וועלכע ער קנייפּט, קייעט און מעלה-גירהט, רעדט אַ שעה אַ וואָרט.

פ ר ו מ ע ט

שווער

אָנגעקומען מיט די מיתה, אויפצוקלויבן ס'מנין.

ר אַ ש ל

אין טון

שווערע יידן.

פ ר ו מ ע ט

אויפגעשטאַנען פאַרטאָגס, ס'האָט געבלישטשעט; אויסגעמאָסטן ס'דאָרף אין די לענג און אין די ברייט, אָנגעקלאַפּט ביי בערלען, זיינוולען, — אַלעמען אויפגעשטעלט פון די בעטן, ביי די אויערן זיי אויפגעשטעלט.

ר אַ ש ל

כאָטש אָנגעלייגט די אַרבעט.

פ ר ו מ ע ט

געבוירן ווערן אַ קדיש פאַר איר נשמה... ענדערט קיין חידוש נישט אַפילו, — די אַרבעט ברענט, אַ גאַנצע וואָך געכלאַפּעט, אַ סכנה געווען אַ פוס אַרויסצושטעלן; הייַנט: אויף איר שלימזל, אַ שטקעלע זינדל, ליגט

ס׳היי אָנגעוואָרפן אין קופּעס און פרייעט; מ׳שטעקט אַהין אַריין די האַנט, — בריט ווי אין אַן אויוון.

ר אַ ש ל

אין טון

אַ פּיצעלע פעלד, נישט; אָפּגעדונגען שטיקעלעך לאַנקע ביים הויף איף היי, פאַר די קיעלעך אויף ווינטער, — קריכן טאַקע די אויגן פון קאָפּ.

פ ר ו מ ע ט

אָווע־טאָווע, אַפילו נאָכן טויט קיין מזל נישט; אָפּגעשטאָרבן, — געגומען גיסן ס׳מבול; אויפגעשיינט די זון, — אויכעט נישט פאַר איר טובה וועגן; און אַזוי אַראָפּ די גאַנצע וואָך, — קיין איינציק מאָל נישט געדאַוונט.

מ׳הערט זאָגן פון די אַנדערע שטוב: קדיש,

פ ר ו מ ע ט

שפּרינגט אויף, זאָגט נאָך הייס

נ־ק־די־שך... פאַרטשעפּעט טעוולען נו, אָ, קדישה.

ט ע ו ל

הערט אויף קייען, שטעלט זיך קוים אויף די פיס.

פ ר ו מ ע ט

נאָך אַ ווײַלע

אַז מ׳לאָזט אַזאַ זון, איבער הונדערט און צוואָנציק יאָר, מ׳זאָל נישט געשטראָפט ווערן, — קאָן מע גלייך קומען אין גן־עדן אַריין.

ט ע ו ל

ס׳רעדן קומטן שווער אָן

פרו־מעט, וו־אָ־ש ווי־ל־ט אי־ר?

ר אַ ש ל

לאַכט

עסט נישט, און ס׳זעט אויס: ר׳זאָל האָבן אַ פול מויל.

ט ע ו ל

בייז

ראַשקע, ני־שט אוי־ער באָ־בעש ע־ש־ק.

פ ר ו מ ע ט

הערסט: מ׳זאָגט אַ יידיש וואָרט, און מ׳קאָן אַליין אַ גוטע קרענק, זיצט מע און מ׳הערט זיך איין; נישט, מ׳שטופּט זיך אָן אַ פול מויל, אַז די באַקן זאָלן אויפשפּרינגען.

ר אַ ש ל

ס׳לעבט ווי אַ בהמה.

פ ר ו מ ע ט

זאָל ער ליגן אין שטאַל צווישן בהמות, און נישט קומען צו אַן אבל אין שטוב, וואו אַ ספר־תורה שטייט.

ט ע װ ל

אומבאַהאָלפן

דער ביק שטוישט זש־י־ך.

ר אַ ש ל

מיט אַ געלעכטערל

האָט גישט קיין גוט לעבן מיטן ביק, כאַ־כאַ־כאַ.

פ ר ו מ ע ט

אויפגעקאָכט

כ׳זאָל דאָס נאָך אַמאָל הערן פון דיין מויל, ראַשל... בורטשעט ראַוועלעס תורה! באַרויקט די בעל־הביתטע האָט געלעבט, ה״ט עס מעלה־גירהט; קיין שום ייד געדאַכט, אָפּגעשטאָרבן, — מעלה־גירהט עס אויכעט; גאָר קיין שום געפיל נישט.

ט ע װ ל

גאַווערט, די שלינע רינט אים איבערן מויל

גרוישע אויגן... קריכן פון קאָפּ, כ׳שלינג אַראָפּ אַ ב׳שן... שלעפּט זיך אַרויס.

ר אַ ש ל

לאַכט

האָסט גוט אָנגעהויבן, מאַמע; זיך נישט קאָנען מער קיינמאָל אַרויסצאָלן זיינס, — דעם ברוגזן חתן...

אין די אַנדערע שטוב הערט זיך ס'קדיש זאָגן פון שמחהלע מיט ראובעלע.

אָ ר י ש

קומט דערנאָך אַריין, אַ שטיק ייִד, אַ ברייטע, צעלאַבערטע בריאה, שוואַרץ ווי אַ טאָטער, נאָר מיט אַ געמיטלעך פּנים, — לייגט דאָ אָפּ דעם טלית און תפילין

פרומעט ? כ'וואָלט זיך גיכער געריכט צו טרעפן אליהו הנביא... ווייזט־אָן אויף ביידען ס'גאַנצע בני־בית, ס'פעלט נאָר בלויז דער שוואַרצער קאָטער.

פ ר ו מ ע ט

אַז דו ביזט נאָר אַריינגעקומען, איז שוין דער שוואַרצער קאָטער אויכעט דאָ.

אָ ר י ש

לאַכט

כע־כע־כע .. וואָס טוסטו דאָ, אישת־חיל מיינע ?

פ ר ו מ ע ט

דיר גרויס אין די אויגן ?

אָ ר י ש

שטאַרק !

פ ר ו מ ע ט

פאַראיבעריקט אַ קדישה.

אָ ר י ש

טאַקע זיין פּרנסה פון איר.

פ ר ו מ ע ט

פאַר מיין האָרוואַניע געמעגט בלייבן אויף אַן איבעריקע האַלבע שעה, נאָך.

אָ ר י ש

איבערנעמען ברויכסטו דיך פונדעסטוועגן, נישט ; מ'טאָר אַפילו אַ ווייב נישט זאָגן קיין שבח אין די אויגן, פרומעט, נאָר וואָס דוואָרעט, —

ביסט אַ שטיק יידענע; נישט דיין איינרייסן, מי-יורע, — אויב מ׳וואָלט היינט יאָ געהאַט אַ מנין.

פרומעט

אומאויסגערעדט: כ׳האָב מיך מיט איטלעכן באַזונדער געפּרוּווט שלאָגן; שטיינערנע האַרצער! נאָר, דאָס האָט זי זיך נאָך אַלץ ביי מיר פאַרדינט, כ׳זאָל מיר די מי געבן... כ׳ווייס: אפשר אַן עוולה געטון?

אָריש

זי זאָלס מיר מוחל זיין: אַ קראַנק מענטש, — איז איר איטלעכער שולדיק געווען אין איר אומגליק: אַ דם-שונא יעדן.

פרומעט

פּטור! עפּעס כאָטש האָבן געגאַסן דורך מיר.

אָריש

שטאַרק!

פרומעט

אַ שטיקל קדיש אַריינגעכאַפּט.

אָריש

זעסט: האָסט אויפגעשטעלט אַ מנין ביי די אויערן, — ס׳אַ זאַך! ברייט אַ מנין יידן בלעקן אַרויס די צונגען, ווי אַ קליין פּיצל יתומל קלינגט אויפן קולעכל: יתגדל ויתקדש, — ס׳אי גרויס! נאָר וואָס דער בר-מינן האָט דערפון, ס׳זאָל דאָס אויף אַלע שונאימס ביינער אַרויפקומען. כאַפּט זיך אשת-חיל, די קראָם וועט אַזוי שטיין פאַרמאַכט? נישט קיין שאָד ס׳לייזונג, וואָס קאָן אַריינפאַלן?

פרומעט

ס׳וועט זיך דיר איצט אַפילו קיין הונט נישט אַריינווייזן.

ראַשל

אין טון

ס׳פויערן-פאָלק ליגט אין די פעלדער.

אָריש

די טירלעך שטייען אָבער אַזוי צוגעשפּאַרט, און מ׳קאָן מיינען: מי-יודע, — ס׳אי ווער די נאַכט ביי מיר אַוועקגעגאַנגען?

פ ר ו מ ע ט

שפייט אויס

אַ ווערימדיק מויל ס'האָט; מילא, איך, — איז אָפּגערעדט; אָבער דו, בעל־הבית, וואָס פאַרבּרענגסטו דאָ? עסקים? האָט מיך איינגעשפּאַנט אין די קראָם, און אַליין דרייט ער זיך אַרום, מוטעלט ווי אַ יידענע.

אָ ר י ש

געמיטלעך

כ'אייל מיך שוין! געוואוסט: כ'האָב ביי דיר שטיין אָנגעגרייט ס'וואוילע אָנבּייסן אויפן טיש? כע־כע... ראַשקע, כ'זע: טוסט עפּעס... שטייסט נישט ליידיק... וואָלסט, כ'לעבן, אַראָפּגעצויגן ס'כאַלאַטל ביי אַ הערינג, צע־האַקט אַ ציבעלקע, אַ ביסל עסיק, און געשטעלט אַ קראַץ־באָרשט...

ר אַ ש ל

געמאַכט, טאַטע. שפּרינגט־צו מיט אַ טעלער אין האַנט פאַרזוך אַ שטיקל.

אָ ר י ש

נעמט

די איינע גוטע מידה האָב איך, — כ'לאָז מיך נישט בעטן.

פ ר ו מ ע ט

די טרפהנע קישקע פּאַנעוועט שוין אין אים.

אָ ר י ש

באַלעקט זיך

זי מאַכט עס אָבער אַן אַנטיק, ראַשקע; שוין איינמאָל אַ בריה; אירע הענט.

ר אַ ש ל

טאַטע, מ'וועט ברויכן אָנגרייטן פאַרן גאַנצן עולם יידן, וואָס אין דרינען?

פ ר ו מ ע ט

וואו האָסטו יידן? שוין ליידיק די שטוב פון אַ גוטע מינוט; אָפּגעדאַוונט, — האָט איטלעכן דער עולם נישט געלאָזט איינרוען... מיינסט: יעדער איינער איז אַזאַ באַלאַמוט ווי דער טאַטע דיינער?

א ר י ש

וואַרט, ישראל קומט אַרויס, מאַכט מ׳ז אַ פאַרבייס, מ׳טרינקט לחיים ; אויסגעגאַנגען שבעה, — קומט צו שטעלן בראָנפן.

פ ר ו מ ע ט

זי בראָט שוין אַ זייטל קעלבערינס, — ראַשקע ; יענטל וועט זיך אין קבר איבערדרייען ; נישט פאַרגינען צומאָלט אין איבעריקן ביסן, און אַצינד קריגן אַ געשוואָלענעם ושט פון איר פראַצע.

א ר י ש

זי זאָלס מיר מוחל זיין, געווען אַ גרויסע חכמה ; ס׳גאַנצע לעבן זיך געקליבן אין וועג אַריין, נישט געוואָלט אָנגרייטן פאַר די ווערים...

נעמט אַ שטיקל הערינג. אשת-חיל, זאָג אַ גוטן טאָג.

פ ר ו מ ע ט

הלוואי, דיר געקאָנט זאָגן אַ גוטן תמיד.

א ר י ש

לאַכט

בע-כע-כע...

פ ר ו מ ע ט

מיט אַ מויל

משוגע, חסר-דעה ! הייסט : כ׳וועל אַוועקגיין ? ס׳איז אין שטוב אַ מושב, אַ לעבן, — נישט קיין פוס אַריינצושטעלן ; כ׳וועל לאָזן ישראלן פאַרזונקען איבערן קאָפ אין הקדש ? ס׳אויר איז אין דרינען, ווי ס׳מת וואָלט נאָך געלעגן.

א ר י ש

און ראַשקע ?

פ ר ו מ ע ט

נישט קיין אַרבעט פאַר ראַשקען ; דריי געזונטע פויערן זיך מיט איר באַהייבן ; נאָך אַ בר-מינן, — מ׳ברויך ריייניקן, אַ שטוב אויפפרישן, מלבושים לופטערן, — זי וועט אויכעט נישט שטיין פאַרלייגט די הענט, און צוקוקן.

אָ ר י ש

האָסט דיר אָפּגענומען אַ פּאָדראַד: נאָך ישראלס ווייב, — דעם מושב אַרויס צו ברענגען?

פּ ר ו מ ע ט

כ'האַלטס מיר פּשוט פֿאַר אַ מצווה.

אָ ר י ש

לויפֿסט אויף מצוות, פּרומעטל, כע-כע... ווער ווייסט: מיט וואָס דו האָסט געשמעקט אין די יונגע יאָרן, אשת-חיל מיינע...

פּ ר ו מ ע ט

שפּייט מיט די גאַל

אַלטער כּלב...

ר אַ ש ל

לאַכט

כע-כע-כע...

פּ ר ו מ ע ט

רייסט זיך אָפּ אויף איר

צעשפּרייט זיך, דער אָפּגעריסענער נאַר; ס'גלעכטער מעג אין דיר געריגען ווערן...

ר אַ ש ל

קלאַפּט אייער

ציגעלע, מיגעלע, קעצעלע
רויטע פּאָמערצן;
טאַטע-מאַמע שלאָגן זיך, —
גייען די קינדערלעך טאַנצן!

י ש ר א ל

אויף די שוועל. אַ הויכער, שטאַרקער ייד, ברייטע אַלייצפּס, אַ געפּאַקטע באָרד, גרויסע איינדרוקספֿולע אויגן, נאָר קרענקלעך געשטימט.

פ ר ו מ ע ט

גייט־צו, איינגעהאַלטן, הנפעט

ר'זאָלט נישט וויסן מער פון קיין שלעכטס.

י ש ר א ל

גייט נענטער אַריין, גיט שווער אַ שאָקל מיטן קאָפּ

גם אתם. זעצט זיך אין אַן עת־צרה דערקענט מע אַ גוטן פריינט.

אַ ווייל

אָ ר י ש

ווינקט מיט די אויגן אויף ישראלן

פרומעט.

פ ר ו מ ע ט

נעמט נישט אַרויס די אויגן פונם סדור.

אָ ר י ש

גיט איר אַ שנעל אין די נאָז

שלאָף נישט.

פ ר ו מ ע ט

בייז

די הענט זאָלן איר אַראָפּ. ווינקט אַזוי אייגן אויף ישראלן ראַשל... ראַשל...

ר אַ ש ל

זינגט ווי פריער

ציגעלע, מיגעלע, קעצעלע
רויטע פּאָמעראַנצן...

אָ ר י ש

פאַרנעמט זיך

ישראל, ביסט דיך צו שטאַרק מצער; שוטה, אין אויף דיין אָרט, וואָלט מיך, בנאמנות, נישט אַוועקגעברענגט.

פ ר ו מ ע ט

האַרציק

ס'לשון מעג דיר אָפּגענומען ווערן אַ ביסל.

אָ ר י ש

האַרציק

ב׳מיין נישט דיך, נאָר די וואַנט.

ר אַ ש ל

ברעכט זיך פון געלעכטער

טאַטע-מאַמע שלאָגן זיך,
גייען די קינדערלעך טאַנצן.

פ ר ו מ ע ט

און ס׳טעכטערל קוועלט נאָר אָן פון טאַטנס חכמות... גייט אַריין אין די אַנ־דערע שטוב, פון וואַנעט זי נעמט זיך אַרויסטראָגן די זאַכן.

ר׳ מ ש ה

קומט אַריין, אַ קליין יידעלע, ציגן-בערדעלע, ליכטיק פנימל, אַ טיפער שטערן מיט קליינע אייגעלעך, אַ קולעכל, — פישטשעט ווי אַ פייגעלע; טראָגט אַ פּאָר שטיוול, וועלכע ער לייגט אַוועק ביי ישראלן

טו אָן די שטיוול, ישראל, דו ביסט מער קיין אבל נישט; און אַז ס׳איז נישטאָ קיין אבילות, איז נישטאָ קיין עצבות, קיין מרה-שחורה.

י ש ר א ל

קריכט אַרויס מיט די פיס פון די שטעק-שיך, נעמט אָן איין וואָרט אָנטון די שטיוול.

ר׳ מ ש ה

ווי פריער

יעדע טרער, וואָס טריפט אַרויס פון אבלס אויג, אז פאַר די נשמה מים טהורים, און פאַרקערט: ווערט, חלילה, פון איר אַ פּאַס טינט. . מיט אַ נגון שמעו זאת כל העמים, האזינו כל יושבי חלד. ווען ישראל האָט שוין אָנגעטון די שטיוול שטעל בראָגפן.

י ש ר א ל

גייט אונטערטעניק ווי אַ קינד צום שענקל, שטעלט בראָנפן.

אָ ר י ש

אויפגעלייגט

אַצינד, ראַשל, גיב אויף צום טיש; און מ'וועט פאַרזוכן פון דייַנע מאכלים.

ר אַ ש ל

גנעמט זיך גרייטן צום טיש, פאַרפלאַמט

ציגעלע, מיגעלע,
רויטע פּאָמעראַנצן.

אָ ר י ש

פּראָפּט-אויף ס'פלעשל

ר' משה, איך זאָג: אַ געזונטער שטאַרבט איז אַ ווייטיק; אָבער אַ חלוש טוט די געזונטע אַ טובה, און זיך, — אויכעט נישט קיין רעה; צוואָס זאָל ער זיך פּייניקן, און יענעם פאַרמוטשען? אַזאַ טויט איז פאַר ביידע אַ ישועה.

י ש ר א ל

זאָג דאָס נישט, אָריש, ביסט געשטאַנען: מ'האָט איר אַרייַנגעלייגט אין גרוב, — האָט זי אויפגעמאַכט די אויגן; אַ שאָד געווען אַוועקצוגיין פון די וועלט.

ר' מ ש ה

לחיים! פון הייַנט אָן אויף שמחות ביי יידן. טרינקט.

אָ ר י ש

מ'זאָל שוין באַהיט ווערן פון אומגליקן. טרינקט.

י ש ר א ל

נישט וויסן מער פון קיין צער. טרינקט.

וואַשן זיך צו שאו-ידכם.

ש מ ח ה ל ע

אַ קליין, מאָגער יונגל אויסגעדאַרט, הויט און ביין, קומט אַרייַנצולויפן

רבי... רבי... איר ווייסט: כ'האָב בייַנאַכט געזען די מאַמע!

פ ר ו מ ע ט

אָנקומענדיק, האַלט אַ גראַט אין האַנט, — שטעלט זיך אָפּ, און באַדויערט טיף

אַזוי יונג, און שוין אַ יתום.

אָ ר י ש

ביים טיש, עסט

די מוטער האָט געלעבט, אויכעט אַ יתום געווען; מ'האָט נאָר נישט געקלערט פון קיין שטיפמאַמע.

פ ר ו מ ע ט

טראָגט זיך אַרויס מיטן גראַט

טאַקע כוח האָבן פאַר אַ שטיפמאַמע.

י ש ר א ל

געמאַכט המוציא, ווערט צוריק פינצטער

אײַנגאַנצן, — די מוטער; געבליבן אַ געדעכעניש: איר געשטאַלט... ס'פּנים... די נאָז...

ר׳ מ ש ה

בייסט איבער

וואָרט, כ'וועל דיר געבן צו זאָגן אַ שטיקעלע תהילים. מישט אין אַ סדורל האָסט שוין היינט איבערגעביסן?

ש מ ח ה ל ע

שאָקלט מיטן קאָפּ

נאָך נישט, רבי.

פ ר ו מ ע ט

צוריקגייענדיק פון דרויסן אין די זעלביקע שטוב אַריין, לאָזט כאַלן

נישטאָ שוין, ווער ס'זאָל זיך אומקוקן דאַרויף.

ר׳ מ ש ה

קום, כ'וועל דיר אָפּגיסן די הענט... טוט עס אַצינד: זעץ דיך אין אַ

ווינקעלע און זאָג... זאָגט מיטן שאו ידיכם, קודש... און דערלאַנגט אים ברויט פון טיש אַראָפּ.

י ש ר א ל

כמורנע

כ'קוק אויף אים, דאַכט זיך מיר: יענטל; יענטל גייט אַרום; יענטלס לשון; איר הלוך, איר דבור..

פ ר ו מ ע ט

שלעפּט אַרויס אויפסניי אַ שטיק גראַט און לאָזט אָפן די טיר.

י ש ר א ל

ביים טיש

כ'שפּיר עפּעס אַ גערוך, אַ דאַמף, אַ ריח. — אַזוי ווי ס'מת וואָלט נאָך דאָ ערגעץ געלעגן.

אָ ר י ש

קייעט במנוחה

מ'האָט געריירט די שטוב; אַזוי, ס'האָט אַלץ געדעמפּט און געיערט, — געוועזן צוגעלייגט, און זיך נישט געשפּירט; מ'ברויך אויפמאַכן אַ פענסטער.

י ש ר א ל

ווי פריער

כ'ווער געסמט; מ'שטיקט מיך.

ר אַ ש ל

מאַכט אויף ס'פענסטער אין הינטערגרונט

טאַטע-מאַמע שלאָגן זיך,
גייען די קינדערלעך טאַנצן.

די זון קומט אַריין.

ר' מ ש ה

צאַרט ווי אַ טויב

מ'דערציילט: דעם אַלטן קאָצקער, זכרונו לברכה, איז אַוועקגענומען געוואָרן זיין בת-יחידה; אַ טאָכטער, — אויף חידושים; נישט געוועזן אירס גלייכן אין אַ האַלבע וועלט; ער האָט, קוקנדיק אויף איר, געזאָגט

תורה... פון אירע אויגן האָט אַרויסגעשטראַלט ס'גולת־השכינה, דער גאַנצער צער פון אונזער אומה, קאָן מע זיך דאָך משער זיין, אַ?

אָרִיש

פאַרטון געשמאַק אין דער אכילה, קייעט אויף ביידע זייטן באַקציין

אַ מאָגער אָנבייסן; אַ שטיקל ביילעך, אַ פּיפּיקל, אַ לעבערל, — ס'וואָלט געווען.

פרומעט

וועלכע האָט זיך אָפּגעשטעלט איינהערן, קאָכט־אויף

קאַפּהענער! ביילעך אים אָנגעשמעקט! מעדני־מלך גיבן! ס'פּרעסט אויפזוצנדיק. שלעפּט זיך אַרויס מיטן גראַט. אַ געשמדטן האַלז ס'האָט..

ר' משה

האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם

און אָפּגעטון איז זי געוואָרן שבת ביים טיש; ביי יציאת נשמה, זכותו יגן עלינו, — נאָך געפירט די סעודה; און אַז ס'געווייון איז געוואָרן: שיינדעלע איז מער נישטאָ, אַזוי האָט ער זיך נישט אויפגעהויבן צומאָלט, נאָר געבליבן זיצן און ווייטער געזאָגט תורה; אָבער פון זיין תורה לער־נען האָבן זיך גענומען שאָקלען די עמודי־עולם; מ'האָט געזען, ער וויל פאַרברענען די וועלט, מאַכן פון איר עפר ואפר, אַ באַרג אַש; אַזוי האָט זיך אויפגעשטעלט דער רבי ר' מאָטעלע, זאָל לעבן, און אַ געשריי געטון: ווילסט באַצאָלן מיט אַ וועלט פאַר אַ וועלט?

פרומעט

וואָס איז צוריקגעקומען פון דרויסן

וואָס שטייט זי ווי אַ פּלאָקן, די מויד? די תורה זיינע קאָן דיר נישט אין קאָפּ אַריין? קום מיט, וועסטו העלפן צענעמען די בעטן. נעמט איר אַוועק מיט זיך.

ישראל

גרינג צו זאָגן: זיך אַרויסשלאָגן פון קאָפּ... אמת טאַקע, נישט קיין גע־זונט מענטש, מער געלעגן ווי אַרומגעגאַנגען; אַלע יאָרן אירע געווען פּצל עובר, אַ שאָטן אין הויז..

אָ ר י ש

ווישט זיך אָפּ די ליפּן מיט אַ פּאַטשיילע

גלייב מיר, ישראל, זי וואָלט דיר מער טובה געטון: ווען זי איז זיך מיישב אין מאַכט ס׳קוואַרטל מיט אַ פּאָר יאָר פריער...

י ש ר א ל

זאָלסט דאָס נישט זאָגן, אָריש; דער ערשטער זווג איז פון גאָט; דער צווייטער פון מענטשן; און דער דריטער...

אָ ר י ש

מילא, האָלסט דאָך ערשט ביים צווייטן.. *וואַרפט אַריין אַ גלעזל* וואָס? ישראל וועט באַקומען שלישי, און צו די שלושים באַנייען די שטוב מיט אַ פרישע בתולה... גלייב מיר, איין טאָג לענגער דו זאָלסט וואַרטן, — וואָלסטו ביי מיר געוועזן דער גרעסטער טפש אין די וועלט.

ר אַ ש ל

טוט אַ קוויטש אין די אַנדערע שטוב, און קומט אַריינצולויפן.

פ ר ו מ ע ט

קומט גלייך נאָך איר, בלייך ווי די וואַנט.

ס׳בעטגעוואַנט לאָזט זיך נישט אַראָפּנעמען; צוגעוואַקסן...

ר אַ ש ל

אין איין טויטשרעק

אַזוי ווי ס׳וואָלט עס עמעץ צוגעהאַלטן.

אָ ר י ש

שיסט אויס

ס׳מת איז אין שטוב!

אַ צערודערונג.

י ש ר א ל

גייט אַוועק פון טיש, שפּאַרט־אָן די הענט אויף די וואַנט, און לייגט אַוועק ג׳קאָפּ אויף זיי, — פאַרזינקט.

ר׳ משה

גייט אויין, ביי וואָס ער פּרעפּלט עפּעס פּאָרכטיק מיט די ליפּן, און קומט צוריק מיטן גלאָז וואַסער, וואָס שטייט ביי אַן אבל אין שטוב

פאַרגעסן דאָס אויסצוגיסן... גיסט עס אַרויס דורכן אָפענעם פענסטער, און זאָגט: אַזוי ווי ס׳וואַסער איז אָפּגעטון, אַזוי זאָל זיין אָפּגעטון ס׳מת פון דעם הויז, נישט האָבן מער קיין שליטה איבער אַ מענטש און איבער קיין בהמה... גייט צוריק אין די זעלביקע שטוב.

אָ ר י ש

אַ כּוח... אַ קליין יידעלע, און ס׳שטעקט דערין אַ גבורה פון אַ לייב..

פ ר ו מ ע ט

ס׳בלוט קאָן געריננען ווערן...

ר׳ מ ש ה

טראָגט דאַן אויף זיך אַרויס אַ בעטגעוואַנט אַזוי גרויס ווי ער איז, — און לייגט דאָס אַרויס דורכן פענסטער; מיט אַ זיכערקייט:

ס׳מת איז אָפּגעטון; פאַרטריבן פון שטוב, און מ׳קאָן אַריינגיין...

י ש ר א ל

כאַפּט זיך אויף

אַ?... ר׳ משה, איר זענט זיכער: ס׳מת איז אָפּגעטון?

ר׳ מ ש ה

קוקט אים אין פּנים אַריין

געפעלסט מיר נישט, ישראל; גאָרנישט געשאַדט זאָלסט אָנטרעטן ביים רבין, כ׳ווייס: אַ חוב שולדיק געבליבן?

י ש ר א ל

גייט צו די אַנדערע שטוב, בלייבט שטיין ביי די שוועל, שווער

דאָ געקרענקט, און דאָ געשטאָרבן.

ר׳ מ ש ה

ישראל, דו זינדיקסט... מילא, ווי לאַנג דו ביסט געווען אַן אבל, האָב איך דיר נישט גערעדט; אָבער אַצינד ביסטו אַן אלמן, בלויז אַ ייד אַן

אַלמן, און כ'וועל זאָגן ווי דער מאַדזיצער האָט געזאָגט: יווילסט באַצאָלן מיט אַ וועלט פאַר אַ וועלט?

אָ ר י ש

הייבט די אַקסלען

ס'מעגטש איז פאַרנאַרט, אַראָפּ פון שכל! אַז זי האָט געלעבט, האָט ער געשפּיגן קלעק נאָך איר, — און אַצינד גייט ער אַרום, ווי מ'וואָלט אים נ'קאָפּ אַראָפּגענומען... אַ רעטעניש, באמונות...

ט ע וו ל

וועלכן מ'הערט פון דרויסן שווער לויפן — פאַלט אַריין איבער די שוועל, ווי דורך אַ שטאַרקן וואָרף, און בלייבט ליגן אַ שטיק האָלץ, — צעריטשעט זיך

ראובעלע פוי-ער...

אָ ר י ש

לאַכט

פאַר דעם אייגענעם קלאָפּ, שוין געקענט אַריינפליען דורכן קוימען.

י ש ר א ל

דערציטערט

ווידער אים באַפאַלן?

ר א ו ב ע ל ע

קומט נאָך, בייז

אָנקוקן קאָן איך אים נישט, דעם פגר.

ט ע וו ל

ליגט אַ פּלאַץ, ס'פּנים פאַרשמירט מיט אַ גרימאַסע

ראובעלע פויער.

אָ ר י ש

עוסקט זיך מיטן

אוועקגעלייגט, איז אים נאָך שווערער צו שטעלן אויף די פיס פאַר אַ מעוברתדיקע בהמה.

ישראל

שטייף

פאַרוואָס, גזלן, שלאָגסטו אים?

ראובעלע

ווער הייסט אים קריכן וואו מ׳ברויך נישט?

טעוול

קרימט זיך

כ׳וועל אויסזשאָגן: געלעגן מיט די שיק-שע...

ראובעלע

גיט אים אַ וואָרף

אים אַריינהאַקן די ציין אין האַלז אַריין...

אָריש

שטרויענע פיס; מ׳גיט אים אַ שנעל, — ליגט ער.

ישראל

בייז

ראובעלע, כ׳זאָל נאָך אַ מאָל זען: דו זאָלסט לייגן אַ האַנט אויף אים.

פרומעט

ס׳אַ גאון! צומאָלט נישט אָפּגעטון די שבעה פון די נעגל, און טרייבט זיך שוין אַרום, די טויטע מאַמע אין די אויגן, — מיט אַ שיקסע; ס׳אַ הפקר יונג! ר׳זאָל זיך אַוועקזעצן איינחזרן אַ שטיקל קדיש פאַר אירט וועגן...

ראובעלע

נישט אייער באָבעס דאגה; פרומעט, אַז איר וועט האַלטן ביי שטאַרבן, זיך באַדינגען מיט טעוולען: ער זאָל נאָך אייך קדיש זאָגן...

אָריש

לאַכט

דאָ האָסטו מיר שוין אויכעט אַריינגעזאָגט אין טאַטן, גאון!

פ ר ו מ ע ט

בייז

ס'שמעלצט זיך גאָר פאַר נחת... אָנגעפּרעסן, פאַרשוויצט ווי דער פּעטער עשו... פאַלט אָן אויף ראַשלען און דו... יונגע ציצקע. ס'טוט דיר הנאה: מ'שעלט די מאַמע? וואַרט, כ'וועל שוין אין די היים פון דיר ס'פעל קאַטעווען... אָפּ אין די אנדערע שטוב.

אָ ר י ש

לאַכט

כאַ-כאַ-כאַ...

י ש ר א ל

באַדויערט טעוולען

פאָר אַן אָפּקומעניש אַראָפּגעשיקט געוואָרן פון הימל, ער זאָל געלייטערט ווערן אין זיינע הענט...

ר א ו ב ע ל ע

כ'ווייס נישט, צוּוואָס מ'האַלט אים? אַ פוילער הונט!

י ש ר א ל

שוין האָבן נאָך אַ הונט שטיין אויף די קייט אָנגעבינדן, מער האָבן אַ נוצן ווי פון אים?... דאָך, אַ מענטש...

ר' מ ש ה

און, בצלם אלקים.

ר א ו ב ע ל ע

פון מיסט אויפגעהויבן.

אָ ר י ש

אָ-אָ-אָ! אַ ביסל וויניקער זיך צעשפּר"ט, און נישט אויסגעטענהט זיך אַזוי ברייט, ראובעלע; אַ מאַמע אים געהאַט, געלאָזט אַ יתום, מילא, — געבליבן פאַרנאַרט; אַ גאָטס שטראָף, און מ'טאָר נישט זינדיקן... כ'ווייס נישט: דיין מאַמע זאָל דיר געווען שטאַרבן, ביסט נאָך געווען אַ פיצל, — ווי דו וואָלסט דיך אויסגעכאָוועט? אַ בריה: זי האָט צוגעמאַכט די אויגן, — ביסט שוין אַזאַ גרויסער דאָרוואָל?

ישראל

בּרייט

אַ סוף, טעוול; בּאַלד אַכטע, מ׳וועט אָנטרייבן די בּהמות פון פעלד, — גיי צי אָן אַ קאַריטע וואַסער.

טעוול

שלעפּט זיך ארויס

ראובעלע פויער.

ישראל

כ׳גיי מיך אַליין אַריין צוליגן אַ ביסל, כאַפּן אַ דרימל; דער קאָפּ, לא-עליכם, האַקט מיר ווי מיט האַמערן.. אין טיר ר׳ משה, איר מעגט נאָך כאַפּן אַ בליק מיטן גרויסן אין סדור; ס׳אַ חרפה זיך צו ווייזן מיט אים ביי אַ מנין. אָפּ.

ר׳ משה

וואָס האָט געקנעלט אין אַ ווינקעלע מיטן יונגל

נאַ, תּנא, קוק איבּער אַ שטיקעלע קדיש; האָסט הייגט צעבּראָכן אַן עברי, ס׳אי נאָר געוועזן אַ רחמנות אויף איר.

ראובעלע

דער קאָפּ איז מיר ענג פאַר עברי. ר׳ משה, כ׳וואָלט געוועזן אין זיינע יאָרן, די דרויבעס, וואָלט איך מיך באַדונגען צו אַ מלמד, נישט: אויף די עלטער, — ר׳זאָלט זיך זעצן קנעלן מיט מיר.

ר׳ משה

מילא... קום, שמחהלע, אַרויס אויפן פעלד... לערנען איז אַ תּענוג, נאָר שיין לערנען איז נאָך אַ גרעסערער תּענוג אָפּ מיטן, אונטערזינגענדיק.

ראובעלע

לעבּעדיק

ראַשקע, געדענקט אין ראובעלע? עפּעס אָנגעגרייט פאַר אים אין מויל אַריין צו נעמען?

ראַשל

פלייש פאַר דיר אַוועקגעשטעלט אין בראָט-אויוון.

אָ ר י ש

וועמען גוטס-גינט; ער וויל גאָרנישט בעסער. קנייפּט איר אין די באַק אינם יונג שוין מער געדענקט ווי אין טאַטן, אַ?... צו ראובעלען אַ וואוילע מויד, ראַשקע.

ר א ו ב ע ל ע

באָרעט זיך מיטן צופרידן

ר׳ אָריש, אַן אַלטער ייד מיט אַ יונגן יצר-הרע; כ׳האָב ליב אַזוינע יידן.

אָ ר י ש

מילא-טאַקע, ווען מאַכט זיך הינעט אַ ביסן אין מויל אַריין צו נעמען? נישט: ס׳לייגט זיך עמעץ אַוועק, און מ׳טראָגט אַרויס פון שטוב? אַצינד האַלט עס ביי דיר, תנא. איי, וועט מע שיכּורן...

ר א ו ב ע ל ע

אָנגערייצט

ביים טאַטן; איך וועל בלייבן ביי ראַשקען.

ר אַ ש ל

וואָס האָט אַרויסגענומען פלייש פון אויוון, דערלאַנגט אים

נאַ, ברוין ווי אַ קאַרש! גיב אַ שמעק...

ר א ו ב ע ל ע

בייסט אָפּ אַ שטיק

כ׳האָב פיינט צו שמעקן; מ׳לייגט אין מויל, — גייט אין די נאָז אַריין.

אָ ר י ש

נעמט עסן ביי אים

ס׳פרעסט ווי נאָך אַ קרענק; אסור, אויב ער איז עס ווערט.

ר א ו ב ע ל ע

ראַשקען אַ קניפּ אין בעקל דערפאַר. אַ קניפּ.

אָ ר י ש

ס׳בעסטע חלק פאַר אים באַהאַלטן.

ר א ו ב ע ל ע

גיב אַ טרינק, ס׳פאַרברענט מיך; האָסט נישט געשפּאָרט קייך ציבעלע מיט קנאָבל, אַ?

ר אַ ש ל

מ׳קנאָבלט עס איין, אַ ציבעלקע, — טויזנט טעם! איטלעכעס ביינדעלע צעגייט.

אָ ר י ש

קייעט

ס׳וואָלט זיך צומאָלט פאַרגינען אַנידערצוזעצן; עשוס שטייגער.

ר א ו ב ע ל ע

נישטאָ באַלד צו וואָס... אַנומעלטן געגעסן קישקע ביי די בלינדע מאַזעפּע אין שענק, — אַ כאָלערע אויף איר, ס׳אי אויסגעבאַרט ס׳געלט; מ׳האָט געקאָנט ברעכן מיט די גרינע גאַל; ס׳האָט עפּעס אַ טעם?

אָ ר י ש

ראובעלע פויער... צו אַ שיקסע קריכסטו, אַ שטיק בשר קוויטש פרעסטו, — וואָס פעלט דיר נאָך צו די שמד? בלויז ס׳צלמל דיר אָנצוטון.

ר א ו ב ע ל ע

אָנגעריירט

אַ שיקסע? זאָל איך יונגערהייט פון די וועלט גיין...

ר אַ ש ל

לאַכט

כי-כי...

אָ ר י ש

און טעוול, וואָס? אויסגעטראַכט?

ר א ו ב ע ל ע

אדם אַ מענטש, קאַטשקע ריר דיך: אים צו גלייבן.

אָ ר י ש

אַ ממזר-בילבול, אַ?

ר א ו ב ע ל ע

כ׳ברויך נייטיק אַ שיקסע, אַ? אַז כ׳האָב אַזאַ מויד! ראַשקע! *קנייפּט איר אויס די באַקן* קיילעכדיק, — ווי אַ ריב; אַ פּאָר באַקן ווי די עפּל; און רויט ווי אַ צוויק.

ר אַ ש ל

האַקט אים איבער די הענט

ס׳ה־יסט נישט פֿון קיין חרפּה; ג׳טאַטן אין די אויגן, פֿויערל...

ר א ו ב ע ל ע

אויסגעטון ס׳שעם־היטל, ראַשקע; וואָס טויג מיר ס׳זאָל לענגער בלייבן אַ סוף? ר׳ אריה, גיט אַהער די האַנט.

אָ ר י ש

וואָס וועט זיין?

ר א ו ב ע ל ע

די האַנט!

אָ ר י ש

קווענקעלט זיך

באַ זי דיר.

ר א ו ב ע ל ע

איר גיט זי מיר אַוועק, ראַשקען?

אָ ר י ש

ביסט שוין מיט איר אַדורכגעקומען?

ר א ו ב ע ל ע

האַלב־וועג.. ס׳וואָר, ראַשקע? אַ קניפּ, אַ שטופּ, אַ לאַך.. *נעמט זיך צו גיין* און ס׳איז אָפּגעמאַכט...

ר אַ ש ל

שטופּט אים אָפּ

סמאַלע אויף די הענט.

אָרִיש

באַ! ווּעסט דיך אַצינד איבּערעסן, ווּעט עס דיר שפּעטער פּאַרמיאוּסט ווּערן.

רוּבּעלע

דריקט איר צוּ זיך

ר׳ אָריש, אַ ווייבּ אוּן בּרוּיט עסט זיך קיינמאָל נישט צוּ... ס׳וואָר, ראַש-קע? גיבּ די בּאַק! קוּשט איר בּ׳טאַטן אין די אויגן... כע-כע-כע... ר׳ אָריש, לייגט די הענט זיינע צוּ איר אוּן אויף אים, — האַלט זיי אַרוּמגענוּמען איר זענט אַ וואוּי-לער טאַטע! בּנאמנות: מ׳האָט זעקס אַזעלכע טאַטעס, קאָן מע זיך נישט איבּערעסן מיט זיי...

ראַשל

לאַכט היציק

כי-כי-כי...

אָריש

קווּעלט

אָ, דאָס רעדט שוין דער פוּיער פוּן דיר אַרוּיס..

פּרוּמעט

אין טיר, אַרוּמגעהילט מיט אַ פּאַרטוּך, פאַרבּינדן ג׳קאָפּ מיט אַ טיכל, אַ בּעזים מיט אַ שטעקן אין די האַנט, — עפנט אַ מענה-לשון

אַ שוואַרצע גדולה אויף זייערע קעפּ! זיך צעהוּליעט אַ בּיסל אין אַ פּרעמדע שטוּבּ! נאָך אַ שבעה, אַ בּר-מינן אַרוּיסבּענוּמען, אוּן מ׳בּרוּיך רייניקן, מלבּוּשים לוּפטערן...

אָריש

אַראָפּגעפאַלן

טפוּ.. אָנגעטוּן: אַ מכשפה...

פּרוּמעט

איבּערגעשראָקן ס׳קינד, נעבּעך; פוּן די הוּיט שיער נישט אַרוּסגעשפּרוּנ-גען; קוּם אַהער, כ׳וועל דיר אויסלעקן די אייגלעך, אָפּשטרייכן מיט אַ צוּיט... ראַשקע, דוּ ווּעסט דיך דאָ צאַצקען מיט אים, אוּן ס׳מוּשבּ

וועט אַזוי וואַקסן?... ס׳וואַרטן אויף דיר אין דרינען דריי שופלעדער ווי־
די בערן, — און ס׳זאָלט איר נאָר באַלאַמוטשען...

ראובעלע

בייז

ראַשקע איז נישט דאָ פאַר קיין משרת; דער טאַטע וויל האָבן ריין די־
שטוב, זאָל ער באַשטעלן די לאָמע גויע, — ווער האָט זי אים אַלעמאָל
ריין געמאַכט?

אָריש

אַז זי לויפט אויף מצוות, פרומעטל!... כע־כע־כע... ווער ווייסט: מיט
וואָס זי האָט געשמעקט אין די יונגע יאָרן, די אשת־חיל מיינע...

ראַשל

לאַכט

כי־כי־כי..

ראובעלע

צערייצט

גיב אַ קוש, ראַשקע; אַ מלאַסקע מיט די ליפּן... אַזוי... קלעפּט זיך צו איר־
די מאַמע אין די אויגן...

ראַשל

הילכט פון געלעכטער

כי־כי־כי...

פרומעט

געדענק, אָרישל, וועסט דיר דערנאָך קלאָגן ס׳פּנים, — נישט זען איינ־
צוהאַלטן ס׳ציימל ביי איר...

אָריש

שטראָפט די שוויגער און מיינט די שניר; די שופלעדער זענען, הייסט
עס, ביי דיר נאָר אַן אויסרייד..

פרומעט

כ׳וויל נישט: ראובעלע זאָל זיך שאַרן, און זיין מיט איר אַזאַ נאָנטער

שמעלקע; אָריש, ס'גייען איז אויף תּולה־אָרץ, ס'האָט קיין האָפט נישט; כ'זאָגס אים אין די אויגן...

א ר י ש

מיט דעם, זעסטו, ביסטו שוין באַלד נישט אומגערעכט אויכעט...

ר א ש ל

אַנגעלאָדנט

די מאַמע קוקט אויף אַלעם קרום.

ר א ו ב ע ל ע

ברוגז

נישט קיין פאַרגינערן, פרומעטל.

א ר י ש

פאַרגינען, פאַרגינט זי אייך גראָד יאָ, נישט מיין: זי וויל אויף אַ תּכלית...

פ ר ו מ ע ט

האַלט־מיט

אַ תּכלית... אַ תּכלית...

א ר י ש

מילא, ס'אַן עוולה? דו, ראובעלע, ביסט יונג; ראַשקע איז יונג; ביידע, — צוויי גרויסע קעלבער... כ'וויס: ס'זענט נישט אויסן קיין שלעכטס, אָבער דער שכל ביי די זאַכן ווערט גראָד אָפּגענומען...

ר א ו ב ע ל ע

האַקט זיך אין האַרץ אַריין

זאָל מע נאָך מיר אַ קריעה רייסן, דאָס יאָר.

א ר י ש

ה־אָ־אָ! כ'בין שוין איינמאָל אַ מומחה אויף די זאַכן!... מ'גייט צוזאַמען אין שטאַל אַריין, אויף אַ לאָנקע... יונג בלוט, אַז דאָס צעשפּילט זיך, — זאָל גאָט שומר ומציל זיין... איך זאָל וויסן: ראובעלע, כ'בין שוין אַדורכגעקומען מיטן טאַטן דיינעם... כ'וויס: ער האָט כאָטש אַן אויג דערפאַר... טאָמער האַלט ער גאָר פון פאָרנט? דיין טאַטע איז

אַן אָנגעשטאָפּטער גביר: אַ מיל, פעלד, וואַלד, וואָס נאָך?... און איך׳ אַ בידנער קרעמער אויפן דאָרף: אַ האַלב קוואַטירל נאַפט, אַ דרייער עסיק, אַ בינטעלע קין, אַ קיעלע דאַרטן.

ר א ו ב ע ל ע

פאַרפלאָמט

ר׳ אָריש, דער טאַטע האָט מיך אַ סך געפרעגט, — ר׳האָט גענומען די מאַמע?...

אָ ר י ש

נעמט זיך צו אים

נישט בלויז אַן אויער, נאָר ס׳מויל ברויך מע דיר אויכעט אָפּדרייען דערפאַר, פויערלע...

ר א ו ב ע ל ע

אויפגעקאָכט

ראַשקע, דיין טאַטע איז נישט בעסער פאַר די מאַמע מיט די גוטע ריידעלעך זיינע... קום, מ׳וועט דאָ אַזוי שטיין און לאָזן אין זיך אַריינזאָגן?...

אָ ר י ש

פאַרהאַלט איר

ט-ט-פ-פ-ר-ר-ר-ר. ראַשל איז אַ מויד, מיר שוין אַזאַ יאָר... מ׳קאָן זיך טאַקע אונטערלענען ס׳האַרץ ביי איר... און ס׳אַרט מיך נישט: דו זאָלסט שוין האַלטן מיט איר נאָך עלינו... נאָר אַצינד, זעסטו, ווייל דו ווילסט, — וועט זי בלייבן מיטן טאַטן אירן, דאָ...

ר א ו ב ע ל ע

גיט איר אַ ריס

ראַשקע!

אָ ר י ש

גיט איר אַ ריס צוריק

ראַשל!

ראובעלע

אין פעלד אַריין, קום!

פרומעט

זי איז נישט די שיקסע.

אָריש

דאָ, מיטן טאַטן אירן וועט זי בלייבן.

ראובעלע

מיט מיר וועט זי גיין.

פרומעט

כ׳וועל איר דעם גאַנצן קאָפּ האָר אויסרייסן; די פּיס אונטערהאַקן...

סאַרפּען זיך אַלע דריי אינייגעם, ביז זי ווערט אַרויסגעשלעפּט דורך ראובעלען,— מיט אָרישן, און פרומעט בלייבט ליגן פון די זייט שוועל, אָפּגעריסן.

פרומעט

אין דרויסן אַרויס

אָ, אָרישל, ווי ער וואַלגערט זיך אין דער בלאָטע... איי, כ׳קוועל אָן...

אָריש

קומט צוריק אָנגעמאַכעט, העשעט מיטן האַרץ, ווישט זיך אַרום

אַ טרפהנער ביין, דאָס איז...

פרומעט

נו, אָרישל? נאָך היינטיקן טאָג זאָלסטו מיר ברענגען די מויד אַ היים.

אָריש

מאַט

כ׳וועל זי דיר ברענגען... קאָטש-קאַלב, אויף די פּלייצעס צו טראָגן...

פרומעט

ישראל מוז זי דיר אָפּגעבן.. האָט זיך אָנגעבעטן: יענטל ליגט אַליין, גייט אויס ווי אַ ליכט, — כ׳זאָל זי אים אַריינגעבן, בין איכס מחויב געווען צו טון: אָבער, אַז יענטל איז מער נישטאָ?

א ר י ש

פֿאַרזאָרגט

פֿאַר די צייט נאָכמער דאָ געוואָרן צוגעלאָזט צו אים.

פ ר ו מ ע ט

כ׳גלייב אים נישט אויף אַזוי פֿיל; אָריש, דער יונג האָט אַ שיקסע.

א ר י ש

ס׳איז אַן עצה גיט מע זיך?

פ ר ו מ ע ט

אַ תּנאים אויף די האַנט; באַשטייט ישראל, איז גוט; אַ נישט, — זאָל זי אים ווייכן...

י ש ר א ל

קומט אַרויס, צעדודערט

מ׳קאָן קיין אויג נישט צוטון... קולות... גוואַלטן... אַזוי ווי ס׳זאָלן דאָ אויפֿגיין געשלעגן, שיכּורע פֿויערן זיך טרעטן מיט די פֿיס...

א ר י ש

שטאַרק צוריקגעהאַלטן

ישר-אל.

פ ר ו מ ע ט

אַזוי אייגן

ר׳ ישר-אל.

א ר י ש

נעמט זיך אָן מיט כּוח

כ׳וויל אָפּנעמען ראַשלען.

פ ר ו מ ע ט

האַלט אונטער

יאָ, יאָ, אָפּנעמען.

י ש ר א ל

געלאַסן

אומגעריכט אַפֿילו... דאַכט זיך: ס׳האָט פֿריער נישט געהאַלטן דערביי... און כ׳וואָלט געקאָנט וויסן: וואָס ס׳האָט גורם געווען דערצו?...

אָריש

אַ מיידל ווערט צעלאָזן אין די יאָרן, — זי האָט נישט קיין אויבערהאַר; מ׳ברויך נאָך האַלטן אַ בייטש אויף איר...

ישראל

אומרויק

האָסטו אַ קלער: זי וועט ביי מיר קאַליע ווערן? שלעכט אָפּלערנען פונם יונג?

אָריש

שוין געהאַט עגמת-נפש...

ישראל

גיב זי מיר איבער אין די האַנט אַריין, און דו מעגסט אַהיימגיין רויק שלאָפן; זי וועט נישט אַראָפּגיין פון גלייכן וועג, אויף אַזוי פיל...

אָריש

דו ביסט פאַר איר ערב?

ישראל

ערב.

אָריש

מיט געפיל

כ׳ווייס נישט; ביסט אַזוי בטוח, — פונוואַנעט דו וועסט מיר נעמען אָפּ-צוגעבן אַן אַנדערע טאָכטער, ס׳זאָל זיך, חלילה... עפּעס. .

ישראל

די אייגענע מויד! איר כבוד זיך ביי מיר נישט איינריכטן, אויף אַ האָר נישט געמינערט ווערן...

אָריש

טאָ געדענק, ישראל, אויב מיין לעבן איז דיר ניחא, און ווילסט נישט כ׳זאָל האָבן קיצור-ימים, — זאָל איר דאָ עפּעס צוקומען... מער פאַרמאָג איך נישט... נאָך געהאַט, האָט זיי דער מלאך-המות אַרויסגעריסן; און ביי איר מיך אויכעט געראַנגלט אַלע יאָרן...

ישראל

גלייב מיר, אָריש, כ׳וואָלט איר קיין איבעריקע מינוט דאָ נישט געוואָלט האָבן.. וואָס טויג עס מיר?... כ׳פאַרשטיי: דו ביסט שווער געפּרוווט געוואָרן... און ס׳אי מיר קיין חידוש נישט: ביסט אַ ציטער־דיקער טאַטע...

פּרומעט

ווישט זיך די אויגן מיטן פאַרטוך

הלוואי וואָלטן זיי אויכעט געווען געלעבט..

ישראל

באַנומען

ס׳לייגט זיך אַזאַ שווערקייט אויפן האַרץ... דער קאָפּ איז הויל... מ׳גייט אַרום מבושם... כ׳קלער אַלץ: נאָך אַ טאָג... אַ וואָך.. און דער סוואָנד וועט אַרויס פון קאָפּ.. זיך אויסלייטערן...

פּרומעט

האַלט אַ פינגער ביים מויל, שאָקלט טרויעריק מיטן קאָפּ

אָנגעמאַכט אַ קלאָג, יענטל.

ישראל

מילא, זיין רצון!... די שטוב געבליבן אַליין, אַ גאַנץ הויז לעבעדיקע ברואים, — ברויכן זיי דאָך וועמען זיין אַן עול אויפן קאָפּ.

פּרומעט

ווי פריער

מ׳זאָל נישט געפּרוווט ווערן מיט דעם טעם.

ישראל

כ׳מיין נישט, חלילה, פאַר קיין משרת; יענעמס קינד איז ביי מיר טייערער ווי מיין אייגנס; נאָר סתם, פאַר היימלעכקייט וועגן, — זאָל זיך אַרומדרייען אַ מענטש פון דרויסן; אַ קליינינקייט: אַ שטרוי פון אונטער די פיס אויפהייבן, אַ פייערקע אָפּשטויבן...

אָריש

מילא, כ׳זאָל דיר זיין אַזוי כנגד?... פּרומעט... פּרומעט...

פ ר ו מ ע ט

ארױפֿגעפֿאַלן

אפילו די רעכטע האַנט; כ׳וױיס גלאַט נישט, װי כ׳װעל קאָנען אױסקומען אָן איר...

י ש ר א ל

דײַנע געשעפֿטן, אָריש; לאָך דיך אױס פֿון זײ...

אָ ר י ש

ס׳טײַטש? דאָך, — אַ חיונה! נישט צו די זעט, אָבער כ׳ברויך חלילה צו קײנעמען נישט אָנקומען; איז, בדוחק...

י ש ר א ל

קום, כ׳װעל אַ בליק טון אין די מיל: כ׳האָב דאָרטן אַ שטוב מעל, פֿריש אָפּגעמאָלן, — דיר אָװעקגעבן במקח; ס׳װעט זײַן פּרנסה.

אָפּ אין דרויסן

אָ ר י ש

אשת־חיל, דו זע פֿונדעסטװעגן צו פֿטרן די שטוב; פֿאַרלאָז דיך נישט אויף קײן נסים.

פ ר ו מ ע ט

גײ־גײ... נאָך קײנער נישט דערלײגט, װער ס׳האָט געהאַנדלט מיט ישראלן...

אָ ר י ש

פֿון דרויסן, מיטן קאָפּ אין פֿענסטער

אויב דו האָסט בדעה דאָ לאַנג צו בלײַבן, — מיך אַראָפּכאַפּן אַהער אויף װיעטשערע. אַװעקגײט

פ ר ו מ ע ט

נאָר די אכילה, װאָס ס׳ליגט אים אין קאָפּ. אָפּ אין די אַנדערע שטוב

ר׳ מ ש ה

זײַן קול פֿון דרויסן

שמחהלע! שמחהלע! קומט אַרײַן דער קלײנער איז מיר אויסגערינען...

אָפּ אין די אַנדערע שטוב

פ ר ו מ ע ט

ברענגט פון דאָרטן אַרויסצושלעפּן אַ גראַט

קיין ביין אויג, אַ בעל־הבתּישקייט, — ווי אַ ברונען וואַסער; שעפּט זיך גאָרנישט אויס... האַלט אין טראָגן.

ר׳ מ ש ה

קומט צוריק מיט אַ סדורל אין האַנט, זינגט

השמים מספרים כבוד אל, ומעשה ידו מגיד הרקיע..

ש מ ח ה ל ע

קומט אָנצולויפן, — באַרוויס, פאַרשמירט

רבי, כ׳בין געווען אויף די גרעבלע... ס׳וואַסער איז אינגאַנצן אָפּגע־פאַלן... ס׳גרייכט קוים צו די קנעכלען..

ר׳ מ ש ה

פאַרהערט, זינגט אונטער

וואַסער גייט צום ים, און דער ים איז טיף און ברייט ווי די וועלט... כאַפּט זיך פּע, שמחהלע... ביסט אַ שקאָץ... מ׳ברויך דיך שמייסן... דו ווערסט צו שטאַרק צעלאָזט... זעצט זיך מיטן זאָג: יתגדל ויתקדש... מיטן גאַנצן האַרץ ס׳זאָל ווערן געגרייסט און געהייליגט זיין נאָמען...

ש מ ח ה ל ע

פּלאַטערט

ית־ג־ד־ל וית־ק־ד־ש...

אין דרויסן הייבט־אָן פּישטשען דאָס גלעקל אויף די קאַפּליצע.

ר׳ מ ש ה

זאָגט מיט אים

בעלמא...

ש מ ח ה ל ע

וויינענדיק

בעלמא די ברא כרעותה...

פרומעט

קומט אַרויס, טראָגט אַ שטיק מעבל, לאָזט עס אַראָפּ צו די פיס, בלײַבט שטײן צוגעשפּאַרט צו די וואַנט, אַ פינגער בײַם מויל, שאָקלט טרויעריק מיטן קאָפּ

אַפילו געריכט, נאָר אַזוי גיך שוין ס'גרוב צו פאַרלײגן?

פאָרהאַנג

צווייטער אקט

שבועות־צייט.

אויפן הויף. אָן אַ זייט זעט זיך דאָס פענסטער. דורכן פענסטער, — די שטוב, ביימער. פעלד. די קאַפּליצע, דאָס אָנזען פון די מיל, אַ וואַסער.

אַ זומערדיקער באַגינען.

אַ שוואַכע זון.

טויבן פליען, הינער גייען אַרום, אַ קעלבל מעקעט.

ר׳ מ ש ה

אומגעזען, לערנט ערגעץ געשמאַק מיט שמחהלען.

ר אַ ש ל

זעצט זיך פון שטוב, דורכן פענסטער, — זיך צודרעכטמאַכנדיק ב׳קאָפּ האָר ביים שפיגל, זינגט

עליע, מעליע, יאָס-קע,
אַ שוואַרצע כלה האָס-טו,
רויטע שיכעלעך גייט זי, —
אויפן ביימעלע שטייט זי.

אַ פייף.

ר א ו ב ע ל ע

קומט אָן הינטערן פענסטער, אויפגערוימט

ראַשקע, אַזוי פרי אויפגעשטאַנען?

ר אַ ש ל

כ׳בין דען אַמאָל שפּעטער אויפגעשטאַנען?

ר א ו ב ע ל ע

נעמט איר אַדורך דורכן פענסטער

די ראָסע ליגט נאָך אויפן פעלד.

ר אַ ש ל

ס׳אי קיין זון נישטאָ.

ר א ו ב ע ל ע

האָסט געהערט דונערן די נאַכט?

ר אַ ש ל

געשלאָפן ווי אַ טויטע; מ׳האָט מיך געקאָנט אַוועקטראָגן מיטן בעט.

ר א ו ב ע ל ע

ס'האָט געגעבן איטלעכן קנאַק, אַז דער וואַלד איז פון די הויט גע־שפרונגען; ס'האָט נישט איין בוים אַוועקגעלייגט; כ'האָב געמיינט: ס'וועט די מיל אַראָפּטראָגן.

ר אַ ש ל

מ'זעט גאָרנישט אָן.

ר א ו ב ע ל ע

זומער! אַ שטיקעלע זונדל, — איז ווי מיט די האַנט אָפּגעווישט; כ'זאָג דיר: ס'דאַרף האָט נאָר געציטערט... די כאַלופּעס געוואָרן איינגעשרומפּן, און געבליצט אין די אויגן...

ר אַ ש ל

דו ביסט אויפגעוועכן?

ר א ו ב ע ל ע

קיין אויג נישט צוגעטון; אָפּגעלעגן הינטער די נורקע אַ גאַנצע נאַכט אין צרות.

ר אַ ש ל

דערשמעקט אַ גנב?

ר א ו ב ע ל ע

עפּעס ערגערס: אַ טכויערזש... האָט מיר יענע נאַכט ביי דריי טויבן די קעפּ אַראָפּגעדרייט...

ר אַ ש ל

אָפּנגעלאָזט דעם טויבנשלאַק?

ר א ו ב ע ל ע

פּאַרקייטלט: שפּילט זיך מיט אַ טכויערזש... ס'ברויך אַ שפּאַרע, ס'קריכט אַדורך דורך אַ לאָך פון אַ נאָדל...

ר אַ ש ל

שטעל איר אויף אַ לאַפּקע!

ר א ו ב ע ל ע

לאָזט זיך דיר שוין פאַרנאַרן; אַ קליין חיהלע, און קליגער פון אַ פוקס. נעמט אַרויס אַ טויב פון בוזעם דאָס האָב איך פון אַ פּאָר; געבליבן אַ זי.

ר אַ ש ל

וואו איז דער ער?

ר א ו ב ע ל ע

דער טכויערזש זיך געמאַכט פונם אַ מאַלצייט: באַלעקט מיטן.

ר אַ ש ל

צאַרט

אַ זיס פּיסקעלע, ס'האָט.

ר א ו ב ע ל ע

ראַשקעס.

ר אַ ש ל

גלעט איר

ווייס ווי מילך.

ר א ו ב ע ל ע

נעמט איר שנאָבעלע אין מויל

אום-הום...

ר אַ ש ל

טרינקט?

ר א ו ב ע ל ע

אום-הום...

מ'זעט טויבן פליען.

ר א ו ב ע ל ע

גיט אַ שפרונג

אָ, הויפישע טויבן... מיינע שטייען אויפן דאַך... רוקט אַריין צוויי פינגער

אין מויל, גיט אַ פּייף אַ־האַ! האָבן זיך אויפגעהויבן... זעסט: ווי זיי פליען?... נייען אַריין אין די וואָלקנס... אַ ברייט געלעכטער כאַ־כאַ־כאַ... דער שפּריי־זינגער מאַכט קונצן... ראַשל, אַ שפּרייזינגער איז צוגלייך ווי אַ נקבה... זעסט: זי דרייט זיך איבער, פאַלט אַראָפּ, אַראָפּ, אַראָפּ... כע־כע־כע... און הייבט זיך צוריק אויף... דערכאַפּט זיך... קומט אַוועק.

ר׳ מ ש ה

ס׳לערנען מיטן יונגל הערט זיך אַצינד געשמאַקער און זיסער.

ר אַ ש ל

לויפט אַריין אין שטוב, פון וואַנעט זי ברענגט ארויסצוטראָגן אַ מענגע קליי־דער, און נעמט זיך מיט זיי פאַרהענגען די ווענט, די ביימער

זיידענע... געשטיקטע...וואַרפט זיי מיט ציטערדיקע הענט און גרויס האַרץ־קלאַפּונג וואָס קרעלן... און גאָלדענע קנעפּ... ס׳בלישטשעט אַרויס... פאַרמעסט זיך, און טוט נישט ווילנדיק אָן אַ קלייד.

ר א ו ב ע ל ע

קומט צוריק, דערשראָקן

די מאַמעס קליידער!

ר אַ ש ל

פאַרכאַפּט

הוילע זייד... מאָרע... ס׳בלישטשען אַרויס די גאָלדענע קנעפּ... און די קרעלן...

ר א ו ב ע ל ע

פינסטער

די מאָלן האָבן זיי שוין צעפרעסן... כ׳געדענק נישט ווען די מאַמע האָט זיי אַמאָל אָנגעטון, גענומען אויפן לייב...

ר אַ ש ל

כ׳וואָלט געבעטן נ׳טאַטן איינס.

ר א ו ב ע ל ע

אַלטע יענטעס, אָן טעם; מ׳האָט אפשר מיט פערציק יאָר צוריק אַזוי געטראָגן.

ראַשל

נאַרעלע, כ'וואָלטס געלאָזט איבערמאַכן.

ראובעלע

ס'וועט פאַלן איבער די הענט; מ'גיט אַ שטאָך מיט די נאָדל, שיט זיך, — שפּינוועבס...

ראַשל

אַ שאָד: טייערער שטאָף, און אַ פולע שאַנק...

ראובעלע

ס'וואָלט ערגעץ אַנדערש נישט דערלעבט צו אַזאַ עלטער, און דאָ געפוילט אין ווילגאָטש; די מאַמע זיי קיינמאָל נישט גענומען אויף זיך, נאָר אויף פּסח, אַז מ'האָט געריייניקט די שטובן, — מ'פלעגט דאָס אַרויסשלעפּן קופּעסווייז, און דערמיט פאַרהענגען די ווענט... כע-כע-כע... אַלץ געשאָקלט, אויב ס'האָט זיך עפּעס נישט פאַרוואַלגערט פון די קרענק אירע, און דאָס געוואָלט אַרויסשאָקלען...

ראַשל

נאַרעלע, מ'האָט דאָס געמוזט לופטערן, ס'זאָל נישט כאַפּן קיין שימל.

ראובעלע

און, ס'האָט טאַקע אַ סך געהאָלפן.

ראַשל

ביי מיר וואָלט עס אייביק ניי געווען.

ראובעלע

ענדערט

ראַשקע, דו האָסט דיך אונטערגעשטעלט אויפצומאַכן די שאַנק, און גאָר קיין מורא נישט געהאַט?

ראַשל

שמייכלט

דו האָסט דאָך מורא אַפילו אין איר בעט צו שלאָפן.

ראובעלע

גיסט מיר אַ פולע שטוב מיט גאָלד!

ראַשל

לאַכט

כאַ־כאַ־כאַ... מ'קוקט אים אָן אויפן פנים, מיינט מע: אַ גזלן! מ'זאָל דיך טרעפן אין אַ וואַלד, — וואָלט די נשמה געקאָנט אויסגיין; און אַליין, ציטעריק ווי אַ פיצל קינד, מורא פאַר די טאָג־שיין...

ראובעלע

די מאַמע, אויכעט אַזוי געשראָקן...

ראַשל

די מאַמע, זאָל זיין אָפּגעשיידט, — פלעגט שרעקן פאַרן טויט; אַ שוואַך מענטש געווען...

ראובעלע

און איך בין געבליבן מיט איר שרעק... יאָ: כ'בין בלויז אויסגעוואַקסן ווי דער טאַטע, אַזוי הויך, ברייט, נאָר מיט די מאַמעס האַרץ; ס'האַרץ האָט איר פון אַלעם אונטערגעזאָגט; און אפילו געגלייבט, דאָס ביינאַכט רוען שדים אין דער מיל...

ראַשל

מיט הערגער?

ראובעלע

לאַך, ראַשקע; האָסט אַ טאָטעריש האַרץ...

ראַשל

וואָלסט דיך געמעגט שעמען פאַר טעוולען; ישראלס זון, ראובעלע.

ראובעלע

ווייסט: דער טאַטע איז איינמאָל ביינאַכט אַוועק אין די מיל, און... געווען אַ טויטן! דעם אַלטן מילנער, געקענט? נאָך פאַר אַ יאָרן געפּגרט, — און געטראָפן אויפשיטן מיט אַ זיפּל קאָרן...

ראַשל

און, נישט אויסגעבליבן?

ר א ו ב ע ל ע

געפאַלן אויפן אָרט אין חלשות; זיך אַוועקגעלייגט, — אַ פּלאַץ; אַ גוטע שעה געמוטשעט; דריי טאָג נאָכדעם נישט גערעדט; די גויים זאָגן: ד'האָט אַ גליק... ווען ער רופט זיך אָפּ מיט איין וואָרט, איז נאָכן וואָרט ער געכאַפּט...

ר אַ ש ל

פּלאַצט אַרויס

דו ביסט אַליין אויכעט געכאַפּט, ראובעלע; דער רבי זאָגט: אויף די עברי, און דער טאַטע, — אויף עפּעס אַנדערש, אַ שיקסע, כ'ווייס? כע-כע-כע...

ר א ו ב ע ל ע

אָנגעכמורעט

דו זעצסט אויף זיינע רייד? ראַשקע, דער הונט בילט, אָ, און ער רעדט, איז מיר אַלץ איינס...

ר אַ ש ל

גיט אים אַ פּעטשל

אַ טאַטע?

ר א ו ב ע ל ע

אָ, ער איז מיר נישט קיין איבעריק גוטער פריינט, דער טאַטע... כ'ווייס: ר'וואָלט מיך געקאָנט דערטרינקען אין אַ לעפל וואַרים וואַסער, — וואָלט ערס געטון...

ר אַ ש ל

אַ קנייטשעלע

ס'דאַכט זיך דיר אויס...

ר א ו ב ע ל ע

ס'האַרץ איז אַ האַלבער נביא; וועסט נישט פאַרלייקענען וואָס כ'שפּיר דאָ אינעווייניק.

ט ע ו ל

גנבעט זיך אונטער צום בוים.

ר א ו ב ע ל ע

דערשמעקט אים, פינסטער

זיין מענטש... גיט אים אַ וואָרף פּל״י! אַ דונער יאָגט דיך...

ט ע ו ו ל

קערט זיך איבער און קריכט אַוועק אויף אַלע פיר

ראובעלע פויער... פויער...

ר א ו ב ע ל ע

שדים אָנגעטראָגן...

ר אַ ש ל

אוודאי די, וואָס אין די מיל.

ר א ו ב ע ל ע

אַ כאָלערע: גלייך אָנשיקן נ׳טאַטן, און זיך דאָ באַלד פרייען מיטן.

ר אַ ש ל

האָסט גוט ס׳קדחת פאַר אים, ראובעלע...

ר א ו ב ע ל ע

אַזוי ווי ער פאַר מיר, נישט ווייניקער; ס׳איז אונז ביידע ווײַלער: מ׳זעט זיך נישט... ראַשקע, גיב עפּעס צו טרינקען... אַ גלאָז מילך געוואָלט, אויב דו האָסט?.. דער האַלז איז מיר טרוקן, אַ ביין...

ר אַ ש ל

וואַרט! גייט אין שטוב, ברענגט מילך נאַ, וואָרן, ביסט עס דען ווערט?

ר א ו ב ע ל ע

טרינקט אויס מיט איין אָטעם

גיס, ווי אין אַ פאַס אַריין. דערלאַנגט ס׳גלאָז ראַשקע...

ר אַ ש ל

גוט... ס׳אי דיך שווער צו נאַסיטשען... אַן איינשיט!... ביסט אַזוי דורשטיק, גיי אַרונטער צו די מיל, האַלט אונטער ס׳מויל ביים ראָד, — גיסט זיך דאָרטן וואַסער.

ר א ו ב ע ל ע

דער בויך ווערט אָנגעבלאָזן פון וואַסער.

ר אַ ש ל

דער טאַטע, קומט, — אים באַלד נישט האָבן וואָס אויפן אָנבייסן צו געבן...

ר א ו ב ע ל ע

ביסטו צעפירט : אַז ר׳וועט זיך נישט האָבן מיט וואָס אָנצולייגן די ־אָנדע...

ר אַ ש ל

דער עלנבויגן פלאַצט מיר טאַקע נישט, נאַר, — פאַר וועלכן גוטן קומטס דיר ? כ׳האָב שוין אַ סך פון דיר געהאַט ?

ר א ו ב ע ל ע

נאָך באַצייטנס זיין פון מיר צו האָבן ; ביסט יונג, און גאָרנישט פאַרשפעטיקט... קוועלט כע־כע־כע ..

ר אַ ש ל

צוגעזאָגט מיר ברענגען אַ בייטש קרעל ?

ר א ו ב ע ל ע

מ׳געדענקט אַזוי אַלץ, מיינסטו ? מ׳קומט אין שטאָט אַריין אויפן יריד, פאַרמישט זיך גלייך דער קאָפּ...

ר אַ ש ל

אַ פעטשעלע

אַ שוואַך קעפּעלע..

ר א ו ב ע ל ע

אַפילו דער הונט, וואָס איז אַ גאַנצער וואוילער אויפן דאָרף, דרייט זיך איין אונטערן וואָגן, מאַכט פון זיך אַ בייגל, און האָט מורא די נאָז אַרויסצושטעקן...

ר אַ ש ל

לאַכט אָנגענעם

כי־כי־כי...

ישראל

לאָזט זיך הצרן

פרי אויפגעשטאַנען צו איר, דער פריץ..

ראובעלע

כמורנע

אָנגעשיקט אויפן קאָפּ אַרויף, אַ כאָלערע; כ׳וועל אים אַ פוס פון הינטן אויסדרייען...

ישראל

קומט אָן, דערזעט ראַשלען איבערגעטון

ראַ-ש-ל...

ראַשל

פאַרלוירן

געמאַכט אַ געלעכטער... נעמט אָפרייסן ס׳אָנטועכטס, אַנטלויפנדיק אין די שטוב אריין גאָרנישט באַרעכנט... אָפּ.

ישראל

פאַרכאַפּט

מ׳האָט מיר אַ קלאַפּ געטון אין האַרץ, געמיינט: יענטל אין די יונגע יאָרן שטייט מיר פאַר די אויגן...

ראובעלע

אַראָפּגעלאָזט ב׳קאָפּ, פינסטער

ערשט ביי דיר די לונגען אויסגעשפּיגן.

ישראל

וועלכער האַלט נאָך אַ ווײַלע דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, — הייבט אים ראַפּטום אויף, קוקט טיף אין זיינע אויגן, מורמעלט ארויס צווישן די ציין

אויפגעכאָוועט אַ שונא איף מיינע יאָרן... א געשריי אָבאָל! אַזאַ דרך־ארץ האָסטו איר צוגעטיילט ביים לעבן, גייסטו דיך אַצינד אָפּנעמען איר צוולה?

ראובעלע

געפאַלן

קיין שלעכטס איר נישט געטון.

ישראל

ביסטו ווערט אַ קניפּ אין בעקל, תּנא; איר אוודאי געבּרויכט צו טרעטן אויפן קאָפּ, אַ? דיין גוטסקייט צו איר, האָט אויכעט געמעגט אין אַ משוגענעם הונט אַריין..

ראובעלע

כמורנע

ביי דיר האָט זי גוט אָפּגעלעבּט אירע יאָרן...

ישראל

און אפשר האָב איך ביי איר האַניק געלעקט? מיט אַ מרוק תּנא! האַלט אַזוי שטאַרק פאַר איר, — זיך אַמאָל דערמאָנט אין אַ שטיקל קדיש פאַר אירטוועגן? זיך געמעגט אַוועקבּרענגען, די אויגן בלינד מאַכן..

ראובעלע

קרענקלעך

כ'זאָג נישט קיין קדיש?

ישראל

זאָגט... צומאָלט ביי קיין דאַוונען נישט; פאַר די ליידיקע ווענט, — רוימט איין די מייז...

ראובעלע

גיט אַ שפּרינג אין הונטערגרונט

ר' משה!... ברענגט אים אין לופטן צו טראָגן זאָגט: כ'זאָג קדיש?...

ר' משה

תמעלט

רוצח, דער אַקסל... אָפּגעבּראָכן אים שיער...

ראובעלע

פאַרכאַפּט

כ'זאָג נישט קיין קדיש?..

ר' משה

אַליין געהערט אין וואַלד אים זאָגן פון סדור, — כאור; און בקול רם...

ישראל

מבושם, דער יונג...

ר׳ משה

מ׳ברויך נישט דווקא בצבור... אַ קדיש ביחודות, — האָט נאָכמער מעלה; אויפן דאָרף, נישט תּמיד זענען יידן צוזאַמען, קאָן מע אויפקלאַפּן אַ מנין, און אַזאַ יונג גיט זיך אַ שטעל אַוועק פאַרטאָגס אין וואַלד, טוט אַ געשריי צו די הימלען: יתגדל ויתקדש, — גיט עפּעס אַ ציטער דאָרט אויבן ביי די פּמליא של מעלה. און מלאכים ושרפים נופלים על פּניהם... כע־כע... אַזאַ קדיש, ישראל, איז נישט פון די קליינע זאַכן...

ראובעלע

דערהויבן

אַ, טאַטע! אָפּ.

ישראל

פאַרזינקט

פון אַלע זייטן דריקט עס מיך צו; מיר ביטער ווי גאַל; שוין באַלד נישט קיין אָרט, וואו זיך אַהינצוטון...

ר׳ משה

פאַרגייט זיך רופנדיק

שמחהלע, שמחהלע, כ׳האָבן נישט מער... מ׳טאָר פונם קיין אויג נישט אַראָפּנעמען... אומגעוזען שמחהלע... שמחהלע...

ישראל

שטייט פאַרזונקען.

ראַשל

קומט אַרויס, בלייבט שטיין ביי די שוועל, קוקט אויף אים מיט שטומע, צערטלעכע בליקן

כ׳וואָלט געוואוסט: ישראל וועט האָבן קרענקונג, וואָלט איך מיר פריער די הענט אָפּגעהאַקט, און זיך נישט צוגערירט...

ישראל

הייבט ראָש אויף ב׳קאָפּ, קוקט שטאַר, נישט צוגלייבנדיק זיך די אייגענע אויגן, און אויף זיין פּנים נעמט שיינען אַ מאָדנע ליכטיקייט

נאַרעלע, כ׳זע גערן...

ר אַ ש ל

רירט זיך נישט פון אָרט, אַזוי אייגן ווי פריער

כ׳גיי פאַרביי די שאַנק, גיט אַ פּיק; כ׳מאַך אויף די טיר, — בלישטשען פּאַרן אויג ס׳זייד, אַלט זייד, מאָרע־זייד...

י ש ר א ל

קאָן נישט קומען צו זיך

נאָר פאַרשווינדלט דער קאָפּ... אַזוי אומגעריכט דערזען אין אירע קליידער, זענען די אויגן אויפגעריסן געוואָרן... געדאַכט: יענטל אין די יונגע יאָרן, אין גלאַנץ, מיטן שבת־חן, איז געוואָלט דערשפּירן איר אָטעם, איר געזונטן אָטעם, וואָס האָט צעטריבן ס׳בלוט אין די אָדערן, געשניטן ס׳לייב מיט מעסערס, פּונקט ווי דער מאַרך וואָלט זיך אין די ביינער צעגאָסן..

ר אַ ש ל

געוואָלט ווערן צוריק יונג... ישראל...

י ש ר א ל

כע־כע... גאָרנישט אָנגעהויבן אַלט צו ווערן... לענגער כ׳האָב געהאַט דאָס קראַנקע ווייב, מער האָבן זיך די כוחות צונויפגענומען, אויפגעקליבן, און זיי יערן ווי ווײַן אין אַ פאַרמאַכט פאַס, וואָס קאָן נישט אויסגעזופּט ווערן; ס׳אַרבעט אין מיר אַרום, ס׳שטיקט, ס׳צעשפּאַרט, ס זוכט אויסצוזעצן מיטן שפּינט, — אַז דער קאָפּ זאָל פון די פּלייצעס אַראָפּפליען...

ר אַ ש ל

לאַכט היציק

כ׳שפּיר: ווי די הויט וועט זיך אויף מיר שפּאַלטן, און ס׳בלוט נעמען פלייצן...

י ש ר א ל

נעמט איר ביי די האַנט, ציטעריק

טאַקע וואָר, דער טאַטע זאָל דיך קומען אָפּנעמען?...

ר אַ ש ל

צוריקגעזעצט

ישראל אַזוי געהערט?..

ישראל

שווערלעך

ניין, אַפילו... כ'קלער נאָר: אויב דאָס זאָל אים אונטערפליען, — וואָס דו וועסט טון? אַוועק אַהיים?...

ראַשל

סיי, מ'זאָל מיך בינדן און אַהיימטראָגן... אָבער מיטן גוטן ווילן?...

ישראל

שיינט אויף

נישט, אַ?... נאָר ווי אַ געבונדן קאַלב... כע-כע... כ'קוק אויף דיר און כ'קוק אויפן הויז, און כ'קאָן מיר גאָרנישט פאָרשטעלן: ווי ס'וואָלט אויסגעזען אָן דיר, ס'הויז?

ראַשל

אויפגעלייגט

מ'ברויך נאָך גוט האָרוועץ, ביז מ'וועט אַלץ דערגרונטעווען, אַ תוך דערגיין... נעמט אַרבעטן, וואַרפן היי.

ישראל

פאַרפלאָמט

די הענט, זיי רוען נישט קיין רגע ביי איר...

ראַשל

ס'וואַרט אויף זיי אַ גאַנץ הויז...

ישראל

וואָס איז צוואַנציק יאָר געווען אָפּגעלאָזן... דערצונדן כ'זאָל וויסן: ס'וועט זיין ווי כ'מיין, דו זאָלסט דיך נישט אומקערן מער אַהיים, — וואָלסטו נישט געריסן די פּאָדלאָגעס ביי מיר, געקראַצט פון די ווענט און געשאָבן; כ'וואָלט געהייסן אַרויסברענגען אַ האַרמאַט, און מ'ט איין קלאַפּ דאָס אינגאַנצן געלאָזט אַראָפּוואַרפן... צוואָס ס'רייסן מיט די ציין, — אַז די נגע זיצט אין די ווענט; ס'אַ נגע-צרעת, וואָס מ'וועט איר פון דאָרטן דורך קיין הונדערט יאָר נישט אַרויסקריגן..

ר אַ ש ל

נאריש

וואָלט נישט געווען אַ שאָד, ס'הויז?

ר א ו ב ע ל ע

קומט אָן, בלייבט שטיין הינטערן בוים.

י ש ר א ל

כע-כע... וואָס טויג מיר ס'הויז? כ'קאָן אָנבייסן אַ שטיק דערפֿון און מיך אָנזעטיקן דערמיט? אַ הויז האָב איך שוין ביז איצט געהאַט, און אַ מיל, שפּייכלערס מיט תּבֿואה, וואָס האָבן זיך איבערגעוואויגן, נאָר אַ שטיקל ווייב, וואָס זאָל מיך שטאַרקן, דערהאַלטן מיט אַלעם, — נישט... איי, כ'זאָל נאָך די זכיה האָבן מיט דעם אויפגעריכט צו ווערן, — וואָס ברויך איך גיין צום פעלד, וואַלד און וואַסער, אַז זי וועט פאַר אַלעם באַשטיין: פאַרן פעלד, פאַרן וואַלד און פאַרן וואַסער...

ר א ו ב ע ל ע

הינטערן בוים, ביי וועלכן די אויגן האָבן געבליצט ווי ביי אַ וואָלף, — שיסט אויס

שעם דיך, טאַטע.

י ש ר א ל

פאַרשטיינערט

גיי מיר אַוועק פֿון אונטער די אויגן!

ר א ו ב ע ל ע

גיט אַ כאַפּ ראַשלען פאַר די האַנט

טאַטע!... טאַטע, זאָלסט דיך נישט שטעלן מיט מיר... ביסט אוודאי שטאַרקער... נאָר, געדענק: כ'וועל שרייען אויף די מאַמע, — זי ליגט דאָ נישט ווייט אויפן קבֿרות...

י ש ר א ל

ציטערט אינגאַנצן

סטראַשעט מיך מיט די מאַמע... פאַרוואָס האָט זי ביים לעבן נישט געזען געזונט צו זיין?... מיך וויניק געפייניקט, אַז זי האָט געלעבט,

און נאָכן טויט אויכעט פון איר קיין מנוחה נישט האָבן ? קיין רו נישט געבן ?

ר א ו ב ע ל ע

ווייל איר צוועקנעמען

ראַשל, טרעט אים אָפּ ; די ערד ברענט אונטער זיינע פיס, וואו ער שטייט ..

י ש ר א ל

האַלט איר פעסט

זי וועט מיר מ׳ט דיר אין ערגעץ נישט גיין ; ביסט אַ רויער יונג, שוין פון אַ האַלב דאָרף שיקסעס אַ תל געמאַכט, — וואָס האָסטו נאָך צו איר ?...

ר אַ ש ל

הילפלאָז

אזוי ווי צוויי וועלף, זיי וועלן מיך צעטראָגן...

ר א ו ב ע ל ע

צווישן די ציין

טאַטע, לאָז איר אָפּ...

י ש ר א ל

לאָזט איר אָפּ און נעמט איר טרייסלען ווי אַ בלאַט

ראובן, ברענג מיך נישט אין כעס אַריין, — כ׳וועל דיך צעמאָלן אין מיינע הענט, קיין גאַנצן ביין אין דיר נישט איבערלאָזן ..

ר אַ ש ל

גיט אים אַ כאַפּ אַרום ביי די פיס

ביי אַן אייגן קינד, אַ טאַטע...

י ש ר א ל

פאַרצאַפּלט

אַ טאַטע...

ר א ו ב ע ל ע

נעמט די מויד אויף זיך און טראָגט איר אוועק, אַדערשראָקענע צום טויט.

י ש ר א ל

שטייט דערטייטנט

אַ טאַטע... אַ טאַטע...

ר׳ מ ש ה

ווייט, רופנדיק

שמחהלע!... שמ-חה-לע!...

י ש ר א ל

קומענדיק צו זיך, קוקט שטאַר, און זייעט קוים אַדורך צווישן די ציין

בישט געווען דער יונג, אַ מכּה אונטערן אָ"עם...

ר׳ מ ש ה

בּירט אָן ס׳יונגל

שמחהלע, כ׳וועל דיר צושטעלן אַ בּענקעלע... ישראל, דער קליינער ווערט קאַליע... מ׳נעמט פונם אַראָפּ ס׳אויג, איז ער אין האָץ-מחול...

י ש ר א ל

קומט-אויף

ר׳ משה, איר אַקערט שוין אַזוי פרי מיטן קליינעם? ר׳מאַכט מיר קעלביק ס׳יונגל. קוקט אַוייַן אינם די מאַמעס געדעכעניש... וואָלט דער גרויסער יונג אין איר אַריינגעראָטן..

ר׳ מ ש ה

דער מלמד צעשפּילט זיך אין אים

שמחהלע, געדענקסט נאָך, וואָס כ׳האָב מיט דיר געלערנט?

ש מ ח ה ל ע

קינדיש זיס

יאָ, רבּי.

ר׳ מ ש ה

פון ווען, פון נעכטן?

ש מ ח ה ל ע

יאָ, רבּי.

ר׳ משה

און אייערנעכטן?

שמחהלע

אויכעט, רבי.

ר׳ משה

אונטעררזינגענדיק

און זאָג מיר אַ שטיקעלע פון קאָפּ אַרויס?

שמחהלע

קלינגט מיטן קולכל

חדתין, — נייע מלאכים,

בבא, — זייער טון אַריינקומען.

צפרין, — יעדן פרימאָרגן,

בנקשותא, — מיט די דערלויבעניש פון די תורה.

ישראל

גיט אים אַ וואַרימען קוש

אַ וואויל קעפּעלע... באַגערט... מאַ, ביי אַ גרינג געמיט איז דאָס אויכעט אַ נחת... דער קאָפּ איז אָבער, לא עליכם, צענומען אויף טויזנט שטיקלעך...

פאַרזינקט.

ר׳ משה

זעצט זיך לערנען מיטן, טרוקן

ויהי, און ס׳אי געווען; בימי, אין די טעג, שפוט השופטים...

ישראל

ציטעריק-שטיל

ר׳ משה... העכער ר׳ משה...

ר׳ משה

נעמט אַרויס ב׳קאָפּ פון פסוק, קוקט אים אָן.

ישראל

ס׳אַ גרויסער חטא צו זיצן אָן אַן אשה?

ר׳ משה

זינגט אונטער און שיקט אַוועק ס׳יינגל

גיי, שמחהלע, חזר דיר איבער ס׳שטיקל פסוק, נאָר געדענק: זאָלסט דיך נישט פאַרקריכן.

ישראל

נאָכאַמאָל

ר׳ משה, ס׳אַ גרויסער חטא צו זיצן אָן אַן אשה?

ר׳ משה

גאָר אַ גרויסער... מ׳קאָן נכשל ווערן און זיין אַ בא לדי עבירה...

ישראל

אַן אלמן אויכעט?

ר׳ משה

מיט גאָרנישט מער אויסגענומען פאַר אַ בחור...

ישראל

ציטעריק

ר׳ משה, און אַן אלמן מעג חתונה האָבן מיט אַ בתולה?

ר׳ משה

מונטער

ס׳מאַכט זיך דיר אַ בתולה? וואָס ביסטו אַזוי טויט געבליבן? ס׳קומט נאָך נישט צוליב קיין מיידל זיך אַוועקצוברענגען... ביסט נישט קיין זקן... קיין איין גראָע האָר אין קאָפּ צומאָלט... נאָך אפילו באַווייזן צו מאַכן אַ ברית, אַז דו זאָלסט שטאַרק פאַרלייגן...

ישראל

אַריינגעהאַקט אַ קלין, און ער בויערט און בויערט... ביז היינט, נישט רעכט געוואוסט פון דעם עונג; אַ יאָר נאָך די חתונה אָנגעהויבן קרענ־קען, און פאַרקרענקט ס׳זאָל דאָס בלייבן ביי זיי; גאָר קיין בריאה נישט געווען... אַ נאָכגעשפּעטער מענטש... איז אַ חודש: ס׳גייען אויף הוריות, און איינע ערגער פאַר די אַנדערע?... דערזעט ראַשלען צוריקגיין.

אין שטוב ראשל! ראשל! וואָלסט געווען אַ ווײַלע מויד, און דערלאַנגט עפּעס איבערצוכאַפּן?...

ר אַ ש ל

וואו, דאָ אין דרויסן?

י ש ר א ל

אַפילו בײַנאַכט גערירט די שטאָלן, און נישט אַזאַ שײנער טאָג, נאָר...

ר אַ ש ל

ס'ברויך זײַן נאָכאַמאָל אַזוי געשמאַק, אונטערן פרײַען הימל. נעמט מאַכן דעם טיש.

י ש ר א ל

לעבעדיק

ר' משה, איר האָט שוין איבערגעביסן? קנעלט אוודאי אויפן ניכטערן...

ר' מ ש ה

אַזוי פרי?

י ש ר א ל

פרי, זאָגט איר? מ'גרייט שוין היינט פאַר מיר ס'צווייטע מאָל דעם טיש... און ווען כ'האָב מיך נאָך איבערגעלייגט אויף די אַנדערע זײַט, — האָט איר שוין דאָ געזאָגט הינטערן פענסטער... ווי שפּעט האָט געקאָנט זײַן?

ר' מ ש ה

כ'קוק נישט ווי שפּעט ס'איז. כ'הער בלויז: די פייגעלעך הייבן אָן זינגען שירה פאַר קודשא־ברוך־הוא...

י ש ר א ל

ס'טאָגט, אוודאי, צווייטע.

ר' מ ש ה

דער הימל איז נאָך טונקל... און ווי שיין ס'איז דער טאָג, וואָס פאַלט איבער די וועלט, אַזוי ווי אַ יונג עופהלע פון די מוטערס שויס; ס'מאַכט־אויף די אייגעלעך מיט אַ ליכטיקע פרייד, פונקט ווי די זון וואָלט דערפאַר אויפגעשײַנט, און זיך דערמיט דערפרייט...

ישראל

חאַפּט זיך די הענט פון די מוידס שיסל וואַסער

ר׳ משה, וואַשט אייך, אויבעט מיטהאַלטן... אייעו׳ע ווערט מיט מיר האָבן אַ בפירושן דין-תּורה: איר וואַקסט כסדר אַראָפּ... זינט אַ האַלב יאָר קלענער געוואָרן אויף אַ גוטע אייל.. איינגעבויקט ווי משה רבינוס אַ פערדעלע..

ר׳ משה

וואַשט זיך, מאַכט המוציא

מיך געלאָזט אָפּרעדן...

ישראל

מי-יודע ס׳איז מעשה-רע ?...

ר משה

מילא, עסן איז אַ טיפע זאַך. אין בעלזער הויף פלעג׳ מע שטאַרק מאַריך זיין ביי אַ סעודה, און געפירט טיש מיט אַזאַ רחבות, ווי ביי אַ מאָנאַרך... און אין די מאכלים, וואָס מ׳האָט דערלאַנגט, האָט געשמעקט טעם פון גן-עדן... מ׳דערציילט: דער דרילזשער איז אַמאָל געווען יום-טוב ביים טיש, האָט ער זיך געוואונטשן: ר׳זאָל ביי די סעודה של משיח נישט שפּירן קיין ערגערן טעם אין די חלה...

ישראל

דערשלאָגן

כ׳שפּיר שוין נישט קיין טעם אין עסן, פון די ערשטע כאַלערע אָן...

ר׳ משה

פע, ישראל... כ׳זע: ס׳פּנים דיינס איז ווי דער הימל חשון-צייט: אַ רגע שפּילט די זון און ס׳לייכט, און באַלד קומט אַ וואָלקן, – ס׳ווערט צוריק פינסטער... כ׳שפּיר: ס׳איז מעמק-הלב... געמאָלט זיין, – ס׳צער פון די יידענע זאָל נאָך זיין אַזוי גרויס ?...

ישראל

שווער

וואָס מיינט איר: אַ שאָדן לאָזט זיך זייער שווער באַצאָלן...

ר׳ משה

אַ שאָדן ? מי־יודע : זיך נאָך אַנדערע אים געוואונטשן... אַ גביר האָט די זכיה : אַ קראַנק ווייב, – זאָל זי אים שטאַרבן ; ביי אַן אָרימאַן קלעפּט זי שוין...

ישראל

ווייניק געקלעפּט ?

ר׳ משה

שוין געפּטרט, און וואָס ווילסטו ?

ישראל

גאָרנישט גרינגער געוואָרן...

ר׳ משה

האָב חתונה, וועט דיר גרינגער ווערן...

ישראל

יאָ... כ׳וואָלט אוודאי געוואָלט... ס׳בּלוט רעדט ווערטער... און אוודאי נישט געקאַרגט אויך, אַז כ׳זאָל צוטרעפן...

ר׳ משה

ס׳אַ מזל־זאַך...

ישראל

כ׳ווייס : איך האָב קיין מזל נישט צו קיין ווייבער...

ר׳ משה

אַזוי פיל ווייבער שוין געהאַט ?

ישראל

די איינע, זאָל אָפּגעשיידט זיין, – באַשטאַנען פאַר אַ סך...

ר׳ משה

נישט געווען, מסתמא, דער ריכטיקער זיווג...

ישראל

דערציטערט

מיט וואָס ווייסט מע: אַז מ׳טרעפט אויפן ריכטיקן זווג?

ר׳ משה

לויטער

אַן אמתער זווג ווייסט נישט פון קיין צער; ס׳לעבן איז קלאָר ווי די זון אין תמוז, און מ׳עלטערט זיך מיט אַ גוטע און אַ געזונטע עלטער; און אַז עס שטאַרבט ווער פאַר די צייט, ס׳טרעפן סיבות, רחמנא־לצלן, — ווייסט מע: דער זווג האָט נישט עולה־יפה געווען...

ישראל

און, אַן אמתער זווג קאָן נאָר געמאָלט זיין אין די גלייכע יאָרן?...

ר׳ משה

שטאַרבן דאָך לכתחילה יונגע מענטשן, ווייל זיי ברויכן אויסלייזן די אַנדערע, דעם צד־השני, — וואָס האָט מער מזל, — יענע זאָלן אויפגע־בינדן ווערן... און דאָס במילא, איז שוין גאולה...

ישראל

און אַז ס׳איז, אהור כל אלה, פאַראַן גאולה?

ר׳ משה

ברויך קומען ישועה, די הילף געהיילט צו ווערן; און אַזוי ווי אומע־טום ביי ישועה, אַז דער מענטש ברויך געהיילט צו ווערן, — ווערן געשאַפן מניעות, און ס׳קאָן זיין אַ מכשול...

ישראל

קערט זיך אָפּ

כ׳האָב נאָך אַ שווערן וואָגן האַלץ צו צעהאַקן, און כ׳האָב שטאַרק מורא: ס׳זאָל מיר נישט פליען אַ שטיק אין קאָפּ אַריין, מיר אים לעבערן...

טעוול

קומט־אַן, גאורערט, האָט אַ פּול מויל

ש־ש־מהה־לע זשיצט אויף די בריק, האַלט די פי־ש־ש אין וואַ־ש־ש־ער...

ר׳ משה

אַן אויג מ׳זאָל דאָס קענען פונם אַראָפּנעמע... אָן עול... ווערט אַז... איבערגעפּירט... רופט אָפּגייענדיק שמחהלע! שמחהלע!...

טעוול

פאַרקרימט ס׳פּנים ווי אַ מאַלפּע

עפּיש עשן...

ישראל

הייבט אויף נ׳קאָפּ

אַ ביטער רחמנות, נעבעך; נישט טועם געווען נאָך היינט, אַ?..
דערלאַנגט אים אַ לאַכמע ברויט פון טיש אַראָפּ נאַ!... פרעסט שוין פאַר ר׳ משה אויכעט... איבער אַ רגע נישט געזען דעם יונג?...

טעוול

מעלה-גירהט

ש-ש-מ-חה-לע?

ישראל

ניין, דעם מלאך המות מיינעם?

טעוול

ביים וו-שער...

ישראל

וואָס טוט ער ביים וואַסער? וויל מיר אַודאי אַראָפּדרייען ס׳ראָד פון די מיל?..

טעוול

כ׳ווייש ניש..

ישראל

וואָס ווייסטו דען יאָ? שטיק גלאָמב! גלאָצט מיט די גאַלעס, און מעלה-גירהט: מאַכט קאַליע ברויט...

טעוול

איינגעטונקען אין בלוט

מורא טשי קוקן, ניש שטע-כן מיט אַ מע-שער...

ישראל

וואָס עלטער ער ווערט, מער פאַרנאַרט ווערט ער... געווען מער מענטש, — נישט אַרומגעגאַנגען אין אַזאַ הילוך... ס'איז דאָך אַ שרעק צו קוקן; ווי ס'פּאַלט פון דיר לעבעדיקע שטיקער...

טעוול

דערמאַנט זיך

נעזשאַלט קריגן שיך, אַ וועש-טל, הויזשן...

ישראל

וואָלסט האָבן געהירן אין קאָפּ, פאַרוואָס דען נישט? דיך אויסגעפּוצט ווי אַ שררה, און געהאַט צו פרעסן און צו טרינקען, ס'זאָל דיר רינען איבערן מויל... אַזוי ווערט דער חשק אָפּגענומען...

ראַשל

קומט, טראָגט אַ שווערע קאַן וואַסער, אַ שויפל, — נעמט זיך אָן אַן ארבעט ביים גערטל, הינטערן פענסטער

שיקט דער האַר גאָט
אַ פויער אין וואַלד אַריין,
אַ פויער אין וואַלד אַריין...

ישראל

פאַרכאַפּט

ווי אַ ברונען וואַסער, ס'שטילט נישט... מ'הערט מרוקען קי פאַרגעסן צו־מאַכן די שטאַל... ס'ביקל האָט שוין אוודאי געמוזט אַרויס צו די בהמות...

טעוול

פרעשט אַראָפּ ס'גראָזש פון די לאָנקע...

ישראל

שטיק אָקס! אַז איך האָב געפעלט מיטן אויג, האָט ער זיך שוין אַליין נישט געקאָנט באַהעלפן, און צושפאַרן די טירלעך?... נו? שטיי נישט... גיי, און פיר אַראָפּ דעם ביק, — ער האָט דאָך נישט קיין מעסער...

טעוול

ברענגט קוים אַרויס

ר׳באָד-זש-עט ד-אָ-ך!

ראַשל

לאַכט

הערנער זענען ערגער פאַר אַ מעסער; אים נאָך אויפכאַפּן אויף די הערנער, אַריינוואַרפן אין וואַסער, און שוין... נישטאָ מער טעוול!

ישראל

מעלה-גירהן, דאָס ווייסט ער; נישט קיין עבירה, מ׳גיט דעם אַ דזשעבלע ברויט? גיי, שטיק תם, און גיב אַ בליק צו אים, נאָר זע: ער זאָל זיך נישט טועה זיין אין דיר, און מיינען: דו ביסט אַ בהמה...

ראַשל

בי-כי-כי..

טעוול

שלעפּט זיך אַוועק

באַ-לע-בוש ווערט קאַ-ליע... אָפּ.

ראַשל

ס׳ערשטע מאָל ווי ער קומט אויפן פעלד אַרויס דער ביק?

ישראל

צוגעבונדן די אויגן; אַז ער דערזעט די קי מיט אָפענע אויגן, — צע-בריקעט ער זיך, ברעכט איין די ביימלעך, צעטרעט, און מ׳קאָן אים מיט קיין צען פאָר פערד נישט איינהאַלטן...

ראַשל

צוואָס האַלט מע אים ווידער, אַז ער איז אַזאַ שאָדן-ווינקל?

ישראל

כ׳וועל אים שוין לאָזן באַשטאַטן; קומען אויף אים אַ סוף איינאיינעם מיטן פאַרנאַרטן יונג...

ר אַ ש ל

אַרבעט און זינגט אונטער

שיקט דער האַר גאָט
אַ פֿויער אין וואַלד אַריין .
אַ פֿויער אין וואַלד אַריין...

י ש ר א ל

ס'האַרץ וואַקסט אינם

פֿאַראַרבעט שוין צופֿיל, ראַשל.

ר אַ ש ל

ס'אַן אַרבעט, מער מ'טוט איר, – מער פֿאַרנעמט זי...

י ש ר א ל

פֿעלד־אַרבעט, זייער אַ שווערע, און נישט פֿאַר דיינע כוחות...

ר אַ ש ל

כ'אַרבעט בלויז אַרום ס'געֿרטל, און שפּיר: ס'וואַקסט מיר אונטער די הענט... די איילבירטן פֿאַרמעסטן זיך שוין מיט די קאַרשנביימלעך, און לאַכן אַריין דורכן פֿענסטער...

י ש ר א ל

צו גאַנצע יאָרן געווען אָפּגעלאָזן... גראָזן געוואַקסן... ציגן געקלעטערט... איינגעבראָכן די פּלאַנקען, די שטאַכייטן, און זיך דאָ געהאַט זייער פּאַשע; אַצינד: אַ גערטעלע אויסגעוואַקסן...

ר אַ ש ל

שפּעט גענומען דערצו; כ'זאָל מיר ווען די מי געבן, – געקענט אַרויסקומען אַ שיינע זאַך; ס'ברויך זיבער פֿאַרנעמען אַ סך צייט, און כ'האָב נישט בלויז ס'גערטל אויפֿן קאָפּ...

י ש ר א ל

ס'שפּאַרן זיך שוין צו שטאַרק די ריחות אין שטוב, ראַשל; אַנומעלטן אָפֿן געלאָזט ס'פֿענסטער און געכאַפּט אַ דרימל, – אַוועקגעפֿאַלן ווי אַ שטיין; געקאָנט האַקן האָלץ אויף מיר...

ר אַ ש ל

ישראל אוודאי געהאַט צופיל פאַראַרבעט...

י ש ר א ל

גראָד אַ לייכטן טאָג געהאַט... די מיל באַצייטנס אָפּגעשטעלט, און זיך צוגעזעצט אָפּרוען, זענען הוריות געקומען אין קאָפּ אַריין, און געמיינט: ס׳אי מיט צוואָנציק יאָר צוריק... נאָר וואָס מיך געהאַט אַריבערגעקליבן אויפן דאָרף, צומאָלט נישט געקומען אויפן רעיון: ס׳זאָל זייז מיין... בלויז געהאַט גענומען די מיל אין פאַכט...

סוויטשעריי פון פייגל.

ר אַ ש ל

און, נישט געווען אַזוי רייך?

י ש ר א ל

יענטל אַליין די קי געמאָלקן, פאַרטריבן די הינער, און אַזוי געוואַרט ביז זי וועט מיר פאַרבעטן ס׳בעט, האָט ס׳האַרץ, צוקוקנדיק, — גענומען קוועלן; די ריחות פון גאָרטן, די קולות אויפן דאָרף, ס׳ריטשקעלע הינטער די מיל, ס׳געדעדריי פון גענז, קאַטשקעס, הינער, און יענטל שטייט, פלאַטערט איבערן בעט, — איז מיר דער קאָפּ געוואָרן שווער, די אברים פול, אָנגעגאָסן, און די אויגן זיך גענומען קלעפּן...

ר אַ ש ל

וואָל איך אפשר ישראלן פאַרבעטן ס׳בעט?

י ש ר א ל

מיטגעריסן

בעט... בעט... בעט... כ׳וויל זען: ווי דו וועסט מיר פאַרבעטן ס׳בעט...

ר אַ ש ל

וואַרפט אַלץ אַוועק און לויפט אין שטוב אַריין, וואו מ׳זעט איר דורכן פענסטער פאַרבעטן ס׳בעט, און מ׳הערט איר זינגען פול מיט פייער

ער זאָל די עפּל רייסן,
ער זאָל די עפּל רייסן.

דער פויער וויל נישט עפּל רייסן, —
און עפּל וויל נישט פאַלן,
און עפּל וויל נישט פאַלן...

ישראל

מיטגעריסן

פונקט ווי יענטל... כע־כע... יענטל איז אויפגעשטאַנען תחית־המתים... ניין... די הויכע יאַשיקעס צוקאַפּנס... כע־כע־כע... אַזוי... איינס... צוויי... דריי... פיר... פיר קישנס!... כ'האָב ליב: דער קאָפּ זאָל ליגן הויך!... ער איז מלך!... דער קאָפּ איז מלך!... און ס'קומט אים העכער... דערהיצט שבת... שבת קודש ביי מיר אין שטוב... פון פלערליי מאכלים טובים איז דער טיש געגרייט... די ליכט קאַפּיען, גייען באַלד אויס... מיין ווייב פאַרבעט מיר ס'בעט... און כ'טו מיר דערווייל זינגען אַ שטיקעלע זמירות... זינגט.

מנוחה ושמחה אור ליהודים,
אוי, אוי, אוי, מנוחה.
אוי, אוי, אוי, ושמחה.

פאַלט אַוועק אין אַ זיסן שלאָף.

ראַשל

לויפט אַרויס, פאַרפלײַמט

ער שלאָפט... און די זון שיינט אים אין פּנים אַריין... מ'ברויך אים אויסטון די שטיוול, — זענען אים אַזוי שווער אויף די פיס...

ר' משה

לערנט ערגעץ געשמאַק

אַ בוים, וואָס הייבט אָן דאַרן, ברויך מע פונם אָפּשניידן די שוואַכע צווייגעלעך, איבערזעצן אויף אַן אַנדערע ערד, — ווו ס'וועט אים בעסער שמעקן...

אָריש

ס'קול זיינס איבער די פעלדער

האָ־אָ־אָ־אָ!

ראשל

גיט זיך א צאפל

דער טאַטע! אָפּ.

ישראל

שטייט; וריק אויף די פיס.

אָריש

נעענטער, האָט אָנגעטראָפן אויף ר׳ משהן

גוט מאָרגן, ר׳ משה... איר טוט עפעס, זע איך, אויף דעם ווערטל, — ר׳שלאָפט נישט; וואויל איז דעם וואָס קען זיך טאַקע אָנגרייטן... קומט אָן.

ישראל

באַלד אַ גאַסט שוין...

אָריש

שטייסט ערשט אויף פון שלאָף?... מילא, דו קאָנסט עס באַהויפטן, — האָסט קיין ווייב נישט... מאָל דיר: אַז כ׳וואָלט גאָר קיינמאָל נישט אַראָפּגעקומען אַהער אַזוי פרי, איז מיר אָבער נישט באַשערט אַזאַ גליק ווי דיר; און אַז גאָט האָט מיר אויך געשענקט אַ שטיק יידענע, — לאָזט ער זי אַזוי אַרומגיין, און רעדן... און רעדן... און וויל זי ביי מיר נישט צונעמען, אפילו אויף קיין האַלבע מינוט אויכעט נישט... ווייסט ער וואָס ער טוט?... ס׳בעסטע שטיקל שלאָף באַגינען, איך קאָן ממש די אויגן נישט צענעמען, — האָט זי זיך געמאַכט אַ מאָדע: מיר אונטערצוגיסן אַ אַ שעפ קאַלט וואַסער אין בעט אַריין, נו?...

ישראל

ביסט, זאָלסט מיר מוחל זיין, אַ גרויסער לעקיש, אַז די יידענע דרייט מיט דיר אַרום ס׳רעדל; ברויכסט דיך שעמען אין ווייטן האַלז אַריין...

אָריש

און דו ביסט אַ חכם, אַ חכם־עתיק, — זיצסט אַן אַלמן; דערנאָך זען: אַז דער האָן וועט זיך אָפּרייסן פון די שטייג צום הינדל, — צי דו וועסט אויכעט אַזוי שיין רעדן?...

ישראל

מיר נישט פאַרזאָגט צו בלייבן אַזוי זיצן...

אָ ר י ש

דערווייל איז שוין באַלד נאָך די צווייטע שלושים, און ס׳פּנים איז ביי דיר וימש חושך, — מ׳קאָן אָנטאַפּן די פינסטערניש דאַרויף... כ׳ווער איינגעזינקען פאַר חרפה, כ׳זע דעם טיש... זיך דאָך אַמאָל באַוואויגן... כע־כע... פאַראַרימט געוואָרן, האַ?... לחם עוני... נעמט קיין מילא, די בעטסט מיך נישט עסן, — וועל איך מיך אַליין בעטן... אַ דרייסטער אורח, אַ?... נעמט לייגן אין די קעשענעס ראַשל! ראַשל! וואו איז זי דאָרטן?... שלאָפט?...

ר אַ ש ל

אין טיר

דער טאַטע!... אזוי פרי געקומען?...

אָ ר י ש

ס׳קאָצל קומט, טעכטערל; אַ ליכטיקן אויפשטאַנד, — ס׳קעצל האָט דיר שוין אויסגעלעקט די אייגלעך?..

ר אַ ש ל

קאַפּריזנע

דער טאַטע ווייסט: כ׳שלאָף קיינמאָל נישט אַזוי לאַנג...

אָ ר י ש

אַ פעפער איז דער טאַטע, אַוודאי... כע־כע... נישקשה, טעכטערל, די בעקלעך בליען... ס׳שמעקט דיר ישראלס קעסט...

ר אַ ש ל

ברוגזלעך

דער טאַטע איז היינט אויפגעשטאַנען אויף די לינקע זייט..

אָ ר י ש

כע־כע־כע... מיינסט אוודאי: כ׳האָב שוין געמאַכט אַ קנאַק־יאַנקל? אסור מיר... ס׳פלעשל איז טרוקן, אַ ביין; אַ רענדל, — אַן עוקץ; דיר דאַכט זיך: ביסט שוין גרויס אָנגעקומען, אַ?... כאָטש ישראל הערט, ס׳זאָל אים צו קיין גנאי נישט זיין... און ס׳פּאַסט דיר שוין נישט צו פרעגן אויף די מאַמע: וואָס זי מאַכט?... אַ?... שוין!.. אַרויס פון טאַטנס רשות!...

ראשל

דער טאַטע האַלט אין איין קלאַפּן מיט די צונג, אַז כ׳קאָן ס׳מויל נישט אויפמאַכן...

אָריש

הער: אַזוי ווי כ׳האָב נאָר אויפגעמאַכט די אויגן, האָט מיך די מאַמע דיינע פון שטוב אַרויסגעיאָגט, — כ׳זאָל דיך אַהיימברענגען; מיט אַ שטעקן פון דאַנעט אַרויסטרייבן; די קראָם בענקט נאָך דיר, גייט אויס ווי אַ ליכט; כ׳האָב שוין קיין מויל נישט צו ענטפערן יעדן איינעם, וואָס קומט אַריין; ס׳מויל ווערט מיד רעדנדיק...

ישראל

צעטומעלט

אָריש, מיינסט עס דיר נישט קיין געלעכטער?

אָריש

אסור! זי יאָגט מיך אַרום ווי אַ סוטה; שלאָפט נישט ביינאַכט; דאָ קומט איר ס׳גהינום צו חלום. לילית שלעפּט איר פאַר די האָר; ראַנגלט זיך מיטן אשמדאי...

ישראל

וואָס איז זי, חלילה, אין אַ מקום-טמא?

אָריש

חלילה! די זאַך איז: זי איז נישט אַליין ביי דיר, ישראל; ס׳דרייט זיך אַרום אַ בחור מיט אַ בתולה אין די גלייכע יאָרן, — מ׳ברענגט מיר שלעכטע גריסקעס; ישראל, מ׳טאָרס נישט דערלאָזן!... אונטער איין דאַך?... ס׳וועט קיין גוטס דערפון נישט אַרויסקומען...

ישראל

אין פאַרלעגנהייט

נו, ס׳אַר עצה גיסטו מיר, אויב כ׳וויל: זי זאָל נאָך פאָרט אַ ביסל איבערבלייבן? וואָס זאָל איך טון?...

אָריש

מאַכן פון זיי אַ פּאָר-פאָלק!

י ש ר א ל

טוט אַ ציטער

אַ פּאָר־פּאָלק ?

ר׳ מ ש ה

וואָס איז נאָך פון פריער אָנגעקומען, גיט אַ זונג

שטיי נישט, מיידל, מע רעדט דיר אַ שדוך. פאַרטרייבט איר מיטן טיכל אַ־שאָ ! ראַשל אָפּ.

אָ ר י ש

מונטערט אים

ישראל, קלער נישט קיין סך, — ס׳אַ גלייכע זאַך ; אינאייַנוועגס זיך פאַר־היילן די וואונדן ; אַ שמחה היילט, איז אַ וואַזשנע רפואה..

י ש ר א ל

גלייכט זיך אויס

גוט, אָריש ; כ׳בין מיך משדך..

אָ ר י ש

קריכט פון די הויט

מזל־טוב ! וואָס שווייגסטו ? אויב יאָ, נישט אַראָפּגעלאָזט די נאָז, — כ׳האָב פיינט איינגעבעטענע זאַכן ; ליגסט טאַקע אויף אַ זאַק געלט...

ר׳ מ ש ה

גלייכער : בסדר פנים יפות. .

אָ ר י ש

אַ ביסעלע משקה ! ר׳ משה, מ׳זעט בפירוש : ס׳אַ שמים־זאַך...

י ש ר א ל

צעטראָגן

כ׳האָב אָבער בדעה זיך אויסצונעמען אַ תנאי, אַ שווערן תנאי ..

אָ ר י ש

מילא, תנאים : מ׳קאָן זיך אויסנעמען, יאָ... נעם ביי מיר ס׳לעבן, בינד מיר צו נ׳קאָפּ, הענג מיר אָן אַ פּעטלע אויפן האַלז, אַז, — קיין גרויסע

זיבן זאַכן האָב איך איר סיי־ווי נישט מיטצוגעבן... ווייסט נישט מיין גבירישקייט? וויל... וויל. פאַרדאָס, זעסטו, ברענגט זי זיך אַליין מיט: אַ פּאָר הענט, אַ האַרץ, אַ קאָפּ האָר, און באַקן... און...

י ש ר א ל

צוגעדריקט

כ׳מיין אָבער, ס׳וואָלט נישט קרום געווען: דיין ווייב זאָל זיין דערביי, — ס׳האַלט ביי אַ רייד, און ס׳ברויך עפּעס דערפון אַרויסקומען, אַ ממשות!

אָ ר י ש

האָ־האָ! זי גייט טאַקע ביי מיר אין די הויזן, נאָר דאָ, זעסטו, קאָן איך מיר מיין שטעטל באַשטיין, אָן איר; מילא, זי זאָל זיין, — וואָלט אוודאי דער הויף פאַר איר צו ענג געווען; גייט זי אַוועק אַ קאָזיקל אָט־אָ־דאָ... כע־כע.. דו קענסט נאָך נישט מיין ווייב... טאַקע נישט מער ווי אַ שטרויענער גזלן, קאָן שטאַרבן פאַר שרעק, זי זאָל זיך טרעפן מיט אַ ווייסע ציג ביינאַכט, נאָר פונדעסטוועגן: אַז דאָס מענטש קומט אין די ברען, איז דאָס לילית; לילית מיט די האָר, מיט די אויגן, אַפילו מיטן יצר־הרע... פאַרברענט זי מיטן קוק, מיטן בלויזן אָטעם... ישראל, מחותן מיינער... וואו האָסטו אַ ביסעלע משקה, ס׳זאָל פאַרברענען!... לויפט ראַשל! ראובעלע! וואו זענען זיי דאָרט ערגעץ? ראובעלע! ראו־בע־לע!

י ש ר א ל

גיט אים אַ נעם פאַר די האַנט

אָריש, רוף מיר נישט דעם יונג...

אָ ר י ש

דערשראָקן

ס׳הייסט? פאָרן אָן חתן אויף די חתונה?

י ש ר א ל

ציטערט

אָריש, כ׳וויל נישט: דער יונג זאָל זיין איר מאַן... כ׳האָב איר נישט געמיינט צו האָבן פאַר קיין שניר... מיטן קוק ר׳ משה...

ר׳ משה

אונטערזינגענדיק

פֿאַרשטאַנען: אַ ווייב...

אָריש

מיט אַן אָפֿן מויל

אַ ?... מיין קאָפּ באַנעמט עס נישט... ער שפּרינגט אויף...

ישראל

שטאַרק

יאָ, אַ ווייב... אַ שטאַרק, געזונט, פֿריש ווייב... ווי כ׳האָב געהאַט אין יענטלען מיט צוואָנציק יאָר צוריק...

ר׳ משה

מ׳האָט עס אים אָבער כּסדר געשפּירט אויפֿן פּנים; נישט געקאָנט אַראָפּ-ברענגען; געוואָרגן מיט די רייד; ביי מיר לאַנג קיין סוד נישט געווען...

ישראל

אַזוי פֿיל יאָרן ווי ס׳האַרץ דאַרט, טרוקנט-איין... און נאָך דעמאָל: כ׳האָב איר געזען, די מויד, ווען יענטל האָט געלעבט, זיך געמוטשעט אויפֿן טויטן בעט, — איז עס שוין געווען געריפּלט, ווי אַ בלאַט...

אָריש

אָבער... ישראל... אַ באַטראָגענער מענטש...

ישראל

וואַקסט

יאָ... אַ באַטראָגענער מענטש, אָבער נישט קיין חרס הנשבר, קיין צע-בראָכענע כּלי... ווייסט גוט: כ׳האָב אַן אומגליק געהאַט אין שטוב, וואָס איז געוואַקסן ווי אַ שוואָם אין די ווענט, אין באַלקן, אפֿילו אונ-טער די פּאָדלאָגע... כע-כע-כע... זאָג: ווען מ׳האָט ביי מיר פֿון אַן עונג שבת געוואוסט?... צי כ׳האָב אַמאָל אַ טיש געפֿירט?... אָדער, אַ געלעכטער מיך אויפֿגעוועקט?... אַ פֿינסטערניש געלעגן אויפֿן הויז, אַ שווערער וואָלקן עס איינגעהילט, און כ׳שרעק מיך נאָך עד-הנה, —

אויב אירע קרעכצן שפּאַרן זיך נישט פון די ווענט איניינעם מיטן ווילגאָטש...

אָ ר י ש

דער קאָפּ שפּאַלט זיך מיר...

י ש ר א ל

פלאַמט

אַצינד: ביי מיר די שטוב אויפגעלעבט, אַ רוח חיים אַ בלאָז געטון, ס׳אַ חשק צו לעב; פ׳קוועלט פון יעדן ווינקעלע, אַ נשמה זיצט אין אַלעם... אַ קלייניקייט: אַ טעלער איז אַ טעלער, אַ גלעזל, — אַ גלעזל, אַלץ האָט אַן אָרט, און אַלץ איניינעם איז אַ זאַך... אַ שטיק חיות. היינט: ס׳מענטש דערין, — אַ מאַמע צו אַלעם.. אירע הענט... גאַנג... איר שטעל...

אָ ר י ש

פאַרזינקט

אַ שווער שטיקל ברויט... זיך נישט גערירכט אויף אַזאַ דין ומשפּט...

י ש ר א ל

מיטן קוק

ר׳ משה!

ר׳ מ ש ה

וועקט אָרישן

אָריש, איין וואָרט...

אָ ר י ש

הילפלאָז

אומגעריכט צוגעפאַלן.. און כ׳ווייס גאָרנישט, ס׳אַר עצה מ׳גיט זיך...

ר׳ מ ש ה

דרינגט מיטן גראָבן פינגער

ס׳קאָן גריילעך געמאָלט זיין: אַז ישראל האָט זיך געבּרויכט אַזוי לאַנג אָנצומוטשען, ווייל דער אמתער זווג זיינער איז ערשט מיט צוואָנציק יאָר שפּעטער געבוירן געוואָרן; און אַז ס׳מיידל איז געוואָרן ראוי לחופה, איז אים ס׳ווייב געשטאָרבן...

טעװל

קומט אַן, גאַװערט

דער ביק שװ-אַ-מט אױ-פן בױ-ך אין די באַג-נע.

ישראל

גײט האַסטיק אָפּ, און קערט זיך גלײך אום, זאָגט עפּעס ר׳ משהן אױפן אױער.

ר׳ משה

װי פריער

אָריש...

אָריש

מער אין זיך

ס׳דרײט זיך אַרום אײן שטיקל מײדל אױפן דאָרף, האָבן בײדע אױך איר אָנגעשפּאַרט...

ר׳ משה

אָריש!

אָריש

שפּרינגט אױף

ראַשל! זי קומט אַרױס אַהײם!

ראַשל

צעטומלט

װי?

אָריש

קענסט נ׳װעג צו די אַלטע קרעטשמע, די מפּולת, — װאו דײן מאַמע זיצט און האַלט אַ קראָם?

ראַשל

עפּעס... אַראָפּגעפאַלן פון דאַך?

אָריש

לאָזט איר נישט קומען צום װאָרט

פרעג נישט קײן שאלות, און כ׳װעל דיר נישט ענטפערן; כ׳האָב דיר-

געזאָגט: אַהיים, — האָט שוין מער דיין פוס נישט געברויכט דאָ זיין...

ר אַ ש ל

הייסט: כ'וועל לאָזן די שטובן אַליין?

אָ ר י ש

דיין דאגה, די שטובן?

ר אַ ש ל

פּאָזט אראָפּ נ'קאָפּ

יאָ, מיין דאגה...

אָ ר י ש

קלערסט אפשר מיט זיי דאָ צו בלייבן? צוגעוואַקסן?

ר אַ ש ל

ברעכט אויס מיט אַ געוויין

כ'וועל נישט אַוועקגיין, טאַטע.

ר' מ ש ה

פון ספר ארויס, זינגט אונטער

אַ פּנים: האָט דאָ איר שורש...

אָ ר י ש

לאָזט זיך אראָפּ אויפן בענקל, שווער

אַזוי? נישט געוואוסט: כ'בין שוין מיט איר אַזוי ווייט פאַרקראָכן...

ר א ו ב ע ל ע

קומט אַן, רוצחישע אויגן

אָריש, נאָך וועמען קלאָגט זיך ראַשקע ס'פּנים?

אָ ר י ש

נאָך דיר, ראובעלע.

ר א ו ב ע ל ע

ר' אָריש!

אָ ר י ש

מאַט

זאָל זיך דיר דאַכטן: ר'האָט דיך צו קבורה געבּרענגט; אויסגענומען אַ גרוב, פאַרשיט, און דו ליגסט אין דרערד, — אַ באַרג...

ר א ו ב ע ל ע

וער, דער טאַטע?

אָ ר י ש

אוודאי נישט דער רב...

ר א ו ב ע ל ע

כ'וויס: ער דערגייט איר די יאָרן... וויל איר נעמען ביי די האַנט וואַרט, ראַשקע... כ'וועל אים שוין צוקאָפּנס שטיין...

אָ ר י ש

דערווייל טרעט ער דיך מיט די פיס...

ר א ו ב ע ל ע

קאַרצט מיט די ציין

מיך נישט געפאָרכטן פאַר גאָט... בנאמנות: ווי מ'האָבן מיר היינט טאָג איבער די וועלט, — כ'וואָלט אים אַדורכגעלעכערט...

ר' מ ש ה

אַ טאַטע?

ר א ו ב ע ל ע

זיין גליק: ר'איז מיין טאַטע, אַ נישט, — לאַנג אויף אים גראָז געוואַקסן...

אָ ר י ש

יעדע זאַך האָט זיך איר מערכה: אַז די באָבע זאָל געווען האָבן אַ באָרד, וואָלט זי געדאַווענט פאַרן עמוד...

ר א ו ב ע ל ע

אַנגערייצט

כ'וואָלט געקענט אַ דונער אַריינוואַרפן: ס'זאָל אים דערהרגענען, ס'גאַנצע הויז פאַרברענען, — מיך נישט אָפּגעשראָקן עס צו טון...

ר׳ משה

לייגסט אים שטיינער אויפן הארץ, אָריש, ר׳זאָל מיינען: ער איז אים דער גאַנצער חייב?

אָריש

יאָ, דער חייב; און כאָטש וויסן: ווער ס׳גייט אויף אים!...

ראובעלע

פאַרבליפט

כ׳האָב געוואוסט, אָריש, ער שאַרפט אויף מיר אַ מעסער... כע-כע... געדענקסט, ראַשקע, ס׳זענען מיך געהאַט באַפאַלן צוויי גזלנים אין וואַלד, און זיך מיט זיי אַן עצה געגעבן, — מיר מיט אים אויכעט אַן עצה געבן...

אָריש

כ׳האָב מורא, אַז נישט..

ראובעלע

גיט איר אַ נעם ביי די האַנט

ראַשקע, וואָס זאָגסטו, אַ?

ראַשל

רייסט איר אַרויס

גאָרנישט, זאָג איך...

אָריש

הייבט אויף ב׳קאָפּ, קוקט איר טיף אין די אויגן אַריין

אַ?

ראובעלע

ציטערט אינגאַנצן

ראַשקע, האָסט פאַרלוירן ב׳קאָפּ? געדענק: ביסט נאָך אַזוי גרויס געווען, האָט אונז שוין די מאַמע ביי׳זאַמען געמאָסטן, און פאַר חתן-כלה גע-האַלטן... כ׳זאָל אַזוי לעבן: ווי כ׳גיי אַוועק צו די מאַמע אויפן קבר, און איר פאַר די אויערן אויפשטעלן...

י ש ר א ל

זײַן קול אין הינטערגרונט, שווער

אַריש! טעוול! דער ביק שטעקט איבער די אויערן אין סאָפּ; כ׳האָב אים פאַרלייגט אַ שטריק איבער די הערנער, — ס׳וועט מיר העלפן אים אַרויסציען.... קומט אָן ציענדיק דעם שטריק.

ר א ו ב ע ל ע

גיט אַ כאַפּ אַ בענקל אים איבערן קאָפּ

טאַטע, וואָס האָסטו דיך אָנגעלייגט אויף מײַנע יאָרן?

ר אַ ש ל

גיט זיך אַ וואָרף און פאַרשטעלט מיט זיך ישראלן

ראובעלע, שלאָג אים נישט...

ר א ו ב ע ל ע

פאַרהאַלט אַ ווײַלע דעם אָטעם, און צעריטשעט זיך ווי אַ לייב, אַנטלויפנדיק אין די פעלדער אַרײַן, וואו די קולות זײַנע צעשפּרייטן זיך.

ר אַ ש ל

זעצט זיך אַראָפּ צו די פיס פון ישראלן, קוקט אַרויף צו אים אַ פאַרפלאָנטעטע, אין פּנים אַרײַן.

פ אָ ר ה אַ נ ג

דריטער אקט

שמחת־תורה־נאַכט.

אין שטוב ביי ישראלן.

פינסטערלעך. אַ הונט בילט ערגעץ, אומהיימלעך.

ר אַ ש ל

בײם פֿענסטער, זיצט

ס׳האָט מיך קײנער נישט געזײט,
כ׳האָב מיר אַלײן נ׳קאָפּ פֿאַרדרײט.

ש מ ח ה ל ע

קומט אַרײן

דער טאַטע נישט גײן הײנט צום דאַװענען? אַ װײלע װאו איז טעװל?

ר אַ ש ל

װאָס ברױכסטו טעװלען?

ש מ ח ה ל ע

ער זאָל מיך אַריבערנעמען צו חיל-אשרן; מ׳גײט שױן באַלד דאַװענען,
און כ׳װיל זאָגן קדיש נאָך די מאַמע...

ר אַ ש ל

הערסט איר ליב געהאַט, די מאַמע?

ש מ ח ה ל ע

שאָקלט-צו מיטן קעפּל.

ר אַ ש ל

און אַצינד, אַז זי לעבט נישט מער?

ש מ ח ה ל ע

שאָקלט-צו מיטן קעפּל.

ר אַ ש ל

ס׳חלומט דיך נאָך אַלץ פֿון איר?

ש מ ח ה ל ע

שאָקלט-צו מיטן קעפּל.

ראשל

אין זיך

טרעט אַלץ נישט אָפּ פון שטוב.

שמחהלע

אַז כ׳בין נישט געזונט געווען, האָב איך געפילט ווי די מאַמע לייגט מיר צו די האַנט צום שטערן, און זאָגט: אַ וואַרים קעפּעלע האָסטו, שמחהל׳ע.

ראשל

אַ טויטע מאַמע, און דאָך אַלץ אַ מאַמע; אַ מאַמע שטאַרבט קיינמאָל נישט; אַ האַלב יאָר נאָכן טויט, און אַז דעם קינד האָט ווײ געטון ס׳קעפּל, — האָט זי אין קבר נישט געקאָנט איינרוען... קושט אין קעפּעלע גע-דענקסט נאָך ווי זי האָט אויסגעזען?

שמחהלע

דער טאַטע זאָגט: אַז ער קוקט אויף מיר, זעט ער די מאַמע.

ראשל

און ביסט נישט בייז, וואָס דער טאַטע האָט מיך אַר״נגענומען פאַר אַ מאַמע?

שמחהלע

כ׳בין יאָ בייז...

ראשל

פאַרוואָס ביסטו בייז?

שמחהלע

ווייל, דער טאַטע שרייט איבער מיר, שלאָגט מיך, און כ׳טאָר אים נישט קומען אונטער די אויגן... מ׳הערט ישראלן פון דרויסן כ׳האָב מורא... אָפּ.

ראשל

מער דער כעס ברענט אין אים, מער שפּירט ער די רוט.. שטיל

ס׳האָט מיך קיינער נישט געבייט,

כ׳האָב מיר אַליין נ׳קאָפּ פאַרדרייט.

ישראל

פון דרויסן, אומרוויק

טעוול, טעוול! קומט אריין חושך! חושך מיין וועלט; אַ שטוב, וואו כ'קום אַריין; אַ גרוב, נישט קיין שטוב... אַ... ראַשל נעמט אַרויסגיין מאַך מיר כאַטש ליכטיק, — מ'קאָן דאָך פאַלן איבער אַ שטרוי, און אַ פוס צעברעכן... זי מאַכט ליכטיק יום-טוב.. ס'וואָר: כ'האָב ביי איר אויך קיין יום-טוב נישט געהאַט, נאָר וואָס האָב איך געקאָנט האָבן צו אַ קראַנק מענטש? טויטערהייט, ווי זי האָט נישט געוואָלט האָבן מיט זיך צו טון, — האָט זי, קוקנדיק אויף מיר, מיטגעוויינט אויף מיין בראָך; טרערן איר די אויגן אויסגעגעסן; און אַ ליכטל האָט ערגעץ געברענט... מ'הערט ס'בילן פון הונט טעוול! טע-ול! דער אָפגעריסענער יונג זאָל דאָס אַ בליק טון, זען: וואָס דער הונט פליקט זיך אַזוי? ר'נעמט דאָך מיר נ'קאָפּ אַראָפּ!... נאָך אַמאָל טעוו-ל! אַז טעוול קומט אַריין וואו ביסטו, איין דרערד זאָלסטו זיין?

טעוול

אויף איינגעבראָכענע קני

אין שטאַל, ביי די קי.

ישראל

ס'זאָל שוין פון דיר ווערן אַ קו, טאַטע-פאָטער! וואָס שפּרינגט אַזוי דער הונט פון די קייט, ווי מ'וואָלט זיך מיטן געריי צט?

טעוול

זשיך פאַרשטאָכן אַ פוזש.

ישראל

לעבן זאָלסטו אַזוי... ס'קומט מיר נאָר אַפיר: ער זעט דעם יונג אויף די אויגן... אַ טיר טוט אַ סקריפּ, דאַכט זיך: דער יונג; אַ גראַטש פון אַ מויז, — דער יונג... כ'ווייס נישט: וואו כ'האָב מיך ערגעץ פאַרן אַהינצוטון... כ'האָב זייער מורא: ער וועט מיר שוין צום איבעריקן דעם טויט מאַכן... גיט זיך אַ ר'ס ראַשל!

ראַשל

קומט

וואָס איז שוין ווידער ס'געשריי?

ישראל

ביסט אַליין דאָ?

ראַשל

זעסט דאָך.

ישראל

אַליין?

ראַשל

ניין; מיט די ווענט.

ישראל

צווישן די ציין

און... ער קומט נישט אַריין צו דיר?

ראַשל

אַז כ׳וועל דיר זאָגן, מיר דען גלייבן?

ישראל

קעגן דיר גאָרנישט האָבן אויסצוזעצן; קומט ער, — וועל איך מיך בלויז זען אויסצוהיטן: כ׳זאָל קיין חרפות נישט האָבן...

ראַשל

אָפּגעהאַקט

ער קומט נישט...

ישראל

קומט נישט?... ברעכט אויס און דערפאַר איז מיר צום טויט... האָב איך קיין מנוחה נישט... צעלייגט עס מיך...

ראַשל

זאָל ער יאָ קומען?...

ישראל

אַז דו זאָלסט זיין ווי מ׳ברויך, און אין דיר האָבן אַ ווייב, פאַרוואָס דען נישט?... איז ער קיין זון נישט?... און ברויך זיך אַרומטרייבן

הינטער די ווענט? אָבער אַז דו ציסט מיט אים? כ'זע אים אין פייער פון דייגע אויגן?

ר אַ ש ל

שווייגט

י ש ר א ל

עך, כ'האָב מיר פריער געבראָכט דעם קאָפּ צו לאָזן אָפּהאַקן, און די הינט מיין לייב צעריסן, — איידער כ'בין מיט איר איינגעגאַנ־גען... כע־כע... כ'האָב געזען אַ מויד, און ווי די שטוב האָט אויפגע־לויכטן אונטער אירע הענט, האָב איך געמיינט: אַז מיין לעבן וועט אויכעט אַזוי אויפלייכטן... אָבער כ'זאָל וויסן: אַזוי?... ס'וועט זיך מאַכן אַזאַ גהינום?...

ר אַ ש ל

שווייגט

י ש ר א ל

כ'האָב צוואָנציק יאָר נישט געוואוסט פון קיין ווייב, נו, האָב איך נישט געלעבט?... אַ קלאָגעדיק לעבן, אָבער, — דער קאָפּ איז דאָך נישט אַזוי־אָ, אויפגעלאָפן.. און מיין אייגן קינדס רציחה נישט געזאָטן איבער מיר, מיך געזוכט איינצושלינגען.. נאָנט פון איר ווילסט אים, וועל איך קלערן עפּעס צו טון... כאָטש: כ'ווייס באַלד נישט וואָס, און ס'געדולד טראָגט נישט אויס צו גאָר... טאַקע חתונה געהאַט, נאָר אַז כ'זע: ס'קלעפּט זיך נישט, ס'איז עפּעס אַלץ צעפאָרן... דער טאַטע איז קיין טאַטע נישט, ס'קינד, — נישט קיין קינד; ס'ווייב קיין ווייב, — וועל איך שוין בעסער באַשטיין אַזוי ווי פריער אָפּצופּינצטערן די יאָרן ביי אַ קאַגאַניקל, און ס'זאָל אויפהערן קאָכן, זידן ווי אין אַ קעסל...

ר אַ ש ל

רייסט זיך אַוועק

כ'וועל נישט לעבן מער... אָפּ.

י ש ר א ל

דערשלאָגן

ס'אי מיר קיינער נישט אַזוי שולדיק ווי ר' משה; דאָס קליינע יידעלע

מיטן קלוגן קעפּעלע, וואָס זעט די גאַנצע וועלט אַדורך און אַדורך, האָט נישט געקאָנט דאָ זען: ס׳אַר שטיין כ׳וועל מיר אָנהענגען אויפן האַלז, מיט איר... *זעצט זיך אַוועק, שווער* כע־כע... *ווערט אויפגעוועקט דורכן בילן פון הונט* נאָר ער בילט אין דרויסן, דער הונט, נאָר ער בילט.. ווער ווייסט: אויב דער יונג קלעטערט דאָ נישט ערגעץ איבער די פלעטער, און וויל מיר אַ שטיקל אָפּטון? *נעמט אָפּגיין און זעט ווי טעוול קריכט אים קנעכטיש נאָך* דאָ ליגן, ווי אַ הונט זאָלסטו דאָ ל גן, טעוול, ווען כ׳בין נישטאָ... *אָפּ.*

שמחהלע

קומט אַריינצולויפן

טעוול, ווער מאַכן אַ קונץ? כ׳האָב ברויט.

טעוול

ווייזש... כ׳וועל זשען. .

שמחהלע

באַווייזט אים

זיך שטעלן אויפן קאָפּ?

טעוול

שוין דיט, שש־מ־ח־ה־לע...

שמחהלע

דערלאַנגט אים

נאַ,

טעוול

פּרעסט, נעמט זיך שטעלן אויפן קאָפּ, פּאַלט־אום, אָפּגעמאַטערט

שוין פאַרגעשן. . שמחה־לע...

שמחהלע

צופרידן

ווילסט נאָך, טעוול?

טעוול

שוין דיט, שמחה־לע...

ש מ ח ה ל ע

גיין אויף די הענט ?

ט ע וו ל

שוין דיט, שמ-חה-לע...

ש מ ח ה ל ע

נאַ דיר, און גיי...

ט ע וו ל

נעמט גיין אויף די הענט, פאַלט-אום און צעהרגעט זיך

פאַרגעשן, שמחהלע... אַלץ פאַרגעשן...

ש מ ח ה ל ע

קוועלט-אָן

ליג אַזוי... דעם קאָפּ אַראָפּ... און שטיי נישט מער אויף... רייט אויפן אויף פאָר, טעוול...

ט ע וו ל

פאַר אַ שאַך ברויט ?

ש מ ח ה ל ע

צוויי מאָל אַרומפאָרן, אַ לאַכמע... שמיצערט הע-טאַ...

ט ע וו ל

פאָרט

שוין, דיט, ש-שמחה-לע...

פ ר ו מ ע ט

קומט אַריין און פאַלט גלייך איבער זיי אריבער

אַ ביין חלאת זאָל אויף זיי ביידע קומען...

ט ע וו ל

וואָס ווילט איר ?

פ ר ו מ ע ט

באַגראָבן וויל איך דיך.

ט ע ו ו ל

באַלד ניש דערלעבן דאַש, פרומעטל ; פריער די פיש אוישטשיען.

פ ר ו מ ע ט

ער ווייסט אָבער אַזוי ווי צו ענטפערן ; מיר, חלילה, נישט שולדיק, בלייבן קיין וואָרט...

ר אַ ש ל

קומט אריין

ס׳האָט מיך קיינער נישט געניית,
כ׳האָב מיר אַליין דעם קאָפּ פאַרדרייט.

זעצט זיך אריין אין פענסטער, קוקן.

פ ר ו מ ע ט

די שטוב, דער יונג, און איר פאַרחושכט פנים, — ס׳אי פונקט ווי צוגע-פאַסט צום רימל... בייז וואָס אי דאָ אַזוי פינסטער? ס׳אי שוין באַלד קיין חילוק נישט פון דרויסן ביז אין שטוב, וואו מ׳קומט אַריין... יום-טוב, און קיין ליכט נישט אָנגעצונדן... מ׳זעט דאָך נישט וואו זיך אויס-צודרייען... מ׳קאָן זיך אַן אויג אַרויסנעמען...

ר אַ ש ל

ווי פריער

ס׳האָט מיך קיינער נישט געניית,
כ׳האָב מיר אַליין דעם קאָפּ פאַרדרייט.

פ ר ו מ ע ט

בייז

זיך אָוועקגעלייגט דער טאַטע ביי חיל אשרן אין שענק, און לאָזט-צו ס׳זאָל אַלץ אונטערגיין... אַ גדולה אויפן, שמחת תורה, — ליגן זיי בייזאַ-מען אויף די קופּע, און זויפן ; אַ גאַנץ יאָר נישט גענומען קיין יידיש וואָרט אין מויל אַריין, מער ווי ס׳דאַוונען : מר... מר... געפּטרט אויף איין צאָן... אַבי יוצא...

ש מ ח ה ל ע

יעדן שבת געליינט פון ספר, אַליין געזען...

פ ר ו מ ע ט

טאַקע גענמאַכט דעם רבונו של עולם אַ קאַפּאָטע! אין זייער זכות קאַטש־קעס מעגן ווינטער גיין באָרוויס, און זיך די פּיס נישט אָנפרירן...
דרייט אים אָפּ אַן אויער וואָס ליגסטו דאָ, דרוּיבע? נישט קיין האַלב יאָר די מאַמע איז טויט, און שוין באַצייטנס אויפגעהערט זאָגן קדיש?

ש מ ח ה ל ע

מיט טרערן

כ׳האָב מורא אין די פינסטער אַליין צו גיין.

פ ר ו מ ע ט

און דער יונג איז דיך קראַנק אַריבערצופירן? אָדער, אויף די פּלייצעס אַריבער צו טראָגן? רייטן אויפן, קאָנסטו?

ט ע ו ל

אָנגערירט

מ׳פרעגט נישט ביי אייך, פרומעטל...

פ ר ו מ ע ט

גיט אים אַ וואָרף אַרויס

כ׳ברויך דיך נישט געניטיק דאָ צו האָבן... פאַרהאַקט די טיר, ווען ער וויל צוריק אַריין אַנטלויף, גיכער...

ר אַ ש ל

געקרענקט

מאַמע, אַ יתום...

פ ר ו מ ע ט

ס׳וואַקסט ווי פּאָקשיווע אויפן פעלד; אַז ישראל האָט אַ פאַרדרייטן קאָפּ מיט זיך צו טון, — דרייט עס זיך אַרום ווי אַ גאַנז אויפן גראָז.

ט ע ו ל

דער רוח איר אָנגעבּרענגט...

פ ר ו מ ע ט

אויף אים

וואָס ליגט ער דאָ איבער מיר? אָנגעטון מיטן אַ שלאָס אויפן מויל, כ׳זאָל מיר נישט קאָנען פון האַרץ אַראָפּרעדן..

ר אַ ש ל

אוודאי אָגגעזאָגט: ר׳זאָל זיך נישט אַרויסרירן, מיך דאָ אָפּהיטן...

פ ר ו מ ע ט

וואָס פאַר אַ חתונות שפּילסטו ווידער אויף, מ׳זאָל דיך ברויכן אָפּהיטן, און נישט טאָרן פון דיר קיין אויג אַראָפּנעמען?...

ר אַ ש ל

אין פענסטער אַריין

ס׳האָט מיך קיינער נישט גענייט,
כ׳האָב מיר אַליין דעם קאָפּ פאַרדרייט.

פ ר ו מ ע ט

אַ סוף, ריר דיך... נעמט אים קאָפּען. נישט קאָנען הײנט זײנע פּטור ווערן?...

ט ע ו ו ל

גיט זיך אַ וואָרף איר בייסן אין אַ פוס.

פ ר ו מ ע ט

שפּרינגט אָפּ מיט אַ קוויטש

אַ הונט, כ׳זאָל אַזוי לעבן...

ר אַ ש ל

ס׳אי בחינם; אַז ישראל וועט נישט הייסן גיין, אים מעגן ברייען מיט אויסגעגליטע אייזנס...

פ ר ו מ ע ט

יום-טוב, אינדערוואָכנס, כ׳לאָז נישט זינדיקן, — ס׳אייגענע מעמד; קוקט נישט אָן קיין יידיש וואָרט, נאָר ס׳פּרעסט... בנאמנות: קוכן!... חלה!... אַזאַ זולל-וסובא... כ׳וויס גאָרנישט, וואו ער טוט דאָס ערגעץ אַהין?... ער ברויך דאָך האָבן אַ מאָגן פון אַ פערד!... כ׳וואָלט געשוואוירן: דער קליינער יונג טראָגט דאָס אים אונטער... און זי לאָזט עס אַזוי געשטאַטן...

ר אַ ש ל

מיין חלק פֿאַרגין איך אים...

פ ר ו מ ע ט

איך פֿאַרגין אים אָבער נישט... אַז ער וועט זיך אָנלייגן די קישקעס מיט אַלט ברויט, וואָס מ׳ווייקט איין פֿאַר די הינער, — נישט געגוג זיין פֿאַרן? בלויז די ברייזעלעך וואָס פֿאַלן אַראָפּ פון טיש, — קראַנק אויפֿצוקלויבן? פון געבעקס גיט מע דאָס צו עסן? נישט קיין עבירה פֿאַר גאָט? איך וואָלט דאָ געברויכט זיין, און מיך האָבן פֿאַר אַ בעל־הביתטע...

ט ע וו ל

גיש באַלד דערלעבן דאָש, פרומעטל.

פ ר ו מ ע ט

אַ מזל, נישט מער; אַז די שטוב איז נישט מיט אַלעם, גריזשעט עס אַראָפּ ס׳פלייש פון לייב, ווי אַ ציג די שאָל פון בוים... פלוצלינג וואָס קוקסטו אַזוי אַריין אין פענסטער?

ר אַ ש ל

גיט זיך אַ וואָרף

ראובעלע!

פ ר ו מ ע ט

דערשראָקן

אים געזען?... אין דער פינסטער אים געזען?... אַ בראָך איז מיר... ער קאָן זיך נאָך אַריינכאַפּן אַהער...

ר אַ ש ל

בייסט זיך די נעגל פון די פינגער.

פ ר ו מ ע ט

ווי פריער

וואו איז ישראל?... קוקט זיך אַרום נאָך איין גליק: וואָס ער איז נישטאָ; אַ נישט, — זיך שוין דאָ מיט די פיס געטרעטן, געוואַלגערט אונטער די בעטן...

ר אַ ש ל

ויך אַזוי אַרומיאָגן: ביז ער וועט אַמאָל פאַלן איבערן, און אים אָוועקלייגן ערגעץ הינטער אַ פלויט..

פ ר ו מ ע ט

כ׳בין אים מקנא, יאָ, — ער איז אָנגעקומען אין דיינע הענט אַריין; נישט ס׳לעבן, נאָר נ׳קאָפ אויכעט שוין באַלד פאַרלוירן...

ר אַ ש ל

באַלד נישט געהאַט...

פ ר ו מ ע ט

מיינסט: ס׳וועט דיר אַזוי געשענקט זיין?.. אוי, דו זאָלסט דיך נאָ נישט פאַרזינדיקן!... גוואַלט פאַר וועלכן שלעכטס קומט עס אים?... ער האָט נישט געקאָנט האָבן קיין ווייב, וואָס זאָל ציטערן פאַר די פאַרע, וואָס ער לאָזט אַרויס פונם מויל?... מ׳נעמט אַ מענטש און מע פייניקט אים, — קוועקזילבער... באַלד פונם אַ שטעקן געוואָרן..

ר אַ ש ל

פאַרוואָס זעסטו נישט, ווי ביי מיר פאַלט ס׳פלייש פון לייב אַראָפ?...

פ ר ו מ ע ט

כ׳מיין דיך טאַקע אויכעט; כ׳קוק אויף דיר, ציט מיר ס׳האַרץ־צו; ביז כ׳האָב דיך אַרויסגעברענגט, און דערלעבט עפעס צו זען פאַר די אויגן.. כ׳ווייס נישט: וואָס זי ברענגט זיך אַוועק?... וואָס, ישראל איז נישט אַזוי ווי ראובעלע?.. ס׳פעלט אים עפעס?... אַן אַנדערע אין דיינע יאָרן, ביי אַזאַ מזל, — וואָלט געלייכט, און דאָס שיינט און גענעצט... אַ פנים זי האָט אויף זיך אַרויפגענומען... ס׳אי מיר אַ חושכדיקע חרפה, כ׳ברויך בלויז לייטן די מיילער פאַרשטופן... כ׳קאָן מיך אין ערגעץ נישט אַרויסווייזן, — מ׳זאָל מיר די אויגן פונם קאָפ נישט אַרויסרייסן...

ר אַ ש ל

טיף געקרענקט

געוועזן פאַרבלענדט... אַ יונגע מויד.. אַ שטיק בלוט... און געצאַפלט פאַרן טויט, כ׳האָב געזען אַ שטוב... נישט געוואוסט: ס׳אי בלויז אַ

שטייג, אַ ליידיקע, אָפּגעריסענע שטייג, און מיך אויפגעכאַפּט אין איר ווי אַ קאַנאַריק פון וואַלד...

פרומעט

צו אַלע שונאימס קעפּ! אסור, כ׳פאַרשטיי אַ וואָרט...

ראַשל

מ׳גיט מיר אַריין עסן, און מ׳וויל: כ׳זאָל זינגען, — לאָזט מיך אָפּ צוריק אין וואַלד, דער פויגל זאָל קענען אַרומפליען, שפּרינגען איבער די צווייגלעך, ועסטו זען, — ווי דער האַלז וועט זיך אים אויפשנירן, און ס׳וועט פונם אַרויסשרייען...

פרומעט

פאַרברעכט די הענט

אַ יידיש ווייבל שוין...

ראַשל

אַראָפּגעפאַלן און פאַרטרויערט

אַ יידיש ווייבל... יאָ, כ׳געדענק עפּעס: אונטער אַ חופה געשטאַנען.. ס׳איז אויף די נאַכט געווען... ערגעץ אין אַ שטוב... אַ מנין יידן פון נאָס אַראָפּגענומען, אַזוי ווי ביי יענטלען נאָכן טויט, ס׳האָט צום קדיש אויסגעפעלט, און דער טאַטע האָט זיך פאַר די טיר אַרויסגעשטעלט, פאַרן אַרבל געשלעפּט...

פרומעט

אַ קליפה, כ׳זאָל אַזוי לעבן; מ׳ברויך דיר באַצייטנס אַרויסשלאָגן די הוריות פונם קאָפּ, מיט אַ שטעקן אַרויסשלאָגן; האָסטו פון מיר אַ צוזאָג: אַז וואָס דיין שלימזלדיקער טאַטע וועט ביי דיר מיט גוטן נישט פועלן, — וועל איך מיט בייזן פועלן...

ראַשל

מאַמע, וואו האָסטו ערגעץ מיין חתונה באַשטאַט? ראַשלס חתונה? און און ס׳כלה-קלייד? דער חופה-טאַנץ? מיין אויסשטייער? יענטלס קליידער ווייגען מיר פון לייב אַראָפּ... כ׳וויל זיי מער נישט טראָגן...

פרומעט

ס׳מענטש איז נישט ביים שכל.

ר אַ ש ל

היסטעריש

כּלי־זמרים וועלן נישט מער שפּילן ביי מיר? און שקצים טאַנצן, אַז דער באַלקן זאָל אויפן קאָפּ אַראָפּפאַלן? די שטאַלן צעלייגן... אַ חתונה, — ס׳דאַרף זאָל זיך וויגן... כע־כע... פון וואַנעט קומט צו מיר ישראל?... מיין חתן איז דאָך ראובעלע געווען... מיט אים בין איך דאָך אין פעלד אַרומגעלאָפן, איינאיינעם זיך נאָך האָזן נאָכגעיאָגט...

י ש ר א ל

פון דרויסן

טעוול! טע־וול! אין מיר אַז איך בין דאָ, זאָלסטו אין דרויסן ליגן; דער יונג וועט מיר נאָך היינט אַ פייער אָנלייגן, און די מיל פאַרברענען..

פ ר ו מ ע ט

ס׳ליגט פאַרקאָפּעט אַ בער די אויערן, און פרעסט..

מ ע נ ד ל

שלעפּט זיך אַרויס

באַלעבוש וועט קאַליע...

פ ר ו מ ע ט

ישראל ברויך נישט זיין אַזוי צעטראָגן... קיין גוט יום־טוב נישט געזאָגט...

י ש ר א ל

כע־כע... יענטל ברויך פון קבר אויפשטיין, און צוזען די יום־טובים מיינע... זיי שטעכן דאָך אַלעמען די אויגן אויס...

פ ר ו מ ע ט

אויסער זיך

בנאמנות, ווי כ׳גיי אַריבער צום טאַטן אירן, און כ׳וועל אים צערייסן ווי מע צערייסט אַ הערינג... זיך צעהיליעט דאָרטן, דער כלאַפּ, מיט די דאַרפס־פויערן, און נישט אַריבערקומען זען דעם חושך, ס׳מעמד דאָ?.. ראַשל, פאַרשטער נישט קיין יום־טוב! ס׳זעט דאָך ביי דיר אויס, ווי ס׳וואָלט דאָ געלעגן אַ מת אין שטוב...

ישראל

זיך אָוועקגעלייגט איינמאָל מיט אַזוי פיל יאָרן צוריק, דאָס מת, און ס׳זעט אויס, ווי מ׳וואָלט עס נאָך ביז היינט פון שטוב נישט אַרויסגענומען...

פרומעט

ער וועט צולאָזן: דו זאָלסט נעמען אַ מענטש און אים צעברעכן, ווי מ׳צעברעכט אַ שאַרבן? אַ געזונטן מענטש ווי אַ בוים?!...

ישראל

אַ גבור געווען, געריסן אייזן ווי פּאַפּיר... אַלע יאָרן וואָס כ׳האָב געכאַפּט קלעפּ ביי יענטלען, געקריגן געשלאָגן מיט אַ ראַפּניק איבערן קאָפּ, — בין איך נישט אַזוי צעבראָכן געוואָרן ווי די עטלעכע וואָכן מיט איר; זי האָט מיך שוין צום איבעריקן אַוועקגעלייגט...

פרומעט

נישט נעמען אויף זיך עפּעס אַ לייטישע קעצקע, און צוגיין ליכט צינדן?... גוואַלט, וועל איך שרייען, גוואַלט אין די גאַסן... און זיך אַ מעשה אָנטון... וואָס האָט זיך דער בידנע יום־טוב קעגן דיר אַזוי פאַרזינדיקט, ס׳זאָל דיך גראָד אָנשפּאַרן אין אים, און אים פאַרשוואַרצן ס׳פּנים זיינס?... ביי די גאַנצע וועלט איז יום־טוב, ליכטיק, און איך וועל אַזוי ברויכן שטיין דאָ, האָבן מיט איר אַן אַרבעט, האָרעווען חמור למשא...

ישראל

כ׳וואָלט מיר פריער געהייסן אויסנעמען אַ גרוב, און לעבעדיקערהייט באַגראָבן, — שוין ווילער געווען...

ראשל

פאַרביסן

מיר, אויכעט.

פרומעט

מיט טרערן

אַ נישט־גוטער זיך אין איר אַריינגעכאַפּט, נישט מער...

ישראל

געזוכט אַ ווייב און געפונען ב׳טויט...

פרומעט

ישראל. ברויך — נעמען צו איר דעם קאַנטשיק אין די האַנט אַריין...

ישראל

וועט ער שטאַרקער זיין פאַרן יונג ?... אַז ער איז איר פאַרט מער איינ־געבאַקן, נו ?... איר נייטן, זי זאָל האָבן מער האַרץ צו מיר ?... כע־כע... געניייטע זאַכן טרענען זיך... כע־כע־כע... ערשט דערנאָך געכאַפּט, וואָס כ׳האָב פריער נישט באַרעכנט: אַז דער טאַטע איז נישט דער זון... כאָטש דער מהלך פון יאָרן מאַכט נישט אַמאָל אַזוי פיל אויס... און מיך נאָך גאַנץ דרייסט געקאָנט פאַרמעסטן מיט יונג בלוט... כע־כע... כ׳זאָל וויסן: ער וועט עפּעס האָבן, אַז כ׳וועל אָפּהאַקן מיט איר, — איז מיין נאָמען נישט ישראל, אויב כ׳האַק נישט אָפּ מיט איר די מינוט; נאָר וואָס וועט אים אַרויסקומען, און ווער דאָ זיין געהאָלפן ?... אַז זי וועט, אַלץ איינס, פאַר אים זיין ווי אין דרערד... מיין זון, בלוט פון מיין בלוט, לייב פון מיין לייב, און מיט... מיין ווייב ?...

פרומעט

ווי מיר נישט, אַ רעגדל, — אַ וואָרט.

ישראל

כע־כע... זי וועט מיטן קאָפּ די וואַנט נישט אַרויסשטופן, וויפיל זי זאָל נישט מיטן אַריינהאַקן... זיך שוין אפילו אָפּרייסן פונם שטריק, דאָס איר אַזוי פיל העלפן, ווי אַ טויטן מ׳זאָל אים האַקן אַן אָדער... פאַרדאָס אָבער, אַז זי זאָל זיך איבערלייגן, און מיך וועלן פאַרשטיין, געבן אַ לאַך, אַזוי, — אַ לאַך אַרויס מיטן גאַנצן האַרץ, אַז ס׳זאָלן זיך נעמען שאָקלען ווענט, הייזער פאַלן, ביימער ברעכן, ווינטן די בלעטער אַראָפּרייסן, — באַווייז איך אַ קונץ: אַז כ׳ווער מיט איין מינוט צוריק יונג, וואַרף פון זיך אַראָפּ גאַנצע צוואַנציק יאָר, און גלייך זיך אויס מיטן יונג... האָט זי נישט דענסטמאָל בלויז אַ יונגנמאַן, נאָר אויך אַן עשירות... אַ רייכקייט...

פרומעט

נישט אַנדערש געוואוינט, די פּריצה; מיט אַ שטעקן די ביינער אויסשמירן...

ישראל

כ'ווייס: אַ יונג ווייבל ביי אַן עלטערן מאַן, וויל זי זיך מיט עפּעס אָנ־דערש אָפּזוכן דעם שאָדן... וועל איך באַשטיין צו פאַרקויפן די מיל, די פעלדער, דעם וואַלד, און אַריבער מיט איר אין שטאָט... אויב נאָר אַ שטאָט זאָל זיין גוט, קוק דיך אַרום וואו און וועלכע, און מיך באַזעצן אין איר, און דיר זען צו פאַרשאַפן די בעסטע תענוגים, אפילו אַזוינע, וואָס איך אַליין, אויב ס'האַנדלט זיך אין מיין'ס פּערזאָן, — וועל זיי דיר נישט קאָנען נאָכקומען... כ'ווייס?... אין קאָטשן מיט פיר פּאָר פערד געשפּאַנט, וועל איך זען, דו זאָלסט פאָרן; דינגען מענטשן, — דיר דעם שלעפער נאָכצוטראָגן, און, ישראלס ווייב, וועט מע זאָגן... ישראלס ווייב... אויף וואָס מענטשן וועלן קוקן פאַרנאַרט...

פרומעט

אַזאַ גליק, און זי ברעקט זיך נאָך אַלץ?... הלוואי, וואָלט עס מיך גע־טראָפן...

ראַשל

רייסט זיך אָפּ

מאַמע, וואָס ווילסטו נאָך פון מיר?... כ'בין דיר גרויס אין די אויגן, אַז דו זעסט מיך אַרומגיין אַ לעבעדיקע אויף די פיס?... כ'האָב ווייניק אים מיט ראובעלען, — קומסטו נאָך און עסט מיר די הויט פונם לייב אַראָפּ?... ער וויל: כ'זאָל זינגען, — מיר אָפּגעבן דעם וואַלד צוריק, די לאָנקע, — דער פויגל קען אין שטייגל נישט זינגען מער; ס'איז אים צו טרוקן און ענג דערין... אָפּ.

פרומעט

מיינט: זי איז שוין מיינע פּטור? דאָרט. אויך טרעפן צו איר... פאַר אַ מענטש קאָן מע זיך אויסבאַהאַלטן, אָבער פאַר אים אין הימל, נישט; געווג האָבן צו בעטן, — ס'זאָל דיר דאָרט אויבן נישט גערעכנט ווערן...

אָפּ נאָך איר.

ר' משה

לאָזט זיך הערן

שישו ושמחו שמחת תורה... טאַנצט אַריין טאַקע רעכט: אַ גאַנץ יאָר שיכּור און פּורים ניכטער... כע־כע...

ישראל

זיך אויכעט אַמאָל משמח געווען... צו אַ רבין געפאָרן... אָבער, שוין לאַנג, זייער לאַנג... צוואָנציק יאָר צוריק... אַ יונגערמאַנטשיקל געווען... ביים שווער אויף קעסט.... יענטל געשיינט, אַ מלכה... כע־כע... אַ גוטע זאַך געדענקט זיך... בלייבט איינגעקריצט אין זכרון... און איז אַזוי פריש, ווי ס׳וואָלט פאַר אַ ווײַלע געווען...

ר׳ משה

מיטן ניגון זיינעם

געווען, ס׳איז און ס׳וועט זיין...

ישראל

נאָך מיין טויט...

ר׳ משה

גייט אַרויס פון די כלים

קום דאַווענען! ס׳גאַנצע גלות האַלטסטו דאָך אויף! מ׳זאָל זיך אַזוי אַצינד נישט שטעלן זאָגן, -- דערנאָך נישט זיין מיט וועמען; בלייבן ליגן אונ־טער די טישן, טויט־שיכור, די דאָרפסלייט...

ישראל

ס׳ערשטע מאָל ווי כ׳פעל אויס ביים דאַווענען?... פארטראַכט איינמאָל אַריינגעפאַלן אין אַ חולאת, און וואָס גיכער מע טרייבט איר אַרויס פון די איינע, — פאַלט זי נאָך גיכער אַריין אין אַן אַנדערע, אַן ערגערע...

ר׳ משה

אַ קלאָג דאָ איז...

ישראל

יענטלס קלאָג... אַלץ ניי געמאַכט, און זי הערט נישט אויף פון אַלעם אַראָפּצוווייבען, יענטל; זיצט און קלאָגט זיך ס׳פנים, — יענטלס קלאָג...

ר׳ משה

פארנעמט זיך אויף אים

אַזוי לאַנג דער יונג טרעט נישט אָפּ, זיין שאָטן רוט הינטער די ווענט, — וואַקסט די מרה־שחורה ביי איר אונטערן האַרץ; גיטס איר קיין רו נישט... אינאיינעם געוואַקסן, ... און פון די מאַמע אַ צוזאָג געהאַט: חתן־

כלה... וואָס ווילסטו?... אַ קינד אין וויג קאָן זען: מ׳האָט אָפּגעבראָכן אַ צווייגעלע פון ביימעלע, — ווי ס׳צווייגעלע טרוקנט באַזונדער, און ס׳ביימעלע דאַרט באַזונדער... ביידע אינאייינעם וואָלטן זיי אַ קיום געהאַט, און נושא־פּירות געווען...

ישראל

כע־כע־כע... פאַרוואָס זענט איר פריער נישט אַזוי קלוג געווען?... און געלערנט דעם פּשט?... אַ קלוגער ייד, ר׳ משה, אַ?...

ר׳ משה

ס׳אי נאָך, חלילה, נישט מיט אַלעם פאַרפאַלן...

ישראל

און, ווי אַזוי קאָן ס׳ביימעלע צוריק גאַנץ ווערן?...

ר׳ משה

מיטן ניגון זיינעם

אַז מ׳זאָל עס איבערזעצן, און ס׳צווייגעלע ווידער ערגעץ אַנדערש פאַרשטעכן...

ישראל

אָ, כ׳זאָל דאָס קאָנען באַהויפּטן... פאַר מיר גאָרנישט צו־טייער געווען... עגדערט שמואל קצב איז אין דרויסן געווען צונעמען ס׳ביקל, און אים געזען, — האַלט ער׳ס נישט אויס, און וויל אים דורכויס אָנקריגן פאַר די מויד זיינע... וואָס זאָל איך אייך זאָגן, ר׳ משה?...

ר׳ משה

אוודאי, עין לא ראתה...

ישראל

ראַשל איז אַ הונט קעגן איר... האָט נישט אין איר גאַנץ לייב־און־לעבן, וואָס יענע אין קלענסטן פינגערל... נאָך דאָס נישט געזען זינט די אויגן זענען אָפן... מ׳נעמט צו אַ שטיק געזונט, — מ׳רעדט בלויז מיט איר...

ר׳ משה

און פאַרוואָס מאַכסטו אים ווידער נישט חתונה?...

ישראל

ס'אי גוט צו מאַכן... כע-כע... יענער איז מיט מיר אויף מעסער-שטאָך.. כ'זע אים, — נעמט זיך אונטער מיר וואַרפן הענט און פיס, און כ'מיין, — כ'שפּיל מיטן לעבן און טאַנץ מיטן טויט...

ר' משה

וואויוועס נישט, ישראל, — מ'טאָר נישט אַזוי אַרומבּרויען...

ישראל

ווי פריער

כ'דערשפּיר דעם רויען כעס, אַז כ'דערזע אים, ס'בלוט הייבט אָן זידן, הענט און פיס מיר ציטערן, און כ'האָב מורא: איינער פון אונז ביידע זאָל נישט ס'באָד אויסגיסן.

טעוול

וועלכן מ'הערט פון דרויסן לויפן מיט אַ געשריי

בעל-הביש! פּאַלט אַריין צעדמט, — ס'בלוט יורושעט אים איבערן פּנים מיט אַ מע-שער...

ישראל

ווער האָט דיך אַזוי צוגעכט געמאַכט?

טעוול

קייכט

ראובעלע פוי-ער...

פרומעט

אויף די שוועל, מיט אַ גוואַלט

אים גע-שאָכ-טן!...

טעוול

שטייט קוים אויף די פיס

געזש-ען ביי די שטאַלן...

ישראל

כאַפּט אַ האָק

אַצינד קומט זיין טויט...

ר׳ משה

כאַפּט אים אָרום

נישט מיט די האַק וועסטו ביי אים אויסנעמען..

ישראל

זיין טויט אָדער מיינער; איינער פון אונז ביידע איז איבעריק, און ברויך נישט לעבן אויף די וועלט... אָפּ, נאָך אים, — ר׳ משה, טעוול.

פרומעט

פאַרבראָכן

אַ בראָך האָט מיך געטראָפן! צעטראָגן ראַשל! ראַשל! ס׳וועט איר שוין נישט געשטיין דערפאַר... ראַשל אין טיר גזלן, זיי וועלן זיך דאָך ממיתן איבער דיר... כ׳מוז שוין אַריבערלויפן צו חיל אשרן, און מאַכן אַ גוואַלט; ס׳גאַנצע דאָרף שטעלן אויף די פיס... פאַר די אויערן אים ברענגען צו שלעפן... אָפּ, וואו מ׳הערט איר שרייען אָריש! אָריש!

ראַשל

אַליין, שטייט פאַרזאָרגט.

ראובעלע

שטעקט אַריין ג׳קאָפּ דורכן פענסטער

ראַשקע...

ראַשל

פאַרצאַפּלט

ראובעלע!

ראובעלע

קריכט אַדורך

דיך געשפּירט אַליין אין שטוב, ראַשקע...

ראַשל

דיך אונטערגעשטעלט אַהער אַריינצוקומען?... מיטן קאָפּ צום לייב אין מויל אַריין?... די מינוט דיר אַרויס אַקעגן מיט די האַק, — ס׳בלוט האָט אינם געזאָטן פאַר רציחה...

ר א ו ב ע ל ע

כ׳שטיי אין דרויסן אויף דעם רעגן, אויף די פלאַגע, און ס׳האַרץ פלאַטערט מיר ווי ביי אַ טויב... כ׳מיין אַלץ: ער גייט שוין אַריבער צו חיל-אָשרן, און כ׳וועל מיך קאָנען אַריינכאַפּן צו דיר..

י ש ר א ל

פּוי דרויסן, שטורמיש

ע-הע! פּאַ׳דשטעקט ערגעץ הינטער אַ וואַנט... פון אונטער דרערד וועל איך אים אויסגראָבן...

ט ע ו ו ל

קומט אַריין, טוט אַ קוויטש

באַ-לע-בוש!

י ש ר א ל

גלייך נאָך אים, בלייבט שטיין, — ווי ס׳בלוט וואָלט אינם געזעצט געוואָרן.

ט ע ו ו ל

גיט זיך אַ וואָרף מיט אויסגעזעצטע אויגן, און בייסט זיך איין מיט די ציין אין זיין פוס

מיט אַ מע-שע-ר..

ר א ו ב ע ל ע

גיט אים אַ וואָרף אַוועק

טעוול נאַר, מין געוירשנט נאָך די מאַמע; גייט מיך פּאַרטרייבן פון די שטאַלן...

ט ע ו ו ל

היילט ווי אַ הונט

ראובעלע פויער... פוי-ער..

י ש ר א ל

באַהערשט

שטיי אויף, טעוול! נאָך אַ ווײַלע אַ סוף, שוין בלייבן ליגן? ווען ער שטייט אויף אויף דיין מקום!

ר א ו ב ע ל ע

אין שטאַל אַריין!

ט ע ו ו ל

הילפלאָז, שאַרט זיך אַרויס

באַלעבוש איזש קאַליע..

ר א ו ב ע ל ע

ברומט

אַזאַ מאַלפּע...

י ש ר א ל

פאַרשטיקט

אַראָפּגעלאָזט די קעפּ פאַרשעמט, אַזוי ווי ביי אַ מעשה־רע געכאַפּט.
שטיל אָפּגעהיטן דער תנא, כ'האָב אַרויסגעשטעקט די נאָז...

ר א ו ב ע ל ע

טאַטע, ביסט אַ נאַר.. כ'ברויך גראָד אָפּהיטן ווען דו גייסט אַרויס פאַר די טיר, — אַז כ'האָב גאַנצע טעג, דו פאָרסט אין שטאָט אַריין...

י ש ר א ל

פאַרבייסט די ליפּן

טאַקע אַ קלער: צי דו קומסט נישט אַהער..

ר א ו ב ע ל ע

זאָל איך פוילן יונגערהייט אין דר'ערד, אויב מיין געביין איז נאָך דאָ געוועזן...

י ש ר א ל

כ'וועל דיר באַלד גלייבן...

ר א ו ב ע ל ע

און אַז יאָ, טאָר איך נישט?

י ש ר א ל

ניין, דו טאָרסט נישט..

ר א ו ב ע ל ע

ס'אי דאָ מיין שטוב, די מאַמעס שטוב...

ישראל

אויפן בית-עולם.

ראובעלע

דיר אַלץ געבליבן; זיך גאָרנישט מיטגענומען אויפן בית-עולם...

ישראל

ווילסט אפשר אַ חלק אין די ירושה? כ'לעב נאָך דערווייל און בין נישט געשטאָרבן.

ראובעלע

טאַקע אַ שאָד, וואָס דו לעבסט נאָך...

ישראל

גיט אים אַ לייג אוועק צו די ערד

שטום זאָלסטו ווערן, גראָבער פליגל, וואָרן כ'מאַך דיר דאָ גלייך נ'טויט אויפן אָרט...

ראַשל

טוט אַ קוויטש.

ישראל

לאָזט אים אָפּ און וויל איר איינגעמען

ראַשל! ראַשל! כ'וועל אים נישט טון גאָר... צאַפּל נישט... אים דיר נישט אויפעסן... פירט איר אַרויס בלויז מיטן רעדן אויג אויף אויג...

ראַשל

כלישניעט

נאָך די ערד ביי אים קילן... אָפּ.

ישראל

בלייבט שטיין, קוקט אים לאַנג אין די אויגן

וואָס ווילסטו? גייסט מיר נאָך ווי אַ רוצח... כ'לייג מיך-צו הינטערן פענסטער, צי אויפן פעלד, שפיר איך אַ האַק איבער די שלייפן... וואָס ווילסטו האָבן, פרעג איך דיך?

ר א ו ב ע ל ע

ראַשקען.

י ש ר א ל

מיין טויט, גיכער.

ר א ו ב ע ל ע

אַרט מיך אויכעט נישט...

י ש ר א ל

פאַרבייסט די ליפּן

אָפּגעריסענער נאַר וואָס דו ביסט ; ווייסט נישט, דאָס פון קברות נעמט מע נישט צוריק ?, איר אפילו געבן אַ גט, — דיר שוין אָנוואַקסן אַ האָרן אויפן שטערן ?...

ר א ו ב ע ל ע

שפּעטער זען...

י ש ר א ל

גלייב מיר : כ׳גיי אַרום און עס מיך אויף לעבעדיקערהייט, וואָס כ׳האָב דיר דאָס געהאַט צו טון... בלוט רינט פון האַרץ, — רויט, שוואַרץ בלוט...

ר א ו ב ע ל ע

רעדן קאָסט קיין געלט נישט...

י ש ר א ל

פייניק מיך נישט... לאָז מיך שוין צום איבעריקן אָפּלעבן די פּאָר יאָר מיינע... קיין סך נחת האָב איך דאָך, ווייסטו, פון לעבן מיינעם, קיינמאָל נישט געהאַט.. מיר געבליבן די פּאָר יאָר, וואָס ברויכסטו נאָך אויף זיי די האַנט אַרויפלייגן ? אַ סוף, — לאָז מיך שוין ווי־ס׳איז זיי איבערקומען... פריי דיך, אַז כ׳וועל מיך שוין לאַנג נישט דערהאַלטן... קאָנסט זען ווי כ׳ווער געל. די גאַל צעגייט אין מיר, — כ׳מוז שוין אוודאַי מער קיין גאַל נישט האָבן... *גיט אַ וויש איבערן קאָפּ* און די האָר גייען אויס, כ׳שטאַרב אָפּ צוביסלעך...

ר׳ מ ש ה

קומט אָן

באַ ! גאָרנישט אַזוי פיל געטרונקן, ווי דער קאָפּ האָט זיך מיר פאַרדרייט...

י ש ר א ל

מיטן קוק

ר׳ משה...

ר׳ מ ש ה

פאַרהערט

כ׳גיי אַזוי מיטן הויף אונטנאַרומעט, און ווייס: אַז דער פּלויט איז פון די רעכטע האַנט, די שטאַל אויפן פּנים, — און, אַ פּשיקרע זאַך: כ׳טרעף נישט צו דער טיר?... כע־כע... שמחת־תורה, און די סטרא־אחרא זאָל האָבן שליטה?... ערשט דערנאָך געזען: די לאַמטער מיר אָפּגעטון אַ שפּיצל... עמעץ איר אויפגעהאָנגען אויפן בוים, און געמיינט: זי הענגט ווי תמיד אויף די שטאַל... צו ראַובעלען דיין מלאכה געווען?...

י ש ר א ל

ווי פריער

ר׳ משה!

ר׳ מ ש ה

אים דאָך אַרויס אַנטקעגן, און ווי אַ נאָך קומט ער אַהער?... די לאַמטער אויך אָפּגעטון אַ שפּיצל?...

י ש ר א ל

פינסטער

האָט שוין זיינע וועגן...

ר׳ מ ש ה

פאַרנעמט זיך

מילא: ער קומט אַריין, ס׳אוודאי נישט גלייך; אָבער, דאָס אַרומדרייען זיך זיינס הינטער די ווענט, איז נאָך ערגער; ביסט מיט אים, — איז כאָטש דער עול נישט אַזוי גרויס; אָבער ווען ער שפּירט זיך הינען, און דו ביסט גאָר, כ׳ווייס, וואו?... ווי גרויס איז דער עול?...

י ש ר א ל

ווי אַזוי וואַרפט מען אים אַראָפּ, דעם עול?

ר׳ מ ש ה

אַ שווערע הלכה.

ישראל

ווי פריער

און מע צעשפּאַלט אים דעם פויערשן קאָפּ זיינעם, ער זאָל וויסן: זי איז פאַר אים טויט מיט אַלע טויטע צוגלייך?

ראובעלע

איך ווייס איינס: אַז דער טאַטע האָט מיר געקאָנט צונעמען מיין כלה, מעג איך זי וועלן אָפּנעמען פון אים, אפילו ווען זי איז זיין ווייב...

ר' משה

דערציטערט

און מיט דעם ביסטו אַ ייד?... געדענק, שייגאָץ איינער, דאָס ווען זי זאָל שוין קריגן אַ גט, — איז זי אויכעט פאַר דיר אסור וחזיר...

ראובעלע

נאָך אַצינד זיך נישט פאַרדאַרבן מיט איר...

ישראל

און ער גייט נאָך איינטענהן מיט אים, אַ?... פאַרלייגט נ'קאָפּ אויף איר, און אויב נישט זי, — איז רעכט: די שמד... כע-כע... שמואל קצבס טאָכ-טער טויג נישט, נאָר דעם בלינדן בעבאַטשס שיקסע, אַ?...

ראובעלע

דערציטערט

די בלינדע קייטש מיט די קרומע פיס, יעפּקע? נישט דערלעבן באַלד דאָס...

ישראל

זוכט אים אָנצורייצן

אים אַ סך פרעגן, מיינט ער, אַ'?... דער בלינדער ערל איז געענוג כיט-רע... האָט זיצן אין שטוב אַ בוגרות, וואָס אַלע שקצים ברעכן פאַר איר, מילא, — עפּעס האָבן אַ שלעכטן מאַן אין אים?... זיך אַנטקעגנשטעלן?... אים אַריינגיסן אַ גלעזל, און נאָך אַ גלעזל, ביז ער וועט אַוועקפאַלן, און נישט וויסן דערנאָך פון זיינע הענט און פיס צו זאָגן; און ווי אַרו-מעט זי איז זיין ווייב געוואָרן?

ר' משה

און טאַקע בלא יודעים,

י ש ר א ל

און אַז ר׳וועט וועלן אַוועקגיין, — אים אָנבינדן אויף אַ קייט ביים פוס פון בעט: דאָ ליג, הונט איינער...

ר׳ מ ש ה

שפילט אים אונטער

איזהו חכם, הרואה את הנולד...

ר א ו ב ע ל ע

פאַרביסן

מיך גאָרנישט ברויכן אָנצושיכורן... כ׳וועל אַזוי אַריינגיין מיט איר אין טמאה, פאַר אַלע אין די אויגן, דער גלח זאָל אונז שווענצלען, נו?...

י ש ר א ל

אַ גרויסע חכמה באַווייזן: די מאַמע פון קבר אַרויסוואַרפן...

ר׳ מ ש ה

באַ! מיינסט אוודאי, ס׳איז אַלץ לאָקשן-קודש? קוק אים אין מויל אַריין, יאָ... כ׳גלייב אים, אסור, נישט קיין האַלב וואָרט.. ער רעדט?.. כ׳האַלטס אים נישט פאַר קיין עוולה.. *צו ראובעלען* וואָס טוט מע, ווען ס׳איז איינגעבאַקן אין האַרץ, און מ׳האָט חתונה, און אומאויסגערעדט, — ס׳ווייב ווערט אַוועקגענומען? נו, קומט זיך שוין דערפאַר אויף אייביק ס׳לעבן צו פאַרשווערן? מ׳ברויך ווייט גיין? דיין מאַטע, — שטייט ער דיר פאַר די אויגן... איז אים זיין ווייב נישט געווען קיין יפת-תואר? און באַלד נאָך די חתונה אָנגעהויבן קרענקען, און נישט באַלד, — נאָר ערשט אין צוואָנציק יאָר אַרום געשטאָרבן? אַז ער האָט נאָך געמוזט בעטן שטילערהייט אויף איר טויט!... תפילה טון בלחש: מ׳זאָל איר צונעמען פון די וועלט... נו, קאָן מע עפעס וויסן: וואו עקשנות און וואו מזל איז?

י ש ר א ל

לייגט אַראָפ נ׳קאָפ אויפן טיש.

ר א ו ב ע ל ע

ציטערט אינגאַנצן

שוין אַ כלה געווען, ר׳ משה..

ר׳ משה

איין טאָג זיין בייזאַמען מיט אַ ווייב, איז מער ווי אַ גאַנץ יאָר מיט אַ כלה... וואָס איז אַ כלה?... תנאים... מ׳גיט זיך אַ וואָרט... אַ צוזאָג... און אַז מ׳טענהט חרטה, — ברויך מע זיך בלויז מוחל זיין... אָבער אַ ווייב, שייגאַץ איינער, איז קדישה... שוין ביי אַ גט, וויינען אַלע זיבן הימלען... פונדעסטוועגן, אַז ס׳שטאַרבט אַ ווייב, ווערט זיך דער מאַן מיטלייגן אין גרוב אַריין?... ניין, האָט די תורה געזאָגט: דו מוזט ווייטער לעבן... און אויב ס׳האַרץ איז לכתחילה פאַרשוועכט, איז דערנאָך... דערנאָך... צוריק אויפשטיין, אָנטון די בגדי־מלוכה, ווערן דער האַר פון הויז, קוקן מיט די אויגן אין גאָטס וועלט אַריין, זיך בענטשן אין איר, און טראַכטן וועגן ווייטערדיקן קיום הדור...

ישראל

פלאַצט אָפן אַרויס מיט אַ געוויין.

ראובעלע

טאַטע, הער אויף כליפּען, — כ׳וועל מיר אַ מיתה אָנטון...

ר׳ משה

אויפגעטרייסלט

אַזוי ווי תשעה־באב, בנאמנות... צו קינות...

ישראל

לאָזט זיך לויפן

כ׳וועל גיין וואו די אויגן וועלן מיך טראָגן...

ר׳ משה

פאַרהאַלט אים

כ׳בין שוין באַלד מיט אים אַדורכגעקומען, — שפרינגט ער ווידער פון די הויט..

ישראל

מיט אַן אָפן מויל

אַדורכגעקומען?... און, ער באַשטייט?...

ר׳ משה

גלייך אויף צומאָרגנס, אסרו־חג נאָך יום־טוב, מ׳וועט פאָרן אין שטאָט אַריין, זאָלסטו שיקן אַ שליח צו שמואל קצב, — ער זאָל צוגרייטן, אין אַ מזלדיקע שעה, די תּנאים.

ישראל

גיט אים אַ פאַל אַרויף אויפן האַלז

עלעהיי, וואָלט מיר דיין מאַמע געלעבט, און געווען געזונט, — און צו דיר עפּעס געהאַט ?...

פרומעט

פון דרויסן

אַרבעט מיטן, אַרבעט, — באַלד ס׳לעבן זיך אָפּגעריסן ; אויף אים אַזוי געברויכט אַרויסצוקוקן, — די וועלט פריער געקאָנט אונטערגיין...
קומט אריין, — אָריש פאַלט אַריבער די שוועל שלעפּ אים, שלעפּ, — פאַלט איבער די פיס ; דריי מאָל פון די בלאָטע אים אויפגעהויבן...

אָריש

בגלופין

שישו ושמחו בשמחת תורה ; תורה איז די בעסטע סחורה...

פרומעט

שטעלטן אויף די פיס

שיכור, — לוט.

אָריש

נעמט ארויס אַ פלעשל, טרינקט

שמחת תורה איז אַ מצוה צו טרינקען.

פרומעט

אַלע מצוות היט ער.. טפו.. דער בראָנפן זייערט פונם אַרויס ; אַריינגעכלייעט אין זיך מיט אַ שעפּ..

ישראל

ר׳ משה, טוט מיר אַ טובה : און גייט מיטן אַריבער צו חיל אשרן, זאָגט: מ׳זאָל זיך אויפהאַלטן מיטן דאַוונען, — כ׳וועל אוודאי אַליין אויכעט באַלד אַריבערקומען...

אָ ר י ש

נישט משיחס צייטן ? אַ לייב מיט אַ שעפּס אינאיינעם ?

פ ר ו מ ע ט

פאַרבליפט

ר׳ משה, איבערגעבעטן ?

ר׳ מ ש ה

איר קאָנט אים זאָגן מזל־טוב, און זיך גרייטן אויף תנאים.. *אָפּ מיט אים.*

פ ר ו מ ע ט

ציט אָפּ דעם אָטעם

געליבט זיין ליבן נאָמען, כ׳בין נישט ווערט צו מעלדן, געפּטרט מיט הוילע שרעק... בחינם געהאַט הארצקלאַפּונג... ס׳זאָל מ׳ר נאָר זיין פּאַר אַ ריין אָפּקומעניש... געלאָפן, — נישט טויט, נישט לעבעדיק, אים גע־שלעפּט ווי מיט שטריק... געמיינט: כ׳וועל דאָ טרעפן אַ טייך בלוט... אַ שעכטהויז... *קוקט זיך אַרום* ראַשל, וואָס וויל זי ווידער אַצינד ? ב״ה אַלדאָס גוטס, — קריכט זי אַריין אין אַ ברוגז... *רופט* ראַשל !

אָ ר י ש

אויפגעלייגט

וואָס ווייסטו נישט ? ס׳אַ יונגע קאַטשקע, אַ פערדל... אוודאי איבערן דעת, כע־כע. . צו שטאַרק די מאָס געגומען. . ס׳גייט באַלד אויף תכלית, ישראל.. *קלעפּט זיך צו אים* אַ יורש עצר...

פ ר ו מ ע ט

שלעפּט אים אַוועק

טפו, שיכור...

אָ ר י ש

ווי פריער

ישראל, מיט אַ חשבון... געדענק וואו דו האַלסט... ביסט צו פיל אויס־געהונגערט, און דאָס איז אַ יונג קאַלב... האָט יסורים. אוודאי שטאַרק דערקוטשעט...

פ ר ו מ ע ט

פאַרקלאַפּט אים

לאָז לויפן ס׳מויל אויף שרויפן, לאָז; ביי אַ שיכור פאַראַן עפּעס אַ סוד? וואָס ביי אַ ניכטערן אויף די לונג, ביי אַ שיכור אויף די צונג...

רעדט מיט ישראלן אויפן אויער.

אָ ר י ש

לעבעדיק

פאָלג מיך, ישראל, און קום אַריבער צו חיל־אשרן; כ׳בין דיר מבטיח: אַז נאָכן ערשטן כוס וואָס די וועסט אַריינוואַרפן, — וועט דיר גרינגער ווערן מיט עטליכע פונד..

י ש ר א ל

טריב

ווי צו דעם הויז וואו ס׳ברענט אַ פייער אינעווייניק..

פ ר ו מ ע ט

אָרישן

משוגענער, ס׳הייבט זיך דאָך גאָרנישט אָן...

אָ ר י ש

אַזוי גאָר? אַזאַ בחורטע איז זי?...

פ ר ו מ ע ט

ס׳בייזע בלוט אַרבעט אין איר אַרום...

אָ ר י ש

ברויך מע איר אַוועקלייגן איבערן טיש, און אַריינרייבן אחת ואחת, אחת ושתים, — קיין שום זכות נישט... קלאַפּט אין טיש אַריין ראַשל!... גיי, ברענג זי מיר אַהער, די פריצה.. פרומעט אָפּ נאָך איר.

י ש ר א ל

איך גיי איר אַוועק פון אונטער די אויגן; כ׳וויל נישט זיין דערביי...

אָ ר י ש

זיי דאָ, שוטה; איך וועל שמייסן און דו וועסט ציילן...

י ש ר א ל

ס׳האַרץ טראָגט נישט אויס... אין די טיר טעוול! נעמט אַרויס פון די שאַנק אַ זיידענע קאַפּאָטע, טוט זיך איבער, גאַרטלט זיך אַרום אדרבה, פועל עפּעס ביי איר... אַ קרעכץ כ׳זאָל נאָר ווערט זיין ביי גאָט: אויפגעריכט צו ווערן ביי מיין לעבן... אַז טעוול ווייזט זיך אַריין כ׳לאָז דיך דאָ איבער, טעוול; חלילה, עפּעס, — בין איך ביי חיל־אשרן. . אָפּ.

ר אַ ש ל

קומט אַריין, צעטראָגן.

פ ר ו מ ע ט

נאָך איר

שטאָק ברוגז! מ׳ברויך באַשטעלן כלי־זמרים, זיי זאָלן איר אויפשפּילן אַ ברוגזן קאָנטער...

אָ ר י ש

באַנומען

ראַשל, אַ מדובר האָב איך מיט דיר געהאַט, — נ׳טאַטן זאָלסטו עס נישט טון; דער גרעסטער כנגד אַליין געווען; מיט אַלע כוחות מלחמה גע־האַלטן, מילא, — זאָלסטו ווידער נישט אויפשפּילן קיין חתונה אַצינד...

ר אַ ש ל

וויינט שטיל.

פ ר ו מ ע ט

ירמיהס קלאָג.

אָ ר י ש

קיין האָניק האָב איך קיינמאָל נישט געלעקט ביי אייך... ביי אַלע דיינע ברידערלעך, שוועסטערלעך, אַז זיי זענען נאָך ווערים געווען, — האָבן זיי מיך נישט ווייניק צעבראָכן מיט זייערע קרענקען; דיין מאַמע האָט מיט זיי געשפּייזט די ערד, און נאָך יעדעס באַזונדער אויפגעשטאַנען פון די שבעה, — אַ מת; אַצינד: דו זעסט מיך אַרומגיין, אָבער מיט אַ שנעל לייגסטו מיך אַוועק; און אַז ס׳זאָל מיר צופאַלן אַ פּיצעלע עגמת־נפש, — בין איך איינגעשטעלט, אינגאַנצן אויס מענטש..

פרומעט

ס׳לאָזט אַזוי אין זיך אַריינרעדן...

ראשל

פלאַצט אַרויס

טאַטע, ס׳אי מיר ענג דאָ; סטראַשעט מיך אַרויס; כ׳בלייב אַ רגע אַליין, דאַכט זיך מיר: יענטל שטעלט אויף מיר אויס אַ פּאָר אויגן, איינצוּושלינגען... כ׳שפּיר: ס׳לאָזט איר אין קבר נישט איינרוען.. ס׳הייבט איר אונטער, ס׳וואַרפט איר אַרויס...

פרומעט

אַן איינרעדעניש איז ערגער פאַר אַ קרענק...

ראשל

כ׳וויס: די מאַמע וועט מיר נישט גלייבן, אָבער דו, טאַטע, שיינער טאַטע, הערסט, כ׳זאָל וויסן: מ׳וועט מיר שניידן ס׳לייב, ס׳הויז אויף מיר אַרויפפאַלן, — און כ׳וועל נישט זיין מיט אים; כ׳האָב מורא... מ׳פאַר־מאַכט די לאָדנס, — שטאַרבט אין מיר ס׳האַרץ אָפּ; מ׳פאַרדרייט נ׳לאָמפּ, ווערט מיר שווער צו אָטעמען...

פרומעט

אַ יידיש ווייבל שוין...

אָריש

באַ!... ווייכטו וואָס, טאָכטערלעב, אין פראַג האָט זיך שוין אַזעלכעס פאַרלאָפן... אַ ביסל שפּעט אַרומגעקוקט, אָבער נישט זויער ווערן אַצינד אויבעט... אַ דאגה: איטלעכעס טעפל געפינט זיך איר שטאַרצל... כע־כע... שוין אַ מזל פון אַ ייד אַן אביון: געהאַט זיצן אַ מיידל, און אָפּ־קריגן אַ ווייבל...

פרומעט

אויב דו ווילסט נישט, כ׳זאָל מיט אייך ביידע די טירן אויסברעכן... ס׳טאַטל?... ערשט געבערענט אַ וועלט, און שוין אָפּגעשמדט אויף די טאָכטערס נאמנה...

אָ ר י ש

שוין אַזאַ טאַטע. אַט, דאַכט זיך מיר: כ'קום אין כעס אַריין, — כ'וועל פאַלן איבער איר, דורסן; און ס'קומט דערצו, — נעמט ס'רחמנות אַדורך...

פ ר ו מ ע ט

אַריינעמען אַ קלאָג אין שטוב, אַ? איידער אַ גרושה, גלייכער שוין אַן אַלמנה... נישט דער נאָמען אַזוי שלעכט...

אָ ר י ש

נו? אין וואָס גייט עס דיר.. קוילע אים אַוועק... כע־כע־כע... פרומעטל, רייס אַ פּאַס... נישט געוואָלט האָרכן מיינע רייד, — מיט גאָלד צוגלייך געווען אָפּצוּוועגן...

פ ר ו מ ע ט

ווייסט נישט אויף וואָס ס'גייט.. דער האָבער שטעכט... באָדט זיך דאָ אין פייגל־מילך... ווען איז דאָס געווען געוואוינט? און וואו? ביי איר טאַטן?... גרויסאַרטיקע פּריצה?.. איידל געשטאַ!! געגאַנגען שלאָפן מיט אַ פייקע ברויט, און אויפגעשטאַנען, — אַ שטיקל קעז, אַ גלעזל ביטערע קאַווע..

ר אַ ש ל

אָפּגעהאַקט

גאַנץ גוט געווען....

פ ר ו מ ע ט

אַצינד אין דעם אויבעט מעגן פאַרגעסן; ישראל וועט אַוועקנעמען די האַנט פונם האַרץ, — ברויכן אויסצוגיין; אַזוי, ווי־נישט, דערלייגט מע נישט צו אים; פון די קראָם האָט מע היינט אַ סך?...

אָ ר י ש

ברעכט אויס

אשת־חיל, וועסט מיר היינט אַמאָל אויפהערן די יאָרן צו דערגיין? גראָ און אַלט געמאַכט שוין, און זיך נאָך אַלץ נישט באַזינען!... ראַשל, גיי טו דיך איבער... וואָס האָט דיר דער אָרימער יום־טוב פאַר אַ שלעכטס

געטון ?... קודם אים איבערקומען, און דערנאָך, מילא... קיין באַזונדערע מאכלים דיר נישט קאָכן ; מיטן טאַטן פון איין טעלער צו עסן, אויב דו באַשטייסט ?...

ר אַ ש ל

פאַלט אים אויפן האלז

טאַטע, פאַרוואָס האָב איך דיך אַזוי ליב ?...

אָ ר י ש

גלעט איר איבערן קאָפ

ווייל, דו ביסט מיר צו שווער אָנגעקומען, כ׳זאָל דיך קאָנען אַוועקשטופן אַצינד... דאָס כאָטש נאָך עפעס אַ חוץ דיר געהאַט... ווישט אָפּ אַ טרער שוין מוזן טיילן מיטן ביסן, אים אַליין נישט אַראָפּשלינגען...

אין שכנות הערט זיך ס׳געזאַנג פונם דאַווענען.

אָ ר י ש

רייסט זיך אויס

הער מיך אויף צו סמאָטשקען ! אשת-חיל, דו הערסט ?... זאָג : אַ גוטע באַכט.. פון דאַווענען מיט מנין איז שוין אָפּגערעדט...

פ ר ו מ ע ט

גיי-גיי... כ׳וועל טרעפן דעם וועג אָן דיר...

אָ ר י ש

געפאַלן

שוין אַ מזל פון אַ ייד אַן אביון : געהאַט זיצן אַ מיידל, און אָפּקריגן אַ ווייבל... אָפּגייענדיק עוזר דלים, הושיע נא...

פ ר ו מ ע ט

שוין... האָסט שוין אַ צוזאָג פון טאַטן... זיין געהאָלפן... נו, שטיי נישט... ישראל וועט אַהיימקומען, — כאָטש טרעפן צום טיש געגרייט... נעמט זיך פאַרען, אויסשפּרייטן אַ טישטוך נישט אַליין צוטון די הענט, — זיך גאָרנישט אָנהייבן...

ר אַ ש ל

מאַכט אַוועק די טיר פון די שאַנק און נעמט זיך איבערשטן.

פ ר ו מ ע ט

שטעלט לייכטער

לייכטער... חלות... גאָר אַן אַנדערן קוק האָבן די שטוב... ווען ראַשל קומט אַפיר איבערגעטון און אַליין אויך גאָר אַן אַנדער פנים... אַ קוועלונג...

ר אַ ש ל

פאַרטרויערט, ס'רוט אויף איר אַ בלאַסער, אומעטיקער שבת-חן, — באַטראַכט אויף זיך ס'קלייד

כ'וועל שוין, דאַכט זיך, מער דערפון נישט אַרויס...

פ ר ו מ ע ט

אַ בעזים מ'טוט אָן, נישט אַ מענטש, און אַזאַ יונג מענטש דערצו.

ר אַ ש ל

מיט טרערן

יאָ, אַלץ נישט אין דעם שטאַנד...

פ ר ו מ ע ט

מיר נישט קיין בעסער יצר, ס'אַ גוטער מאַן ער איז; און אויב נישט, — אַ יונג ווייבל קאָן מיט אַ מאַן און מיט אַן אַלטן מאַן דערצו, אַלץ מאַכן; דו וואָלסט דיר נאָר אַליין ס'לעבן נישט פאַרביטערט, — ווי וואויל און ליכטיק וואָלט דיר געווען?.. ס'דאַוונען הערט זיך העכער זעי' למען השם, ס'זאָל שוין זיין אויף די גוטע לעצט... קושט איר טויזנט חנען ליגן איר אויפן פנים... פון די שוועל אַראָפ ראַשל, אַז ישראל וועט אַהיימקומען, האָב שכל... אָפּ.

ס'געזאַנג פון דאַוונען הערט זיך העכער

ר אַ ש ל

קוקט זיך טריב אַרום, נעמט צינדן די ליכט, און פאַרשטעלט זיך מיט ביידע חענט די אויגן.

ר א ו ב ע ל ע

מיטן קאָפּ אין פענסטער

ראַשל, דו וויינסט?

ר אַ ש ל

דערשראָקן

וואָס ביסטו ווידער געקומען ?

ר א ו ב ע ל ע

קריכט אַדורך אין שטוב אריין

כ׳וויס אַז דו ביסט אַליין, — וואַרפט זיך אין מיר ס׳האַרץ, און פרייט זיך... קאָן נישט אָפּטרעטן...

ר אַ ש ל

כ׳בין דיין טאַטנס ווייב, און כ׳וויל מיט דיר אַליין אין שטוב נישט זיין...

ר א ו ב ע ל ע

כ׳היט פון תחלת נאַכט די שוועל דיינע... און ביי אים פון הינטער די פּאָלע זיך אַוועקגעגנבעט.

ר אַ ש ל

ס׳אי ביי מיר יום־טוב אַצינד ; אַ יידיש ווייבל האָט זיך אָנגעטון פאַר איר מאַן, ליכט געצונדן, און אים באַלד אַנטקעגן גיין גוט יום־טוב ביטן...

ר א ו ב ע ל ע

מיט טרערן אין די אויגן...

ר אַ ש ל

ווילד

דאָס זענען דאָך פּערל, יונגעלע, פון אַ יידיש ווייבל, וואָס וויינט זיך אויס די אויגן אירע ; אַלע נאַכט קלויב איך די פּערל, און זיי דיר ווייזן : גאַנצע ב׳נטן, שנירן, — אויפגעצויגן פון די טרערן, וואָס מיינע אויגן האָבן פאַרגאָסן...

ר א ו ב ע ל ע

האָסטו דאָס נייטיק באַדאַדפט, אַ ?

ר אַ ש ל

ווי אַ לאָך אין קאָפּ, כע־כע... נאָכן טויט ווערט מע קליגער...

ר א ו ב ע ל ע

זיעז דו וואָלסט אָבער אַצינד מיין ווייב געזען, און נישט דעם טאַטנס, — ווי ליכטיק וואָלטן דיינע אויגן געבלישטשעט, דיין קול העל אַרויסגע־שריגן אין די פעלדער אַריין, אַז די הימלען וואָלטן זיך אָנגעצינדן ווי די סטויגן היי, און אויפגעלייכט... און מיטן גאַנצן לייב זיך געריסן צו מיר, צו מיר, צו מיר...

ר אַ ש ל

אין זיינע אָרעמס

אַ רגע געווען אַזוינע, אַ שוואַרצע...

ר א ו ב ע ל ע

כ׳ווייס גאָרנישט ווי ס׳האַרץ האָט דיר דאָס געקאָנט אויסטראָגן...

ר אַ ש ל

נעמט אים איין

ברויכסט מיר נישט צו פאַרדענקען... ווייסט גוט: ס׳איז אויף מיין לייב קיין רעכט שטיקל קליידל נישט אַרויפגעקומען; מ׳האָט מיר די פינגער פון די פיס דורך די שיך אַרויסגעזען... און כ׳בין געוואָרן צעמישט: אַז כ׳האָב דערזען אַ הויף, אַ שטוב, אַ שאַנק קליידער... געווען פאַרבלענדט, אַז דאָס איז מיר געקומען אין די הענט אַריין, גענומען גראַבלען אין גאָלד, אַרומשווימען אין זיידנס... געמיינט: אַלע זיבן הימלען האָבן זיך פאַר מיר אויפגעמאַכט...

ר א ו ב ע ל ע

אַצינד ביסטו צום שכל געקומען אַ ?...

ר אַ ש ל

אָבער, ס׳קומט נישט מער גאָר פון אירע קליידער צו מיר אויפן לייב אַרויף, כ׳נעם נישט פון זיין עסן צום מויל; און אַ פייג, כע־כע, האָט ער ביי מיר, דער טאַטע... אַ פייג !...

ר א ו ב ע ל ע

געבראָכן

ס׳גאַנצע לעבן געהאָפט, די מאַמע: דאָס גלייך ווי זי וועט זיך שטעלן אויף די פיס, — אונז צונויפצוברענגען; אַ נאַרישע מאַמע, — אויף וואָס

האָט זי געוואָרט ?... נישט געוואוסט : זי וועט שוין קיינמאָל מער נישט געזונט ווערן ? קליינערהייט אונז צונויפגעפּאָרט, און שפּעטער, אַז מיר זענען שוין אַזוי גרויס, אָ, אויפגעוואַקסן... און זי איז געלעגן אויפן טויטן בעט, געזען : דער טאַטע עסט דיך מיט די אויגן, — אַלץ קיין שכל נישט געהאַט צו שיקן נאָך אַ פּאָר יידן, און לאָזן אויפשטעלן די חופּה־דרענגער...

ר אַ ש ל

און ביז זי האָט זיך יאָ עפּעס געמערקט, — איר דער טויט נאָך גיכער אויסגעכאַפּט...

ר א ו ב ע ל ע

ווישט אָפּ א טרער

איר שוין קיין גוטער פריינט נישט זיין, ווי לאַנג זי וועט ליגן אי דרערד, די מאַמע מיינע... ניין...

ר אַ ש ל

מיט טרערן

אונז ביידע פאַרזען...

ר א ו ב ע ל ע

און אַצינד, אַז כ׳וועל דיך בעטן : זאָלסט גיין מיט מיר אין שטאָל אריי אויפן פעלד אַרויס, און אין די שטוב אַריינגעמען, — אַז דער טאַטע וועט נישט זיין ?...

ר אַ ש ל

שאָקלט זיך אָפּ

דאָס נישט, ראובעלע...

ר א ו ב ע ל ע

גיט איר א וואָרף

גלייב איך דיר נישט, זאָלסט דיר אפילו די ביינער אָנשווערן ; מאַכ אַ צלם איבער זיך...

ר אַ ש ל

שטאַרק

אַ שלעכט ווייב, נאָר אַן ערלעך און אַ געטריי ווייב...

ר א ו ב ע ל ע

ניין, אַ שלאַנג, אַ ביטערער שלאַנג...

ר אַ ש ל

שטעלט זיך אַקעגן

וואָס וואַרפסטו מיך, און רייסט פון מיר שטיקער?

ר א ו ב ע ל ע

צעקאָכט

כ׳וויל מיר שטילן ס׳בלוט, ס׳זאָל נישט אַזוי זעצן אין קאָפּ אַריין; און ס׳האַרץ, — אויפהערן אַרבעטן ווי ס׳ראָד פון די מיל; נישט אַרומדרייען ווי אַ געשלאָגענער הונט...

ר אַ ש ל

כ׳וועל שרייען, ראובעלע... האַקט אויס ס׳פענסטער, פאַרשטיקט י-ש-ר-א-ל!... טע-וו-ל!...

ט ע ו ו ל

שטעקט אַריין דעם קאָפּ, און נעמט אים גלייך אַרויס מיט אַ ריטש

באַ-לע-בוש!...

ר א ו ב ע ל ע

אין זיינע הענט איר אַריינגענומען

דערשטיקן, וועסט דיך לאָזן אַזוי הויך הערן...

ר אַ ש ל

פאַרלוירן

ס׳אַר אויגן... זיי קוקן אַראָפּ פון די ווענט, פון באַלקן, און דורך די פענסטער, — שוואַרצע אויגן, פינסטערע...

ר א ו ב ע ל ע

ציט איר אין די אַנדערע שטוב

ס׳זענען די מאַמעס אויגן, זיי גלעטן מיך...

ר אַ ש ל

מורמלט

היט מיך, היט מיך, געשטאָרבענע שוועסטערלעך; כ׳בין אַ יידיש ווייבל

דאָך ; רײַן פֿון זינד לעת־עתה נאָך ; און כ׳וויל גאַנץ אַרויס פֿון די בראָך... פֿון די אַנדערע שטוב שוין הײַט מיך, הײַט מיך, שוועסטערלעך...

י ש ר א ל

פֿראַלגדיק פֿון דרויסן

ראַשל ! ראַ־של ! ראַ־של ! קומט אַרײַן, צעצאַפּלט ס׳קול אירס מיר געבויערט אין קאָפּ... ערגעץ דאָ געהערט שרײַען... גייט צו די אַנדערע שטוב און, לאָזט אַרויס אַ ברייל טע־וו־ל !...

ט ע וו ל

אין טיר, מעלה־גירהט גרויס, שלינגט די שלינגע, וואָס רינט אים איבערן מויל.

י ש ר א ל

כאַפּט אַ בענקל, וואָס ער הייבט אויף מיטן גאַנצן כּוח, און נעמט גלײַך זינקען אויף אונטערגעבראָכענע פֿיס

געפּלאַצט עפּעס אינעווייניק...

ר א ו ב ע ל ע

קומט גלײַך אַרײַן, גלאָצט אויס אַ פּאָר אויגן, און נעמט אים ווילד רײַסן

טאַטע, שטאַרב נישט ; כ׳האָב איר גאָרנישט געטון... שטאַ־ב ני־שט, טאַ־טע...

ר אַ ש ל

האַלב אײַנגעבויגן מיטן בלויזן לײַב, פֿון די אַנדערע שטוב, — אײַנגעבראָכן.

פ אָ ר ה אַ נ ג.

יינגען מיט מיידן

איינאקטער

עס שפּילן:

לאָזער

צביה זיין ווייב.

יאָסל
ביינוש
נתן
אַרעלע
} יונגען.

צירל
זלאַטקע
ייטקע
פעסל
} מיידן.

צירעלעס מאַמע.

זלאַטקעס מאַמע.

ייטקעס מאַמע.

פעסלס מאַמע.

איטשע־לייזער אַ שמש.

בייזער ייד.

בײַ לאָזערן אין שטוב.
שבת נאָכמיטאָג.

לאָזער
זיצט בײַם טיש.

צביה
טראָגט צו ס׳עסן

עס־אָפּ, לאָזער; נאַ, כאַפּ אַרײַן ס׳שטיקעלע פלײש, — דיר שוין הײַנט קײן יויך נישט געבן...

לאָזער

די מײדן שטײען שוין הינטער די טיר?

צביה

וואָס איז הײַנט אַזוי שווער צוגעגאַנגען בײַם דאַווענען?

לאָזער

מאָטע מלך גיטעס האָט געהאַט יאָרצײַט נאָכן טאַטן זײַנעם, און ס׳איז געווען אַ זופּ צו טון...

צביה

אַזוי לאַנג געבעריכט נעמען, ביז מ׳האָט אויסגעלײדיקט דאָס פלעשל בראָנפן?

לאָזער

מ׳האָט צום בראָנפן דערלאַנגט אײערקיכלעך מיט געגליווערטן פוס, גאַ־לערטע. אויסגעזאָרגט פאַר מאָטען!

צביה

דעריבער מיר אָוועקגעשטעלט די קאַשע; און שמעקסט אַזוי צום פלײש...

לאָזער
ווי פריער

פּיפּיקלעך, געבראָטענע; און ביר מיט אַרבעס געזאָטענע...

צביה

ס׳איז אים אַלץ ווערט; דעם טאַרטאַק, וואָס ר׳האָט אים געלאָזט, אויף אַלעם טראָגן.

ל אָ ז ע ר

ווען כ׳האָב אַ טאַטן, וואָס קאָן מיר איבערלאָזן אַזאַ טאַרטאַק, — האַלט איך צוויי מאָל יאָרצייט נאָך אים, דריי מאָל... נישט בלויז פּופּקעס נאָר אונטערשטע פּירטלעך געגנבֿ, מיט קעפּ פון לעבעדיקע קאַרפּן...

צ ב י ה

פאַנגט אָן צוריק אַרונטערצונעמען

דאָס אַוועקשטעלן אויף דערנאָך... אַ גרויסער זומערטאָג... דיך נישט איינמאָל נאָך אויסהונגערן ביז נאַכט.

צ י ר ל

גיט אַ קוק אַריין

דער טיש איז נאָך פאַרלייגט מיט חלה.

צ ב י ה

און פאַרקאַשער די הענט, שיינע כלה.

צ י ר ל

און די בענקלעך צעוואָרפן... *נעמט רודערן* ס׳קומען־צו מיידן, צביה.

צ ב י ה

בעסערע בשורות מיר אָנגעזאָגט ווערן.

צ י ר ל

די פאַניענקע, וואָס פלעגט גיין איינע אַליין אין סטראַזשאַצקע גאָרטן, און זיך נישט געוואָלט אומקוקן אויף קיין יונג...

ל אָ ז ע ר

יעדן אַרויסגעשטעקט די צונג.

צ י ר ל

געהערט : אַז מ׳קומט זיך דאָ צונויף יעדן שבת נאָך טיש, — אויף וואָס ברויך זי האָבן דעם גאָרטן ?

ל אָ ז ע ר

ווערט שוין ווייכער...

צ י ר ל

ס׳פּישטשעט ביי איר, כע־כע...

ז ל אַ ט ק ע

קומט אַריין

צירעלע, ביינוש מיינט מיך?

צ י ר ל

אַז ער מיינט נישט דיך, מיינט ער אַן אַנדערע...

ז ל אַ ט ק ע

מיר אַ ביס געטון אין לינקן אויער...

צ ב י ה

דיר אַ ביס געטון אין לינקן אויער, מיינט ער דיך און נישט קיין אַנדערע...

ז ל אַ ט ק ע

און אפשר איז עס געווען אין רעכטן אויער, וואָס ווייסאַך? גיט אַ קוק, צביה: ס׳איז אויף וועלכן געבליבן אַ צייכן?

צ ב י ה

באַקוקט

ס׳לינקע אויער איז רויטער פאַרן רעכטן.

ז ל אַ ט ק ע

פאַרזאָרגט

ס׳זאָל נאָך שטיין די רויטקייט פון נעכטן?

י אָ ס ל

קומט אַריין

צווי מיידן אינגאַנצן?

צ י ר ל

וויניק אויף איין יונג?

י אָ ס ל

מיט וועמען וועט מע טאַנצן?

צביה

אַ דאגה אין מיידן ? אַזוי געבּרויכט איבּערקלערן אין יונגען, ווי זיי וועלן נישט פעלן... די שטוב זיך נאָך מיט זיי ברעכן...

צירל

נאָך היינט האָבּן די פּאַניענקע צו גאַסט.

נתן, ייטקע

קומען ביידע אינאיינעם אריין, אָפּגעשראָקן.

נתן

עפּעס קוקט מע צו שטאַרק נאָך אין דרויסן... יידן, ווייבּער, — צונויפ־געשאַרט ווי אַ בּערגל מיסט, רודערט זיך... און לאָזט פון זיך הערן...

לאָזער

ס'רודערט זיך שוין אַזוי, נישט פון נעכטן און אייערנעכטן ; אַלטע ווייבּער, ליידיקע מיילער, — און פאַרגינען נישט קיין יונגע מיידן...

יאָסל

אויפגערודערט

גיב דעם צאָפּ, צירל־מירל, קוקי די לאקי... אים לאָזן אָפּשניידן נאָך דער חתונה ?...

צירל

דער יונג, וואָס וועט מיר וועלן שלעכטס טון, — וועל איך אים דערוואַרגן מיטן, ביי מיר אויפן האַלז...

צביה

אָנגעשראָקן

לאָזער, כ'ציטער פאַר די ווייבּער אין דרויסן ; מ'האָט שוין געהאַט צו טון מיט מיר אין דער יאַטקע און ביי איטשע לייזערן זיך גע־מאָרדעוועט...

ייטקע

אָנגעשראָקן

כ'וויל נישט, נתן, מ'זאָל מיך צעטראָגן איבּער דער שטאָט...

ז ל אַ ט ק ע

מיט איר

און ביי מיין מאַמען דאָס שייטל פון קאָפּ אַראָפּרייסן...

נ ת ן

וועלכע אַלטע קליפּה ס'וועט זיך נעמען פּליקן, — איר מיט די פינגער מיינע דערשטיקן...

י אָ ס ל

אויפגערוימט

צירל-מירל, קוקי די לאַקי... זיי אויף צעזעצעניש נאָך היינט מער אַרומבריקען... צעוואַרף די הענט... און רודער מיט די אַקסלען...

צ י ר ל

צעלאָזט זיך.

נ ת ן

און דו, ייטקע, מיט די פיס...

י י ט ק ע , צ י ר ל

טאַנצן

ס'פלאַטערן מיידן
ווי די טויבן.
און יונגען פון דרויסן
זעצן אויס די שויבן.

נ ת ן , י אָ ס ל

מיט זיי

יונגען און מיידן
אין געפלאָכטענע רינגען,
שטעלן זיך אויף די קעפּ
און טאַנצן און שפּרינגען.

ב יי נ ו ש

גיט אַ פאַל אַריין

זיי האָבן זיך אַזוי שיין צעבריקעט, און מיינע שטייט ווי אַ שטעקן!... קאָנסט דיך נישט אַליין דרייען?... מוזסט האָבן אַ יונג צו זיך?...

ז ל אַ ט ק ע

צעלאָזט זיך מיט אים

האָסט מיך אַזוי לאַנג געלאָזט אַליין... יאָסל איז דאָ... נתן איז דאָ... מיך געשעמט פאַר ייטלען... און צירל גערייצט מיט די אויגן...

ב יי נ ו ש

היציק

וואָס מער זיי וועלן זיך רייצן, מער דיך פאַרפלייצן מיט קושן... טאַנצן מיט דיר אויף די בענק און טישן...

ז ל אַ ט ק ע

נעם אַוועק ס׳פנים, עס שטעכט ווי מיט שפּילקעס...

ב יי נ ו ש

כ׳וועל עס דיר אָנרייבן, זאָלסט קריגן רויטע באַקן....

י י ט ק ע

רייסט מיר אָפּ די פיס, נתן; האָסט פאַרגעסן דעם נייעם טריט, אינ־גאַנצן.

נ ת ן

אַז די מויד קען נישט טאַנצן, זאָגט זי: דער כּלי־זמר קען נישט שפּילן...

י אָ ס ל

דו לייגסט אָרנטלעך אַריין, צירל; זעסט דיך גוט צו... ס׳איז דיך אַזוי שווער צו רירן, מ׳ברויך זיך ביי דיר ס׳האַרץ אָפּרייסן...

צ י ר ל

כ׳עס גאָרנישט אַזוי פיל, ווי כ׳נעם אויף זיך: אַליין אויך געוואָלט מאָ־גערער ווערן, אָפּצערן...

אַ ר ע ל ע

גיט אַ פאַל אַריין

שאַ, מיידן! שטייטס, יונגען! וואו איז פּעסל?

צ י ר ל

פּעסל קאַטשעט זיך אינם פּעסל.

י אָ ס ל

ווער זאָל וויסן פון דיין מיידל?

אַ ר ע ל ע

שוין אַרומגעשמעקט ס׳הייזל פון אַלע לעכער; איז איין לאָך זיך געלעקט
די קאַץ, און אין אַנדערן, — אַ הין געקיפּיעט...

ז ל אַ ט ק ע

בישט אַוועק מיט עמעצן אַנדערש אין וואַלד?

י אָ ס ל

אינם וואַלד איז קאַלט.

צ י ר ל

כאַפּט מע אַ שפּאַן און מ׳וואַרעמט זיך אָן...

ז ל אַ ט ק ע

זיך אַוועקגעלאָזט מיט אַ שפּאַציר אויפן שאָסיי?

י י ט ק ע

אַז זי ווייסט: אַרעלע איז דאָ, — וועט זי ערגעץ אַנדערש זיין?

אַ ר ע ל ע

פאַרטראַכט

וואו האָט זי פאַרט געקאָנט גיין?

ז ל אַ ט ק ע

רייצט זיך

רינגעלע, רינגעלע, רוגז, —
פּעסל זיך געמאַכט אַ ברו-גז

נתן

צופיל איר געטאַפּט, אַרעלע; אַז ער קריגט אָן אַ מיידל, וועט זי שוין גאַנץ ביי אים נישט אַרויס...

ביינוש

איר, מסתמא, אזוי צוגעזען, — אַז מ׳איז אַליין צו דער שטאָט אין די מיילער אַריין...

נתן

און נאָך האָבן צו זינגען און צו זאָגן ביי אים...

יאָסל

אויפגערוימט

צירל, מירל, קוקי די לאַקי, מ׳גייט שפּילן אין שלעפּע־באַבע...

ביינוש

ניין, אין טאַפּערלעך.

יאָסל

מען מוז עס דען טון אָפן? נישט בעסער מיט פאַרמאַכטע אויגן? ווייסט מע זיך וויניקער צו שעמען...

נתן

כ׳וועל צושפּאַרן די לאָדנס, זיין אַ ביסל טונקעלער; ווי מ׳זאָל נישט צובינדן די אויגן, און אַז די זון שיינט, — איז אַלץ ליכטיק... פאַרשפּאַרט די לאָדנס.

זלאַטקע

כ׳האָב אַ טיכל מיט שפּיצן; ווער ס׳ציט אַרויס דאָס קניפּל, — פאַר־בינדט מע די אויגן.

די יונגען, מיידן

שטעקן די הענט, זאָגנדיק

— נישט מיר,

— נישט מיר,

— נישט מיר,

ביז ס׳ווערט אַ געוואַלט.

ז ל אַ ט ק ע
שרייט

בײַנושל, ביסט אַרײַנגעפֿאַלן.

ב ײ נ ו ש

כ׳קאָן מיך נישט מיט גאָרנישט אויסקויפֿן ?

נ ת ן

יאָ: זאָלסט דיך אַריבערלייגן, און קריגן פֿון יעדן איינעם צוויי שמיץ...

י אָ ס ל

אָדער, טראָגן יעדן איינעם קאָטש־קאַלב דריי מאָל אַרומן טיש.

ב ײ נ ו ש

כ׳באַשטיי נישט אויף בײדע.

ז ל אַ ט ק ע

בײַנושל, ווייז אַהער די אויגן דײַנע, די שיינע... פֿאַרבינדט זיי אים און עס הייבט זיך אָן דאָס זוכן.

איטשע־לייזער, דער בייזער ייד.

א י ט ש ע ־ ל ײ ז ע ר

גוט שבת.

י אָ ס ל

קושט די אַלטע באַבעס.

ב ײ ז ע ר י י ד

דאָס גייט בײַ זיי צו אין דער פֿינסטער. מאַכט אויעק די לאָדנס.

י אָ ס ל

אַ־כאָ !

א י ט ש ע ־ ל ײ ז ע ר

וואו איז לאָזער ?

ב ײ נ ו ש

וואָס ברויכט איר לאָזערן ?

ב ײ ז ע ר ײ י ד

אַז כ׳װעל אים זאָגן, װעסטו אויך הערן.

נ ת ן

ער רוט זיך אָפּ זײַנע אַלטע בײנער...

ל אָ ז ע ר

קומט צוריין פון די אַנדערע שטוב

פאַרבלאָנדזשעט צו מיר אין אַ שבת נאָכמיטאָג... טרינקען אַ קאַלט ביסל פלוימעניויך?

ב ײ ז ע ר ײ י ד

קלאַפּט אים צרויס ס׳גלאָז פון די הענט

זאָל ער דאָס האַלטן פאַר די יונגען מיט די מיידן...

י אָ ס

אויף זײַן שטעקעצער

אַ־כאָ!

ב ײ נ ו ש

אָבער אַ בייזער ייד...

א י ט ש ע ־ ל ײ ז ע ר

מ׳האָט נישט פאַרבלאָנדזשעט, לאָזער, נאָר אומישנע געקומען...

ב ײ נ ו ש

װער האָט אייך געבעטן?

א י ט ש ע ־ ל ײ ז ע ר

אַ שמש איז אַזאַ ייד, אַז ער מוז גיין װאו יידן הייסן אים גיין...

ב ײ ז ע ר ײ י ד

מ׳װיל װיסן: װאָס ס׳גייט דאָ פאָר צװישן די יונגען מיט די מיידן?

י אָ ס ל

אויף זײַן שטעקעצער

אַ־כאָ!

נתן

מ׳שפּילט אין שלעפּע־באַבע!

ביינוש

אין טאַפּערלעך!

בייזער ייד

פּאַר פּלוימעניויך, אַ? ער זאָל קאָנען איינלייזן אַ פּאָר גראָשן פּאַר פּלוימעניויך!

יאָסל

אויף זיין שטייגער

אַ—כאָ!

צביה

שאַרט זיך אריין

די שטוב איז ליידיק... אַ גאַנצע וואָך בלאָזט אין איר אַווינט... נישט קיין קינד, נישט קיין רינד... נישט ווער אויסצורעדן אַ וואָרט... די טיר מאַכט זיך זעלטן אויף איבער דער וואָך... זאָלן זיי איר כאָטש איינמאָל אין אַ שבתדיקן טאָג קומען איבערקערן...

לאָזער

מ׳וואָלט דאָך געקאָנט אויסגיין, ס׳זאָל זיך נישט ווער אַריינוויזן...

איטשע־לייזער

דו ווייסט וואָס ס׳קומט אַרויס, אַז מ׳גיט דעם שטן אַ לעקעכל אין מויל אַריין?...

יאָסל

אויף זיין שטייגער

אַ—כאָ!

לאָזער

זיווגים!

בייזער ייד

ממזרים!

יאָסל

אויף זיין שטייגער

אַ—כאָ!

צביה

הירשלס מיידל האָט זיך נישט צוגעקליבן איר באַשערטן, אין שטוב ביי מיר?

לאָזער

כ׳וויל זען דאָס ממזר, וואָס וועט פון מיין שטוב אַרויס?... גיטס מיר ס׳ממזר!

בייזער ייד

ס׳איז נאָך ביי דער מוטער אין בויך... און מ׳זאָל עס אים געבן... זיך דערויף דערוואַרטן...

לאָזער

קוקט זיך איבער מיט די יונגען

אַזוי?... רעדט ער דאָך נישט פון קאָפּ אַרויס... עמעצן פון אייך זיך דאָ פאַרגלוסט אָפּצושפּילן אַ חתונה אָן כלי־זמרים?

יאָסל

אויף זיין שטייגער

אַ—כאָ!

ביינוש

איטשע־לייזער מיטן בייזן ייד...

איטשע־לייזער

מיך נעם אַרויס... איך בין אַ שמש... און כ׳גיי אין יעדע שליחות וואו מע הייסט מיך גיין...

בייזער ייד

און איך בין אַ ייד, וואָס האָט די אויגן אין קאָפּ...

נתן

נאָך גוט, ער האָט זיי נישט ערגעץ אַנדערש־וואו...

ב ײ נ ו ש

קוקט מע װאו מ׳ברויך...

נ ת ן

אויף איטשע־ברוכס מויד, װאָס גײט מיטן פּראָװיזאָר אין סטראַזשאַצקע גאָרטן, נאָך די האַלבע נאַכט...

ב ײ נ ו ש

און צו ר׳ שימעלעס שפּרינגערקע, װאָס האָפּסלט אַרום בײם שרײַבער פון דער קאַנצעלאַריע, אויף די שויס...

א י ט ש ע ־ ל ײ ז ע ר

דאָס זעט כאָטש קײנער נישט, און מ׳רײסט נישט אויס די אויגן...

ב ײ נ ו ש

מעג מע, אַ ?...

נ ת ן

און װײַל מ׳טוט דאָס אָפן, פאַר אַלעמען אין די אויגן, — מיט אונז האָבן אַן אַרבעט ?

ב ײ נ ו ש

װאָס זאָלן טון אַזױנע יונגען, פּראָסטע, געזעלן־יונגען, שבת נאָך טיש ?

א י ט ש ע ־ ל ײ ז ע ר

לערנען פּרק.

י אָ ס ל

אויף זײַן שטײגער

אַ—כאָ !

ב ײ ז ע ר ײ ד

זיך שפּילן מיט מײדן, אַ ?

נ ת ן

בײ מיר זיך דער טאַטע אונטערגעהאַקט מיט אַ פולע דיניצע טשאָלנט, און ליגט מיטן בויך ביז אונטערן באַלקן, ער זאָל זיך אים אָפּזעצן...

ב ײ נ ו ש

און בײַ מיר זיך דער טאַטע פֿאַרקײַטלט מיט דער מאַמע ; כ׳האָב מיך אַרויסגעכאַפּט אויף אַ רגע, און געברויכט נעמען אויסזעצן די טיר, אַז כ׳זאָל קאָנען צוריק אַרײַן...

י אָ ס ל

אויף זײַן שטײַגער

אַ—כאָ !

ב ײ ז ע ר ײ י ד

שווײַג, לאָבוז־יונג... אויף אַן אײגענעם טאַטן ?...

נ ת ן

וואָלט געווען אַ וואַסער, וואָלט מע זיך געלערנט שווימען...

ב ײ נ ו ש

געכאָלעעט אין די סעדער.

נ ת ן

נישט געווען שבת, איז אויף די וועגן מיט די רעדער.

ב ײ נ ו ש

וואָס זאָלן פֿאָרט טון יונגען, אַזוינע, פּראָסטע, שנײַדער און שוסטער־יונגען ?...

ב ײ ז ע ר ײ י ד

זיך שלאָגן קאָפּ אָן וואַנט... זיך אײנס ס׳אַנדערע אָפּדרײען אַ האַנט...

י אָ ס ל

אויף זײַן שטײַגער

אַ—כאָ !

נ ת ן

דאָס ברויכט איר בעסער קענען.

ב ײ ז ע ר ײ י ד

צאַפּלט זיך

גיטס זײ מײדן, גיטס זײ ! אַנישט וועלן זײ ליגן און קרענקען... נישט

נישט וועלן כרעסן... זיך צורירן צו די טעם... איך וואָלט זיי אויסגע־טיילט איינעם ביים אַנדערן, און ביי מיר אַוועק מיט אָפּענע קעפּ...

יאָסל

אויף זיין שטייגער

אַ־כאָ!

בײנוש

דערצו עפּעס באַדאַרפט זיין אַ ייד מיט אַ ביסל שווערערע הענט...

פּעסלס מוטער

שלעפּט אַריין פּעסלען ביים קאָפּ

קום אַריין, פאַרנאַרטע מויד... קום אַריין... איצט שעמסטו דיך?... און פריער זיך נישט געוואוסט צו שעמען, ביז ס'וועט דיך פאַרקלעמען?

לאָזער

וויל איר אָנוועקנעמען

וואָס וויל זי פונעם מיידל, די משוגענע... פּעסל...

פּעסלס מוטער

שלאָגט איר

וואָס כ'וויל?... באַגראָבן וויל איך איר... נישט לאָזן אַרומדרייען אויף דער ערד...

בײזער ייד

פאַרצאַפּלט

פלוימעניויך! אַ?... געוואָלט, מ'זאָל אים ברענגען דאָס ממזר, אַ?... פלוימעניויך!... זיך געמאַכט אַ געוועלבל, און לאָזט אַריין די יונגען צו די מיידן... פאַר זיין גראָשן לייזונג...

יאָסל

אויף זיין שטייגער

אַ־כאָ!

בײזער ייד

ברענגען זאָל אויף אים ס'לייב, און דאָס נישט קאָנען מיט קיין שום וואַ־סערן אָפּלעשן...

פעסלס מוטער

איך זע: ס'מיידל פאַרוואָרפט ס'קעפּל ווי אַ הינדל; וואָס זי עסט, גיט זי דאָס אָפּ צוריק... גיב איך איר אַ טאַפּ ביים בייכל...

בייזער ייד

דער יונג האָט איר פאַרפלאָכטן!

יאָסל

איך זיין שטייגער

אַ־כאָ!

פעסלס מוטער

ס'איז נאָך גוט אַצינד, אַז מ'וויסט נישט; און אַז ס'וועט זיך אָבער העכער אויפהייבן?... מער אָנזען?... כ'וועל דאָך מיך נישט האָבן וואו אַהינצוטון מיט איר!... נישט טאָרן אַרויסלאָזן איבער דער גאַס!... איר פאַרוואַרפן מיט שטיינער...

בייזער ייד

פאַר זיינע פאָר גראָשן לייזונג, אַ?...

פעסלס מוטער

צערייסט זיך

גיטס מיר דעם יונג, גיטס מיר! כ'וויל אים נאָר אָנטאַפּן ס'פּנים... אויס־דליבען די אויגן...

לאָזער

שטאַרק אויפגעבראַכט

אַרעלע, דו האָסט איר די מאָס גענומען?... צוגעלייגט אַ פלאַסטער צום בייכל?

ביינוש

אַ טייער מאכל!

פעסלס מוטער

פעסל, דאָס איז ער?... בלייבט שטיין אַ שיינער יונג, כ'לעבן! גיט זיך אַ וואָרף לאָזט מיך צו צו אים... כ'וועל פונעם מאַכן שטיקער... אים צע־פיצלען...

פ ע ס ל

האַלט איר צוריק, מיט טרערן

מאַמע... מאַמע... כ׳וויל נישט, זאָלסט דיך וואַרפן אויף אים...

פ ע ס ל ס מ ו ט ע ר

נעמט אין איר אַריינלייגן

ווייל דו האָסט פונעם אַ הנאה געהאַט ?

ב ײ ז ע ר י י ד

גוט אַזוי ; מ׳ברויך איר אויכעט נישט שווינען...

פ ע ס ל ס מ ו ט ע ר

ווי פריער

נאַ דיר, אַ יונג ! אָנגעשמעקט אַ יונג ? און זיך צוגעכאַפּט צו אים ?...

אַ ר ע ל ע

וויל איר אָפּווערן

וואָס איז פּעסל שולדיק ?

ב ײ ז ע ר י י ד

ווער דען איז שולדיק ? דער רב איז שולדיק ? אַז די צויג גיט נישט, האָט דער הונט אַ פּייג...

ל אָ ז ע ר

צעטראָגן

וואָרן, זי ווייסט ?... אַז מ׳ליגט צוזאַמען, און מ׳רייבט זיך איינער אָן אַנדערן ?... זי ווייסט : ווי ווייט מ׳טאָר און ווי ווייט מ׳טאָר נישט ?... ס׳זענען דאָך קעלבער !

ב ײ ז ע ר י י ד

דעריפער ברויך מע זיי האַלטן יעדעס באַזונדער אויף אַ שטריק אָנגע-בונדן ; און נישט צונויפלאָזן אינאיינעם, ווי לאַנג ס׳ווייסט נישט...

ל אָ ז ע ר

מיטאַמאָל

פּעסל, דו ווילסט אַרעלען ?

פעסל

פאַרוויינט

י—אָ!

לאָזער

און דו, אַרעלע, באַשטייסט נאָך אַצינד אויך אויף איר?

בייזער ייד

ציטערט אײַנגאַנצן

כ׳דריי אים דאָ גלייך דעם קאָפּ אַראָפּ, אויב ער וועט זיך וועלן אויסדרייען...

לאָזער

זאָג: יאָ, אַרעלע...

אַרעלע

דערשלאָגן

י—אָ!

לאָזער

כאַפּט אָפּ דעם אָטעם

גיב אַהער אַ פלעשל בראָנפן, צביה!

בייזער ייד

אין מיטן גאַנצן געשריי האָט ער זיך אין זינען ס׳זייניקע: אַ פלעשל בראָנפן אויסצוברענגען...

פעסלס מוטער

דאָס אַרט מיך גראָד נישט, נאָר ער זאָל מיט איר חתונה האָבן...

לאָזער

שפּאַן איין די פיס, פעסל... אַרעלע שמדניק, ס׳האָט דיך אָנגעשמעקט פריער?... גיט אים אַ שטורך נאָך היינט איר אָנטון ס׳רינגעלע אויף דער האַנט, און אָוועקרייטן אויף איר...

בייזער ייד

נאָך איין גליק, וואָס ער האָט צוגעקלאַפּט... נו־נו...!

ל אָ ז ע ר

ווי לאַנג ער האָט חתונה מיט איר, וואָס איז די נפקא מינה ?... מאַכן האָט עס זיך דאָך באַדאַרפט, ניין ?... איז מיט אַ פּאָר חדשים פריער... אַזוי וואָלט געקאָנט זיין אַ קלער: טאָמער יאָ? און טאָמער ניין ?... אַזוי גייט איר אויף אַ זיכערע בריק... אָפּ מיט פּעסעלע מיט ארעלען, פּעסלס מוטער, איטשע-לייזער, דער בייזער ייד.

די יונגען מיט די מיידן בלייבן ווי פאַרשטמעליעט.

ז ל אַ ט ק ע

קומענדיק צו זיך

אוי, איז דאָס אַן אַרעלע!

צ י ר ל

פאַרדרייסלעך

אַרעלע, מאַרעלע, דמי דפאַרעלע, נעמט אַ מיידל... און...

ב י י נ ו ש

מאַכט פון איר אַ ווייבל...

י י ט ק ע

וואָלט איך אים געגעבן...

נ ת ן

מיטן פולן מויל...

י י ט ק ע

איבער זיינע באַקן

איינעם פון דער זייט... און איינעם פון דער זייט...

נ ת ן

האַלט זיך צו די באַקן

איך האָב נאָך דיר דערוויילּ גאָרנישט געטון...

ב י י נ ו ש

אַ נישט: וואָלט די מאַמע זיינע צוגעלאָזט אַ חתונה ?... יענע האָט זיך איינגערעדט, מיט איר צעלניק-קראָם, — צו קריגן פאַר פעסלען אַ חתן,

וואָס וועט גיין אין קאַמאַשלעך, טראָגן ברילן, און מיט אַ שניפּס אויפן האַלדז...

נ ת ן

האָט ער זיך געזעגנט צו העלפן...

י אָ ס ל

אויף זיין שטייגער

אַ—כאָ!

ז ל אַ ט ק ע

אַצינד וועל איך שוין מעגן אַראָפּגיין צום וואַסער, מיר אויסוואַשן מיין קלייד, כ'זאָל האָבן אין וואָס צו גיין אויף פּעסלס חתונה...

צ י ר ל

איך האָב מיר נישט וואָס אויסצוואַשן, און מוזן גיין עפּעס באָרגן אַ שטיקל קליידל...

י י ט ק ע

כ'ווייס נישט, צי ס'וועט גאָר זיין אַ חתונה מיט כּלי־זמרים... מיט פיש... מיט פליש...

ב י י נ ו ש

איר, שוין צום איבעריקן, אין דער שטיל אַראָפּשלינגען...

י אָ ס ל

אויף זיין שטייגער

אַ—כאָ!

אַלע דריי מאַמעס: זלאַטקעס מאַמע, צירלס מאַמע, און ייטקעס מאַמע, — רייסן זיך אריין.

ד י מ אַ מ ע ס

מיט אַ געוואַלט

וואָס איז עס דאָ פאַר אַ גביאַזדע פון יונגען מיט מיידן ?...

ז ל אַ ט ק ע ס מ אַ מ ע

זלאַטקע, ווי קומסטו דאָ אַהער ?

י י ט ק ע ס מ אַ מ ע

ייטקע, וואָס טוסטו דאָ?

צ י ר ל ס מ אַ מ ע

אַ ווייטיק איז מיר, מיט יונגען...

י אָ ס ל

אויף זיין שטייגער

אַ–כאָ!

י י ט ק ע ס מ אַ מ ע

נעמט אַרומקוקן ייטקען

כ׳האָב דאָך נישט מער ווי דיך... ייטקע־לעבן... איין אויג אין קאָפּ...

י י ט ק ע

וואָס באַטאַפּסטו מיך?

י אָ ס ל

אויף זיין שטייגער

אַ–כאָ!

צ י ר ל ס מ אַ מ ע

באַטאַפּט צירלען

ערשט אַרויסגענומען פון דאַנעט אַ מויד, ווי אַן אָפּגעקוילעטע הון, און אַוועק מיט איר צום רב...

ז ל אַ ט ק ע ס מ אַ מ ע

באַטאַפּט זלאַטקען

זאָג מיר, זלאַטקעשי, ס׳נעמט דיך נישט צום ברעכן?... ס׳חשקן דיך נישט אָן קיין זויערע זאַכן?...

י אָ ס ל

אויף זיין שטייגער

אַ–כאָ!

צ ב י ה

שפּייט אויס

וואָס ס׳האָט זיך מיר געחלומט די נאַכט, און יענע נאַכט, און אַלע נעכט פון אַ גאַנץ גייענדיק יאָר...

ד י מ אַ מ ע ס

וואַרפן זיך אויף איר

— אויף איר ברויך מע ס׳אָנטועכץ צערייסן...

— ס׳לעבן פון איר אָפּשיילן...

— וואָס האָט זי זיך גענומען איבערצופירן יידישע מיידלעך ?

ד י י ו נ ג ע ן

אויף זיי מיטאַמאָל

אַ—כאָ—אָ—אָ !

ד י מ אַ מ ע ס

רוקן זיך אָפּגעשראָקן

ווער זענען עס די יונגען ?

ב יי נ ו ש

אויף זיך

גיטעלעס זון, ביינוש, וואָס שטייט מיט דער מאַמע דינסטיק אויפן באַזער, און העלפט איר פּאַרקויפן שטיוול די פּויערן...

ז ל אַ ט ק ע

לייגט צוועק איר קעפּל ו אים אויפן האַרץ

און מיין חתן.

ב יי נ ו ש

געפעלט אייך דער יונג ?

ז ל אַ ט ק ע ס מ אַ מ ע

מיינסט איר נישט אויף קיין געלעכטער ?

ב יי נ ו ש

ווער ס׳מיינט, זאָל נישט פילן קיין טעם אין ברויט...

ז ל אַ ט ק ע ס   מ אַ מ ע

פאַלט אויף אים אַרויף, און קושט אים

אַזאַ נאַרישע ציג, האָט גאַרנישט געזאָגט פאַר די מאַמע, אַז זי האָט אַ חתן...

י י ט ק ע ס   מ אַ מ ע

פאַרזאָרגט

ווער ווידער איז דער יונג מיט די לאַנגע פיס, און רויטן קאָפּ האָר ?...

י י ט ק ע

פאַרשעמט

מיין חתן, מאַמע.

י י ט ק ע ס   מ אַ מ ע

אָפּגעהיטן

ווער איז דער טאַטע דיינער, בחור ?

נ ת ן

מאיר קאָוואַל, וואָס קאָוועט די פערד, און פאַריכט די וועגענער ביי די פויערן...

י י ט ק ע ס   מ אַ מ ע

און דו ווילסט מיין ייטקען פאַר אַ כלה ?

נ ת ן

נעמט איר אַרום

פאַרוואָס זאָל איך זי נישט ווען ? אַ שיין מיידל ! אַ טייער מיידל ! אַ ליכטיק מיידל !

י י ט ק ע ס   מ אַ מ ע

פאַלט אויף אים אַרויף און קושט אים

דו זאָגסט מיר, סאַר קינד זי איז ?... זי וועט דאָך דיר נאָכטראָגן ס׳טע־פעלע עסן... זיך אונטערלייגן פאַר אַ קישעלע צוקאָפּנס...

צירלס מאַמע

דערשלאָגן

און דו, צירעלע, האָסט דערצו קיין שכל נישט געהאַט, אַ ?...

יאָסל

אויפגערוימט

צירל־מירל, קוקי די לאַקי, אויב די מאַמע דיינע באַשטייט אויף מיר, — מעג זי מיך קושן...

צירלס מאַמע

קוקט זיך איין אין אים

ביסט, דאַכט זיך, קריינדלס... קריינדל די זעלנערקעס... *פאַלט אויף אים אַרויף, באַדעקט אים ס'פּנים מיט קושן.* געוואַלט, חיים, שטיי אויף פון קבר, און קוק אָן אַ יונג, וואָס דיין טאָכטער האָט זיך אָנגעקליבן !... אַ פּאָר פּיס ביי אים... און אויערן... און אַ מויל... *נעמט אים שלעפן איבער דער שטוב, און מיטן טאַנצן* אַז כ'האָב יאָ דערלעבט צו זען מיין קינדס באַשערטן...

די אַנדערע מאַמעס

באַפאַלן צביהן

צביה, קרוינענדיקע, האַרצעדיקע, וואָס זאָל מע טון מיט אייך ?...

צביה

דערהרגענען, און אַרויסוואַרפן פאַר די הינט.

ייטקעס מאַמע

אַלץ וואָס כ'קאָן אייך אַריינשיקן, איז, אַ זאַק הילצערנע קוילן, שדכנות־געלט... כ'פאַרמאָג נישט מער...

זלאַטקעס מאַמע

און איך : אַ פירטל מייערן פון גאָרטן, כ'וועל זיי אַליין אַרויסרייסן...

צירלס מאַטע

און איך : אַ סאַלעווקע עפּל פון מיינעביימער אין סאָד...

נעמען זיך אַרום איר אַרום אין אַ ראָד, און טאַנצן.

די יונגען

פליעסקען מיט די הענט

אָרימע יונגען מיט אָרימע מיידן,
דאָס ריכטיקע גן-עדן,
דאָס ריכטיקע גן-עדן.

זלאַטקעס מאַמע

פיינושל, זאָלסט זאָגן דעם טאַטן: אַז כ׳וויל באַלד אינגיכן האָבן אַ תנאים, ער זאָל דאָס נישט אָפּלייגן...

ביינוש

נאָך אפשר מיט אַ חתונה אינאיינעם?...

ייטקעס מאַמע

בתעלע, כ׳בין אויך אַ מאַמע; און וויל אויך זען נחת ביי מיין קינד...

נתן

נאָך מער דאָס האָבן ביי איר, וויפיל איר וועט אַליין וועלן...

צירלס מאַמע

יאָסל-קרוין, מיין קינד איז מיר נעבעך שווער און ביטער אָנגעקומען...

יאָסל

איר, די קינדער, פאַרדאָס גרינגער אָנקומען...

די מאַמעס אָפּ מיט אַ גדולה.

צירל

אָטעמט אָפּ

אוי... מיר אַזאַ שטיין פון האַרץ אַראָפּ...

זלאַטקע

באַווייזט

און מיר, אַזאַ שטיין פון האַרץ אַראָפּ...

ייטקע

באַווייזט נאָכמער

און מיר, אַזאַ שטיין פון האַרץ אַראָפּ...

צ ב י ה

שוין... די בורזשאַווע האָט זיך שוין אַריבערגעטראָגן... אָפּגערעגנט... אָפּגעדונערט... און אָפּגעבליצט... דער הימל זיך אויסגעלייטערט... און ס׳ווערט שוין צוריק שיין...

י אָ ס ל

אַצינד; אַז ס׳איז יעדן איינעם אַ ביסל גרינגער געוואָרן, וועט מען שפּילן אין פּעטשערלעך.

ב י י נ ו ש

צביה זיין די מאַמע.

צ ב י ה

זעצט זיך אין מיטן שטול.

אַלע יונגען מיט די מיידן שטעלן זיך אַרום.

י אָ ס ל

מ׳וועט נישט ציען קיין קניפּלעך... איך לייג מיך... לייגט אַריין דעם קאָפּ, וועלכן זי נעמט אַרום מיטן פּאַרטוך אירן, און לייגט אָוועק די הענט אויפן הינטן.

ב י י נ ו ש

פאַרנעמט זיך, און גיט אַ פּאַטש אין זיי.

י אָ ס ל

כאַפּט זיך אויף, קוקט זיך אַרום, און ווייזט אָן אויף נתנען

דו ביסט עס.

נ ת ן

לייג דיך.

י אָ ס ל

לייגט זיך.

נ ת ן

דערלאַנגט אים ווי פריער, אַ פּאַטש.

יאָסל

כאַפּט זיך אויף, ווייזט אָן אויף ביינושן.

ביינוש

לייג דיך.

יאָסל

געמאַכט יד אחת? לייגט זיך ווידער אַראָפּ.

צירל

פאַרנעמט זיך און גיט אים אַ פּאַטש.

יאָסל

כאַפּט זיך אויף

פּעטש פון מיידלעך וועל איך נישט מיד ווערן אפילו אַ גאַנצן טאָג אַריינצוכאַפּן. ווייזט אָן אויף ייטקען.

ייטקע

לייג יך.

יאָסל

זאָג עס דעם חתן דיינעם, איך האָב שוין מיט וועמען. לייגט זיך אַראָפּ.

צירל

פאַרנעמט זיך און גיט אים ווידער אַ פּאַטש.

יאָסל

כאַפּט זיך אויף, און ווייזט אָן אויף צירלען.

צירל-מירל, קוקי די לאַקי.

ביינוש

אוודאי; ווער קאָן נאָך אַזוי דערלאַנגען ווי אַן אייגענע כלה?

נתן

דאָס איז אַצינד; וואָס וועט זיין דערנאָך?

צירל

לייגט זיך אַראָפּ

קיין שום יונג, ווייל איך נישט, זאָל מיר דערלאַנגען...

ביינוש

בלויז דער חתן אירער.

יאָסל

גיט איר אַ פּאַטש.

צירל

כאַפּט זיך אויף, קוקט זיך אַרום, און ווייזט אָן אויף נתנען.

נתן

צירל, לייג דיך.

צירל

לייגט זיך.

ייטקע

גיט איר אַ פּאַטש.

צירל

כאַפּט זיך אויף און ווייזט אָן אויף זלאַטקען.

זלאַטקע

לייג דיך.

צירל

לייגט זיך אַראָפּ

חיינט נישט קאָנען טרעפן ?

ביינוש

גיט איר אַ פּאַטש.

צירל

באפט זיך אויף, און ווייזט אָן אויף נתנען.

נתן

צירל, לייג דיך.

יאָסל

איך וועל מיך פאַר איר לייגן... לייגט זיך אראָפּ און הייבט אָן אריינצוכאַפּן פּעטש.

פאָרהאַנג